STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06553

DERTSEYLUNGEN

Bella Goldworth

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעלאַ גאָלדווירט

דערציילונגען

איקוף פאַרלאַג

ניו יאָרק, 1983

Bella Goldworth

DERTZEILUNGEN

STORIES

© by Bella Goldworth, 1983
330 West 72nd Street
New York, N.Y. 10023
All Rights Reserved
Printed in the U.S.A.

EMPIRE PRESS

550 EMPIRE BLVD. • BROOKLYN, N. Y. • (212) 756-1473

בעלאַ גאָלדווירט

פון זעלבן מחבר:

„נײַע טעג״ דערציילונגען 1949

„אין דער פּרעמד״ 1954

„איבער גרענעצן״ 1966

איבערגעזעצטע דערציילונגען אויף ענגליש

"a Cross the Border" 1971

„דער אומבאַקאַנטער קרוב״

אַ ראָמאַן איבערגעזעצט אויף ענגליש

"The unknown Relative" 1976

אינהאַלט

אין קלעם — 7
דאָס רויטע יאַקעלע — 17
ער צאָלט אַ חוב מיט פּראָצענט — 33
מײַן מאַמעס שכנים אין דאָרף — 44
ער האָט געהאַלטן וואָרט — 55
די קליינע פּעני — 66
אַ פּשוטע פֿרוי — 70
אידן אין אַמאָליקע פּוילישע דערפֿער — 75
דער אַלטער האָט געוואונען — 109
און אַנדער געפֿיל — 112
רבקה צוקער, דער שיינער מענטש — 124
אַ דערהויבנקייט — 134
אין אַ פּענסיאָנערן־קלוב — 143
דער פּיקניק — 150
אויף דער עלטער — 156

אין קלעם

ווען די נאַציס האָבן אָנגעהויבן טרײַבן אין פּוילן די אידן פון שטעט און שטעטלעך קיין וואַרשע אין דער געטאָ, האָט דער פאַמיליע אַפּעלבוים זיך אײַנגעגעבן איבערצולאָזן זייער צען יאָריקע, בלאָנדע מיידעלע, אַדעלאַ, בײַ אַ באַקאַנטער פּוילישער פאַמיליע.

אַדעלאַ׳ס עלטערן מיט צוויי עלטערע ברידער האָבן די נאַציס אָוועקגעשיקט אין געטאָ.

באַלד נאָך דער מלחמה, האָט די פּוילישע פאַמיליע איבער־געגעבן אַדעלאַ׳ן צו דער אידישער געזעלשאַפט, זי איז אָנגעקומען קיין ציפּערן (סאַיפּרעס), וואו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט גע־ראַטעוועטע פון היטלערס חורבן.

אַדעלאַ האָט שוין געוואוסט, אַז אירע עלטערן האָבן די נאַציס אומגעבראַכט, אָבער פון אירע צוויי ברידער האָט זי נישט געוואוסט, צי זיי לעבן ערגעץ, צי זיי זײַנען אויך אומגעבראַכט געוואָרן.

אַלע טאָג זײַנען קיין ציפּערן אָנגעקומען געראַטעוועטע מענטשן, רעשטלעך לעבן־געבליבענע נאָכן גרויזאַמען היטלער־חורבן, די מערסטע פון די לעבן־געבליבענע זײַנען געקומען אַהין אויסגעמאַטערטע, קראַנקע, געשוואָלענע פון הונגער, פון שרעק־לעכע לײַדן, פון פּײַניקונגען, וואָס זיי זײַנען אויסגעשטאַנען אין די לאַגערן.

די 16־יאָריגע אַדעלאַ איז דאָרט געווען די געזינסטע, האָט זי באַדינט די קראַנקע און שוואַכע, זיי געהאָלפן מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. זי האָט געטאָן איר אַרבעט מיט איבערגעבנקייט, מיט ליב־שאַפט צו די געליטענע. אַז זי האָט געזען אַ מענטש וויינט — אַמאָל האָט ער געוויינט פון זײַנע פיזישע ווייטאָגן, אַמאָל פון צער און

טרויער, וואָס ער האָט פאַרלוירן די אייגענע, נאָענטע, ליבסטע מענטשן — האָט אַדעלאַ מיט זיי מיטגעוויינט.

עס האָבן געמעגט זײַן שיינע, זוניקע טעג, — אַדעלאַ האָט נישט אָנגעקוקט דעם דרויסן. זי האָט פאַר זיך נאָר געזען די פאַר־טרויערטע, פאַרוויינטע מענטשן. זיי האָבן פאַרשטעלט פאַר איר די ליכטיקע זון־שײַן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דער הימל איז אויך פאַרטרויערט, וויינט מיט די מענטשן אויף דעם גרויזאַמען וועלט חורבן, אויף די רואינירטע פעלדער, אויף דער פאַרוויסטער, מיט בלוט און טרערן דורכגעווייקטער ערד. אַדעלאַ איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט איר אַרבעט, און זי איז בײַ אַלעמען געוואָרן שטאַרק באַליבט.

ווען זי האָט דערזען אַרײַנקומען אַ יונגן בחור, האָט זי באַלד געזוכט אויף זײַן פּנים ענלעכקייט צו אירן אַ ברודער. בײַ יעדן אַרײַנגעקומענעם האָט זי זיך נאָכגעפרעגט, צי ער האָט אפשר ערגעץ געטראָפן עמיצן מיט'ן נאָמען פישל צי לייבל אָפּעלבוים.

פון פּאַלעסטינע זײַנען אַלע עטלעכע וואָכן געקומען צוויי מענער. איינער איז געווען אַ מיטל־יאָריגער, אַ געלאַסענער, רואיגער מענטש רב אליעזר אַשעראָוויטש. ער איז געווען שיין גע־קליידט, אַ הויכער, באַליבטער מאַן. זײַן אויסזען איז געווען פון אַ באַלעבאַטישן, מען האָט אפילו געקאָנט זאָגן פון אַ גבירישן איד. אויף זײַן העלן, שיין־פאַרמירטן פּנים איז געלעגן אַ באַשטימטע זיכער־קייט, אַז ער ווייסט וואָס ער טוט. זײַן ברוין, קייליכדיק געשוירן בערדל האָט אים צוגעגעבן חשיבות, אַן אָנדייט, אַז ער איז נישט אַבי־ווער.

דער צווייטער איז געווען אַ יונגערמאַן, פון אַ צוויי־דרײַ און צוואַנציק יאָר. ער איז אויך געווען שיין אָנגעטאָן, אַ מיטל־וואוקסיגער, אַ דינער. אויף זײַן מאַט, טונקל פּנים איז געלעגן אַ הילפלאָזע נעבעכדיגקייט פון אַ דערשלאָגענעם מענטש. פון זײַנע טונקל־ברוינע אויגן האָט אַרויסגעשטראַלט אַ וואַרימקייט, אַ גוטס־קייט, — איינער וואָס איז נישט פעאיג עמיצן ווי צו טאָן. אים האָט

מען גערופן יאַקאָוו קישעלינסקי. ער איז געווען אַ שטילער, אַ קנאַפּ־ריידעוודיגער. ער האָט זיך צוגעהערט וואָס רב אליעזר אַשע־ראָוויטש זאָגט.

די צוויי מענער זײַנען געקומען אין נאָמען פון דער אידישער געזעלשאַפט, אָפּצוקלײַבן ווער פון די פּליטים עס נויטיגט זיך פריער אַריבערגעפירט צו ווערן קיין פּאַלעסטינע.

דעמאָלט, אין 1945, אונטער דער הערשאַפט פון די ענג־לענדער, איז נישט געווען גרינג פאַר אידן אַריינצוקומען קיין פּאַלעסטינע, האָט די אידישע געזעלשאַפט געזוכט וועגן ווי אַזוי אַריינצופירן, אַריינצושמוגלען טייל פון די לעבן־געבליבענע נאָכ'ן היטלער חורבן.

ווען אַדעלאַ האָט דערזען דעם יונגן יאַקאָוו האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער איז ענלעך צו איר עלטערן ברודער. אפֿשר דאָס וואָס ער האָט אַן אַנדער נאָמען, האָט זי אויסגעטייטשט: מענטשן בײַטן אַמאָל אַ נאָמען. אפשר האָט ער געהאַט אַ סיבה צו בײַטן דעם נאָמען?

זי איז נישט געווען דרײַסט, ווי מיט אַנדערע, אים צו פרעגן, וואו ער איז געבוירן געוואָרן, ווי אַזוי זײַנע עלטערן האָבן געהייסן אויף די ערשטע נעמען.

אין ציפערן, וואו אַדעלאַ איז געווען, האָט קיינער נישט גע־וואוסט ווער דער יונגערמאַן איז, צי ער איז פאַרהייראַט, צי ער איז אַ בחור, צי ער געהערט זיך עפּעס אָן מיט רב אליעזר'ן, צי ער איז אים אַ פרעמדער.

באַלד פון ערשטן קוק, ווען אַדעלאַ האָט דערזען יאַקאָוון, האָט ער זיך אײַנגעקריצט אין איר זכרון. נאָך זײַן אַוועקפאָרן איז זײַן גע־שטאַלט געשטאַנען פאַר אירע אויגן, איר נאָכגעגאַנגען אויף טריט און שריט, נישט אָפּגעטראָטן פון איר.

ער איז אַלע מאָל געקומען מיט רב אליעזר'ן. וואָס מער זי האָט אים געזען, אַלץ מער האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער איז ענלעך צו איר ברודער. ער האָט זיך צו איר גראָד שטאַרק צוגעלאָזן, גערעדט מיט איר מער ווי מיט אַנדערע. זי האָט פון דעם אַרויסגענומען, אַז ער מוז

טאַקע זײַן איר ברודער, ער דערקענט זי, נאָר ער וויל זיך נישט אויס־געבן. יעדעס מאָל וואָס ער איז געקומען, איז ער אַלץ פֿרײַנטלעכער געוואָרן צו איר. ער האָט איר פֿאַרזיכערט, אַז זי וועט אינגיכן פֿאָרן קיין פּאַלעסטינע — זי וויל דאָך וואָס שנעלער אַהין קומען. ער האָט גערעדט צו איר צאַרט, ליבלעך, אַמאָל געגעבן אַפֿילו אַ גלעט אירע בלאָנדע, געלאָקטע האָר, זי געבעטן צו האָבן געדולד.

נאָך זײַן אַוועקפֿאָרן האָט ער אָנגעהויבן איר שרײַבן וואַרימע, ליבע, האַרציקע בריוו, איר שיקן פּעקלעך מיט קאָסטבאַרע זאַכן. קיין אַדרעס אויף צוריק איז נישט געווען, האָט זי אים נישט געקאָנט ענטפֿערן. שפּעטער האָט ער יעדעס מאָל, ווען ער האָט זי געזען איר איבערגעלאָזט געלט זי זאָל זיך קויפֿן וואָס איר האַרץ גלוסט.

וואָס איז שייך צום פֿאָרן, האָט זי געזען, אַז יאַקאָוו האָט אַ קנאַפּע דעה; רב אליעזר איז דער וואָס באַשטימט ווער עס זאָל פֿאָרן פֿריִער, ווער שפּעטער.

יאַקאָוו איז בײַ אַדעלאַן געוואָרן אַ רעטעניש. ווען זי האָט פֿון אים דערהאַלטן אַ בריוו צי אַ פּעקל, האָט זי ווידער אָנגעהויבן טראַכטן: ווער איז ער? וואָס איז ער צו איר? פֿאַרוואָס איז ער אַזוי גוט צו איר? און זי האָט אַלץ מער געגלויבט, אַז נישט אַנדערש ווי נאָר ער איז איר ברודער.

אַמאָל האָט אַ בליץ געטאָן אין איר געדאַנק: אפֿשר איז ער אַ פֿרעמדער, אַ בחור, וואָס ער האָט צו איר אַ באַזונדערן ליבע־געפֿיל? דעמאָלט האָט זי געטראַכט: אָ! ווען דאָס וואָלט נאָר אַזוי געווען, וואָלט זי געווען גליקלעך. אָבער ער האָט דאָך איר קיין מאָל קיין וואָרט נישט געזאָגט, נישט געגעבן די מינדסטע אָנדייטונג, אַז ער האָט אַ געפֿיל פֿאַר איר. איז עס מעגלעך אַ בחור זאָל ליב האָבן אַ מיידל און נישט אַרויסווײַזן געפֿילן צו איר? — האָט זי בײַ זיך געפֿרעגט, און נישט געפֿונען קיין ענטפֿער.

נאָך אַזעלכע טראַכטונגען איז זי ווידער געבליבן אין צווייפֿל, ווי אין אַ חלום. די געדאַנקען האָבן זי נישט אָפּגעלאָזט, געעקבערט איר

מוח, נישט געגעבן איר קיין רו. זי האָט געטראַכט, געוואָלט אים פֿאַרשטיין, און נישט געקאָנט.

זי האָט אַליין נישט געקאָנט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס זי בענקט אַזוי שטאַרק נאָך אים, וואַרט מיט אומגעדולד אויף זײַן קומען. אַמאָל האָט זי געפֿילט, אַז זי איז געניאַרט פֿון אים, נאָר ווי גיך זי האָט אים דערזען, זײַנען אַלע צווייפֿלען פֿאַרשוואונדן. איר האָט זיך געדאַכט אַז ווען ער איז מיט איר, הייבן אָן זײַנע אויגן צו פֿינקלען מיט אַן אויפֿגעוואַכטן געפֿיל, זיי באַקומען אַ פֿרישן גלאַנץ. אויף זײַן שטענדיק־אומעטיקן פּנים לייגט זיך אַ פֿריילעכקייט, און דאָס טראָגט זיך אַריבער אויף איר געמיט. דעמאָלט ווערט איר גוט אויפֿן האַרצן, איר לעבן קריגט אַן אַנדער זין.

אַז זי האָט אַמאָל געהאַט די געלעגנהײַט מיט יאַקאָוון אַרויסגיין אין דרויסן, איז זי פֿאַר'שיכור'ט געוואָרן פֿון פֿרייד. זי האָט אָנגע־קוואָלן פֿון גאַנצן אַרום, געזען די שיינקייט פֿון הימל אַפֿילו ווען ער איז נישט געווען לויטער בלוי. געוויינלעך האָט זי מיט אים שפּאַ־צירט אַרום הויז, אַמאָל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ ביימל, גענומען צאַרט אַ צווייגל, באַקוקט דאָס, ווי זי וואָלט אויף דעם עפּעס געזוכט. די לופֿט, האָט זיך איר געדאַכט, שמעקט מיט די אָנגע־נעמסטע ריחות. עס איז איר נאָר געווען אַ שאָד, וואָס זי דאַרף צוריק אַרײַנגיין צו די קראַנקע, פֿאַראומערטע מענטשן.

יאַקאָוו איז ווי געוויינלעך געווען שטיל, פֿאַרטראַכט, ווי ער וואָלט געזוכט עפּעס צו זאָגן און קאָן נישט געפֿינען די ווערטער.

ענדלעך, נאָך צוויי יאָר וואַרטן איז אַדעלאַ געקומען קיין פּאַלעסטינע. יאַקאָוו האָט פֿאַר איר צוגעגרייט אַ וואוינונג, באַזאָרגט זי מיט אַלעם נויטיקן. ער האָט געוואוסט אַז זי וויל ווערן אַ קראַנקן־שוועסטער, האָט ער איר געזאָגט: „גיי לערן זיך, ווער וואָס דײַן האַרץ גלוסט. דו דאַרפֿסט פֿאַר קיין שום זאַך נישט זאָרגן, איך וועל זען אַז דיר זאָל גאָרנישט פֿעלן".

די גאַנצע האַנדלונג פֿון יאַקאָוון איז נאָך אַלץ פֿאַר איר געווען אומפֿאַרשטענדלעך. זי האָט נישט געקאָנט באַנעמען צוליב וואָס ער

טוט דאָס אַלץ פֿאַר איר. ער איז שטאַרק אײַנגעהאַלטן מיט אַ וואָרט. זי קאָן פֿון אים גאָרנישט אַרויסקריגן. ווי הינטער אַ שלאָס האַלט ער באַהאַלטן זײַנע געדאַנקען און זײַנע געפֿילן.

איין מאָל אין אַן אָוונט איז ער צו איר געקומען מיט אַ טײַערער מתנה, איר געגעבן געלט, זי זאָל האָבן אויף וואָכן צו לעבן. דעמאָלט האָט אַדעלאַ זיך אָנגענומען מיט מוט און אים אָפֿן געפֿרעגט:

— זאָגט מיר יאַקאָוו, איך בעט אײַך, צוליב וואָס טוט איר דאָס אַלץ פֿאַר מיר? טוט איר דאָס אפֿשר פֿאַר רחמנות, וואָס איר האָט געטראָפֿן אַן עלנטע יתומה? צי אפֿשר זענט איר מײַן ברודער, ווי מיר דאַכט זיך, און איר ווילט מיר נישט אויסזאָגן? איך בעט אײַך, זײַט אָפֿנהאַרציק. די פֿראַגן וואָס איר האָט נאָר וואָס געהערט מאַטערן מיך, לאָזן מיך נישט רוען, אײַער שווײַגן פּײַניגט מיך, איך קאָן דאָס מער נישט איבערטראָגן!

זי האָט מיט בײדע הענט פֿאַרשטעלט דאָס פּנים, ער זאָל נישט זען די טרערן אין אירע אויגן.

יאַקאָוו איז נאָך אַ ווײַלע געווען שטיל, געזעסן ווי פֿאַר־גליווערט. דערנאָך האָט ער שווער אָפּגעזיפֿצט און שטיל געזאָגט, ווי אַ פֿאַרשולדיגטער: — קיין ברודער־געפֿיל און אַוודאי נישט קיין רחמנות־געפֿיל קאָן מען ניט פֿאַרגלײַכן צו דער טיפֿער ליבשאַפֿט וואָס איך האָב צו דיר.

אַדעלאַ׳ס פּנים האָט אויפֿגעלויכטן, אירע טונקל בלויע אויגן האָבן זיך צעשטראַלט פֿון גרויס פֿרייד. זי האָט פֿון פֿריידיגער איבער־ראַשונג קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— יאַקאָוו טײַערער, איך האָב שוין לאַנג געוואַרט, געגאַרט דאָס צו הערן פֿון דיר, פֿאַרוואָס, זאָג פֿאַרוואָס האָסטו דאָס מיר פֿריער נישט געזאָגט, פֿאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי לאַנג געפּײַניגט?

יאַקאָוו האָט גענומען איר רעכטע האַנט אין זײַנע בײדע הענט, געקוקט אין אירע מיט פֿרייד־אָנגעפֿילטע אויגן און געזאָגט מיט האַרץ ווייטאָג:

— געפֿילן קאָן מען נישט מעסטן, עס קאָן זײַן אַז פֿון מײַן

שווײַגן האָב איך אפשר מער געליטן פון דיר, און רעדן איז אַמאָל נאָך שווערער. ווער ווייסט ווער פון אונז איז מער געפּײַניגט, וואָס איך קאָן נישט רעדן?

זי האָט פאַרוואָרפן די הענט אַרום זײַן האַלדז מיט אָפּגעשוואַכטער פרייד און אַביסל דערשראָקן געזאָגט:

— איך פאַרשטיי דיך ווידער נישט, פאַרוואָס רעדסטו פאַרשטעלט? אפשר צווייפלסטו אין מײַן ליבע צו דיר? אין אַ געוויסער מאָס האָב איך אויך אײַנגעהאַלטן, נישט אַרויסגעוויזן מײַנע געפילן צו דיר, ווײַל איך האָב נישט געוואוסט וואָס דו טראַכסט און פילסט צו מיר, האָט זי זיך ווי פאַרענטפערט.

אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן, דערנאָך האָט ער געזאָגט: — ניין, נישט אין צווייפל וועגן דײַן ליבע צו מיר גייט עס. איך האָב געפילט דײַן ליבשאַפט צו מיר, אַפילו ווען דו האָסט זיך צוריקגעהאַלטן.

און ער איז ווידער שטיל געבליבן. דאָס מאָל האָט אַדעלאַ נישט אָפּגעלאָזט. זי האָט צודרינגלעך אים געפרעגט:

— וואָס שווײַגסטו? אַז מיר ווייסן שוין ביידע מיר האָבן זיך ליב דאַרפן מיר זיך אָפּגעבן מזל טוב, מיר זײַנען חתן־כלה. איך בין גרייט אַפילו מאָרגן גיין מיט דיר צו דער חופּה!

ער האָט אַ קוש געטאָן איר האַנט, וואָס זי האָט געהאַלטן אַרום זײַן האַלדז, שטיל און שווער, קוים אַרויסגעזאָגט:

— איך קאָן מיט דיר נישט חתונה האָבן, איך בין אין אַ קלעם!

זי האָט אַוועקגענומען די הענט פון אַרום זײַן האַלדז, זיך אַ צאַפּל געטאָן, מיט דערשראָקענער איבעראַשונג געפרעגט:

— וואָס איז, ביסט חלילה אין אַ צרה? ביסט באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן? וואָס פאַראַ קלעם? זאָג דעם אמת, איך בעט דיך.

יאַקאָוו האָט אָנגעהויבן זייער שטיל דערציילן:

— זינט איך האָב דיך דערקענט, ראַנגל איך זיך מיט מײַנע געדאַנקען און געפילן, איך פיר מיט זיך אַ קאַמף און קאָן זיך נישט באַפרײַען פון דעם קלעם.

דאָ איז ער ווידער שטיל געבליבן, נישט געקאָנט ווײַטער רעדן, ווי ער וואָלט זיך מיט עפּעס געשטיקט. זײַנע אויגן זײַנען געוואָרן ווי מיט אַ נעפּל פאַרצויגן, זײַן לענגלעך, דין פּנים, האָט זיך געדאַכט, איז לענגער, דינער און שטאַרק טרויעריק געוואָרן.

זי האָט געוואַרט ער זאָל זיך באַרואיקן, קומען צו זיך. שפּעטער האָט זי מיט טרערן אין איר קול געזאָגט:

— איך זע דו באַהאַלסט עפּעס אויס פון מיר, דערציילן, איך בעט דיך, זאָג וואָס דריקט דיך?

ער האָט מיט אַ פינגער אַ ויש געטאָן די פײַכטע אויגן־ווינקלען און אָנגעהויבן שווער און שטיל דערציילן:

„אין דער צײַט פון היטלערס מלחמה, בין איך געווען אין אַ לאַגער. נאָך היטלערס מפּלה, בין איך געלעגן אַ געשוואָלענער פון הונגער און די קלעפּ, וואָס איך האָב געקראָגן פון די נאַציס. ווען עס וואָלט געדויערט נאָך עטלעכע טעג, וואָלט איך אויסגעגאַנגען. אויף אַ טראָג־בעטל האָט מען מיך אַרויסגענומען פון לאַגער, געבראַכט קיין ציפּערן מער טויט ווי לעבעדיק. איך האָב נישט געגלויבט, זיך נישט גערעכנט, אַז איך וועל קאָנען שטיין אויף מײַנע פיס. אַ וואָך שפּעטער איז רב אליעזר געקומען באַזוכן די ערשטע לעבן־געבליבענע קרבנות נאָך דעם היטלער חורבן. מיך האָט מען שוין געהאַט עטוואָס אָטכייעט, דאָס געשווילעכץ האָט ביסלעכווײַז אָנגע־הויבן אָפּגיין. איך האָב זיך געשטעלט אויף די פיס. אין עטלעכע טעג אַרום האָט רב אליעזר אַרויסגענומען דרײַ מענטשן זיי אַריבער־צושמוגלען קיין פּאַלעסטינע. איך בין געווען צווישן די דרײַ, נאָך אַ שטאַרק קראַנקער.

„וואו יענע צוויי זײַנען אַוועק, ווייס איך נישט, מיך האָט רב אליעזר גענומען צו זיך אַהיים. זײַן פרוי מיט זײַן איינציגער טאָכטער, אַ מיידל אין די שפּעטע צוואַנציגער יאָרן. ביידע האָבן זיי אַרומ־געפּאַדעט אַרום מיר, מיך געפּלעגט מיט די בעסטע שפּײַז, געטאָן וואָס איז נאָר געווען נויטיק, און מעגלעך, איך זאָל זיך שטאַרקן, געזונט ווערן. זיי האָבן מיר געשענקט אָן אַ שיעור וואַרימקייט,

האַרציגע, אמתדיגע ליבשאַפט, מיך באַהאַנדלט ווי זייערס אַ קינד.
„פאַר דער מלחמה, האָב איך געהאַט עלטערן, צוויי שוועסטער און אַ ברודער. פון זיי אַלע האָב איך ביז היַינט נישט קיין שפּור. דאָ האָב איך דערפילט, אַז איך בין מער נישט איינזאַם. איך האָב אַ גוטע ליבע היים מיט געטריַישאַפט פון אַ גאַנצער פאַמיליע. דאָס געפיל פון עלנטקייט איז ביסלעכוויַיז איַינגעשרומפּן, פאַרלאָרן געוואָרן.
„ווען איך בין אינגאַנצן געזונט געוואָרן, האָט רב אליעזר מיך אַריַינגענומען אין זיַין געשעפט, וואו מען אַרבעט אויס באַלאַדן פאַר פאָדלאָגעס, געמאַכט מיך פאַרן גאַנצן באַלעבאָס פון געשעפט, ווי איך וואָלט געווען זיַין אייגענער זון. איך בין זיי ביז היַינט טיף דאַנק־באַר, וואָס זיי האָבן געטאָן פאַר מיר, אָבער שפּעטער... שפּעטער האָט רב אליעזר אַליין מיר פאָרגעשלאָגן איך זאָל ווערן זיַין איידעם, דער מאַן פון זיַין איינציגער טאָכטער.
„זי האָט אַלס קינד געהאַט אַן אָפּעראַציע אויף אַ פוס, איז דער פוס ביַי איר געבליבן קירצער פון דעם אַנדערן. עס קאָן זיַין אַז צוליב דעם איז געווען שווער צו קריגן אַ בחור. זי איז גראָד אַ געלערנטע, אַ קלוגע, אינטערעסאַנטע פרוי, אויפן פנים נישט קיין מיאוסע, אָבער איך האָב נישט געהאַט דעם מינדסטן געפיל צו איר, זי זאָל ווערן מיַין פרוי. איך האָב זי רעספּעקטירט אַלס מענטש, אָפּגעשאַצט און דאַנק־באַר געווען פאַר איר געטריַישאַפט צו מיר, נישט מער, די פאַמיליע איז אָבער דורכאויס באַשטאַנען איך זאָל מיט איר חתונה האָבן.
„זיך אָפּזאָגן פון דעם שידוך האָט געמיינט זיך אָפּזאָגן פון דער גאַנצער פאַמיליע, פאַרלירן די געטריַישאַפט פון די ליבע מענטשן, וואָס זיַינען געוואָרן מיַינע נאָענטסטע אין מיַין עלנטן לעבן. אָן זיי וואָלט איך ווידער געבליבן איינזאַם. די איינזאַמקייט האָט מיך גע־שראָקן. פון דער אַנדערער זיַיט האָט מיַין דאַנקבאַרקייט צו דער פאַמיליע אין וועלכער איך האָב זיך גענויטיגט, נישט געלאָזט מיך איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון דעם שידוך".
ער האָט שווער געזיפצט און צוגעגעבן:
„איך האָב טאַקע אַ גוטע היים, געלט וויפיל איך וויל מיט אַ סך

ליבשאַפט צו מיר, אָבער מען קאָן נישט זײַן גליקלעך בלויז מיט יענעמס ליבע געפילן, מען דאַרף אַליין טראָגן אין זיך דעם ליבע־געפיל.

„זינט איך האָב דיך דערקענט, וואָלט איך זיי אַלץ מוחל געווען. אַמאָל טראַכט איך: אפשר זאָל איך גט'ן מײַן פרוי? נאָר באַלד גיט אַ שלאָג אַן אַנדער געדאַנק אין מײַן מוח: ווי וואָג איך צו טראַכטן פון אַ גט, ווי קאָן איך דאָס טאָן צו מענטשן, וואָס האָבן מיר אַזויפיל גוטס געטאָן, געראַטעוועט מײַן לעבן? זאָל איך זיי איצט פאַרשאַפן יסורים? דאָס שיידן זיך מיט מײַן פרוי וועט פאַר זיי אַלע זײַן אַ גרויסער קלאַפּ, אַ שרעקלעכע טראַגעדיע. איך וועל באַגיין געגן זיי אַ גרויסן פאַרברעכן. און אָן דיר, אַדעלאַ טייערע, האָט מײַן לעבן קיין זין נישט. איך בין אין אַ קלעם!"...

זײַן קאָפּ איז געפאַלן אויף איר אַקסל, זי האָט צאַרט געגלעט זײַנע שוואַרצע האָר.

ביידע זײַנען פאַרשוויגן געוואָרן ווי פאַרשטומטע.

דאָס רויטע יאַקעלע

די יונגע, מיטלוואוקסיקע, דינע פּרוי מיטן לענגלעכן מאַטן פּנים, יאַדוויגאַ סאַוויצקאַ, האָט אין אַ וואַרעמען זומער פרימאָרגן פאַרלאָזט איר שטוב אין דאָרף גאַלעץ.

זי איז געגאַנגען אין פעלד אַרײַן, מיט אַ מאָטיקע אין האַנט, אַרומצושאַרן די ערד אַרום די קאַרטאָפל־שטאַמען און אויסצורײַסן די ווילדע גראָזן.

אין דרויסן האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן טאָגן. אויפן לויטערן, טונקל־בלויען הימל, האָט זיך נאָך געהאַלטן אַ האַלבע בלאַסע לבנה. באַלד האָט אין ווײַטן האָריזאָנט, ווי פון אונטער דער ערד, זיך באַוויזן אַ לאַנגער פלאַמפײַערדיקער הימל־פּאַס. ווי פון אַ רויט אָנגעצונדענעם פּאַס האָט אָנגעהויבן אַרויסקריכן אַ פלאַמיקע זון, וואָס האָט מיט לאַנגע, אויסגעצויגענע, גינגאָלד בענדער באַצירט די פעלדער און די ביימער. אונטערן בליאַסק פון די שאַרפע זון־שטראַלן האָבן אויף בלעטער און גראָזן די טוי־טראָפּנס זיך צעפינקלט. די זון האָט פּאַוואָליע זיך גערוקט אַרויף אויפן לויטערן העל געוואָרענעם הימל — אַן אָנזאָג, אַז עס שטעלט זיך אַ הייסער טאָג.

אין פּוילן האָבן שוין די היטלעריסטן געבושעוועט, געקוילעט, געשענדט און געראַבעוועט. דאָס דאָרף איז געווען אָנגעפילט מיט פּחד. מען האָט זיך געשראָקן: די נאַציס וועלן אַ ליאַדע טאָג אַהין אַרײַנפאַלן, צונעמען בײַ יעדן דעם לעצטן ביסן פון מויל.

פרוי סאַוויצקאַ איז געגאַנגען איבער צעגרינטע פעלדער איינינקע אַליין. קיינער פון די דאָרף־מענטשן איז נאָך אין דעם נאָר וואָס אויפקומענדיקן פרימאָרגן נישט אַרויסגעקומען צו דער אַרבעט.

ס׳איז געווען שטיל, זייער שטיל. אין גאַנצן אַרום האָט מען נישט געהערט קיין שאָרך פון אַ בלאַט.

דער נאָענטער וואַלד איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, ווי פאַר־גליווערט, מיט בײַנאַכטיקער רואיקייט געדרימלט.

ווען יאַדוויגאַ סאַוויצקאַ איז צוגעקומען צו אירע קאַרטאָפל־בייטן, וואָס זײַנען געלעגן נישט ווײַט פון וואַלד, האָט זי דערהערט אַ שוואַך, פאַרמאַטערט קינדעריש געוויין. זי איז געבליבן שטיין, מיט דער מאָטיקע אין האַנט, זיך צוגעהערט, געוואָלט דערכאַפּן פון וואַנען דאָס געוויין טראָגט זיך. זי איז אַ היפּשע ווײַלע געשטאַנען, אָנגעשפּיצט די אויערן. דאָס געוויין איז אַמאָל געווען שטאַרקער, אַמאָל שוואַכער, ווי די קינדערישע כּוחות גייען אויס — אַ פּישטשען פון אַ פּיצל שוואַך קינד.

אין דער פרימאָרגנדיקער שטילקייט האָט זי דערכאַפּט, אַז דאָס קינדערישע געוויין טראָגט זיך פון וואַלד.

זי האָט אַוועקגעלייגט די מאָטיקע און אָנגעהויבן נאָכגיין דאָס קול.

מיט אַ מאָל איז דאָס געוויין פאַרלוירן געוואָרן. זי איז געבליבן שטיין. אין דער ריינער פרימאָרגן לופט האָט זיך פון ערגעץ ווײַט דערטראָגן אַ פויגל־סוויטש, דאָס געוויין איז אַנטשוויגן געוואָרן, זי הערט דאָס נישט מער. יאַדוויגאַ האָט אָנגעהויבן צווייפלען: אפשר האָט זיך איר בלויז אויסגעדאַכט, געוואָלט שוין גיין צוריק. דאָס שוואַכע פּישטשענדיקע געוויין האָט זיך ווידער דערהערט. זי האָט אָנגעהויבן שנעלער נאָכגיין דאָס קול. וואָס נעענטער זי איז צוגעקומען צום וואַלד, אַלץ זיכערער איז זי געווען, אַז דאָס קינדערישע געוויין קומט טאַקע פון דאָרט. זי האָט, איצט שוין מיט זיכערע טריט, אימפּעטיק ווײַטער געשפּאַנט.

בײַם ברעג וואַלד האָט זי דערזען ליגן אַ קינד — אָנגעטאָן אין אַ רויט, געשטריקט יאַקעלע. דאָס קינד וואַרפט מיט די פיסלעך, שטופּט די הענטלעך אין מיילעכל, זויגט די אייגענע פינגערלעך.

פון וואַלד האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט אַ מורא׳דיקע שטיל ייט.

יאַדוויגאַ סאַוויצקאַ האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד אין אירע הענט, צוגעטוליעט דאָס צו איר ברוסט, און מיט דעם אויסגעמאַרעטן פּיצל שנעל געלאָפן אַהיים. זי האָט דאָס קינד אַוועקגעלייגט אויפן בעט, געכאַפּט אַ ביסל מילך מיט אַ לעפעלע, אַריבערגעבויגן איר דינעם קערפּער צום קינד און לעפעלע־נאָך־לעפעלע מילך געגעבן אין מײַלעכל. דאָס קינד האָט זיך אָנגעהויבן „אַטרייען", קומען צו זיך. שפּעטער האָט זי אָפּגעקאָכט אַ קאַשקע מיט מילך און געקאָרמעט דאָס נפשל.

געווען איז דאָס אַ מיידעלע, וואָס האָט אויסגעקוקט צו זײַן פינף אָדער זעקס מאָנאַטן. זי האָט איר אַ נאָמען געגעבן אַדעלאַ.

יאַדוויגאַ האָט אויסגעטאָן פון קינד דאָס געשטריקטע, רויטע יאַקעלע, דאָס גוט אויסגעוואַשן און באַהאַלטן. געטראַכט האָט זי:

— אויב מיר וועט זיך אײַנגעבן אויסהאָדעווען דאָס מיידעלע, וועל איך זײַן גליקלעך.

זי איז געווען פיר יאָר פאַרהייראַט, יאַדוויגאַ, און האָט נישט געהאַט קיין קינד. אין די ערשטע טעג פון די נאַצישע אָנפאַלן אויף פּוילן, איז איר מאַן געפאַלן אין קאַמף קעגן די פאַשיסטן. איז איר איצט צוגעשיקט געוואָרן דאָס קינד. — אַז זי וועט בײַ מיר אויס־וואַקסן, האָט זי געטראַכט, וועל איך איר ווײַזן און דערציילן, אַז אין דעם רויטן יאַקעלע האָב איך זי געפונען בײַם ברעג פון וואַלד, אַ פאַרשמאַכטע, אַן אויסגעהונגערטע.

* * *

אַדעלאַ איז געוואַקסן שיין און געראָטן. זי האָט געהאַט גרויסע הימל־בלויע אויגן, העל בלאָנדע, גאָלדענע געלאָקטע האָר, אַ קײַלעכדיק ליכטיק פּנימ׳ל, אַ קליינטשיק מײַלעכל, מיט אַ קורץ פאַרריסן נעזל.

די פרוי סאַוויצקאַ האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט איר געפונען קינד. די ליבשאַפט צווישן דער מאַמען מיטן מיידעלע איז געוואַקסן, מיט יעדן טאָג שטאַרקער געוואָרן.

ווען די מאַמע האָט געקעמט אַדעלאַס בלאָנדע לאָקן, האָט זי

נאָר געוואָלט זיי אויסציען, אויסגלײַכן — זיי זאָלן זײַן ענלעך צו אירע גלײַכע, אויך בלאָנדע, האָר. און אַדעלאַ האָט אַלע מאָל געדרייט אַרום איר פינגער די מאַמעס גלײַכע האָר, זיי זאָלן זײַ געלאָקט ווי אירע, איינע צו דער אַנדערער זאָל זײַן ענלעך.

די פרוי סאַוויצקאַ איז געווען אומרואיק. זי האָט מורא געהאַט, אימיצער פון דאָרף זאָל נישט אויסזאָגן די נאַציס, אַז זי כאָוועט אַ געפונענע קינד. אויב די נאַציס זאָלן חושד זײַן, אַז ס'איז אַ ייִדיש קינד, קאָנען זיי עס פון איר, חלילה, אַוועקרײַסן. זי האָט דאָס אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ, געציטערט איבער איר. זי האָט זי קיין טריט אַליין נישט געלאָזט גיין. אומעטום איז זי מיט איר געגאַנגען, געפירט זי בײַם הענטל, זי האָט געציטערט איבער איר און דאָס קינד האָט אויף קיין מינוט נישט אָפּגעטראָטן פון דער מאַמען. גלײַך זייביידע וואָלטן פאַר עפּעס מורא געהאַט, זיך געשראָקן מען זאָל זיי נישט צעשיידן.

יאַדוויגאַ סאַוויצקאַ האָט גענומען מיט זיך אַ ביסל זאַכן און איז אַוועק מיט אַדעלאַן אין אַ שטעטל.

נאָך דער מלחמה האָט יאַדוויגאַ סאַוויצקאַ זיך צוריק אומגעקערט אין דאָרף גאָלעץ, וואו זי האָט געהאַט איר אייגענע שטוב, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן צימער און אַ קיך מיט אַן אַלקער. לעבן הויז — אַ גאָרטן מיט פרוכט־ביימער, זי האָט אויך געהאַט אַ שטיקל פעלד.

אַדעלאַ איז שוין אַלט געווען אַכט יאָר. זי איז געגאַנגען אין שול און זיך זייער גוט געלערנט.

געשען איז דאָס אין איין קאַלטן ווינטערטאָג. דער שניי האָט געקרעכצט אונטער די טריט, דער פראָסט האָט געריסן דאָס פּנים, דער הימל איז געווען מיט אַ טונקל גרויען וואָלקן באַדעקט, עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער מיט וואָלקנס שווער אָנגעלאָדענער הימל וועט באַלד צו דער ערד אַראָפּפאַלן. אַ בייסיקער ווינט האָט געריסן און געהויבן דעם שניי.

אין דער זאַווערוכע האָט אין דאָרף גאָלעץ זיך באַוויזן אַ הויכער, דאַרער מאַן. ער איז געגאַנגען פון הויז צו הויז זיך נאָכגעפרעגט:

— אפשר ווייסט איר צי אימיצער האָט דאָ אין דאָרף, אין 1940, געפונען אַ קליינטשיק מיידעלע בײַם ברעג פון וואַלד?

עטלעכע האָבן געענטפערט:

— מיר ווייסן פון גאָרנישט!

דער מאַן איז ווײַטער געגאַנגען. ער האָט אָנגעטראָפן אין הויז פון אַן עלטערער פויערטע. אַריינקומענדיק אין הויז וואו דער אויוון האָט געברענט, האָט ער געוואָלט זיך אָנוואַרעמען. ער האָט זיך געשטעלט לעבן ברענענדיקן אויוון, געריבן די קאַלטע הענט און אָנגעהויבן דערציילן:

אין צײַט פון דער היטלער־מלחמה בין איך מיט מײַן פרוי געווען נישט ווײַט אָט דאָ, בײַ אײַך אין וואַלד, מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנען. איין מאָל בײַנאַכט האָבן מיר דערשפּירט די נאַציס קומען אָן — זיי זוכן אונדז, מיר האָבן געמוזט שנעל אַנטלויפן. מיר האָבן געהאַט אַ מיידעלע פון קנאַפּע זיבן מאָנאַטן, מיר האָבן נישט געהאַט וואָס צו געבן איר צו עסן און מיר האָבן דאָס קינד נישט געקענט מיטנעמען, קוים וואָלטן די היטלעריסטן דערהערט אַ געוויין פון קינד, וואָלטן זיי געוואוסט וואו מיר זײַנען און אונדז אַלע אויסגעשאָסן אויפן אָרט. האָבן מיר לויפנדיק מיט גרויס ווייטיק געמוזט איבערלאָזן אונדזער קינד בײַם ברעג וואַלד, מיט דער האָפענונג, אפשר וועט אימיצער פון דאָרף זי געפינען אַ לעבעדיקע און זי ראַטעווען פון אומקום. בין איך געקומען אויסגעפינען, צי האָט אפשר אימיצער געפונען מײַן קינד, צי לעבט זי ערגעץ?

די עלטערע פויערטע האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט, איר פנים איז געווען ערנסט. זי האָט באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ און לאַנג געשוויגן, ווי זי וואָלט זיך וועגן עפּעס געיישוב׳ט. דערנאָך האָט זי פּאַמעלעך און שטיל געזאָגט:

— די פרוי יאַדוויגאַ סאָוויצקאַ האָט געוועט אַ שיין פרעמד מיידעלע, וואו זי האָט זי גענומען ווייס איך נישט. גייט אַריבער צו איר, אפשר וועט איר זיך דערוויסן צי דאָס איז אײַער קינד. די סאָוויצקאַ וואוינט דאָ נישט ווײַט, דאָס דריטע הויז פון מיר.

ער האָט באַמערקט: די פֿויערטע וויל נישט דערציילן אַלץ וואָס זי ווייסט. עס האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן דאָס האַרץ. ער האָט נערוועז, שנעל געזאָגט:

— איך דאַנק אײַך, איך דאַנק אײַך, ליבע פֿרוי.

אַ צעטראָגענער, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, איז ער געלאָפֿן צום דריטן הויז. ער איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין בײַ דער טיר, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, דערנאָך אַ לײַכטן קלאַפּ געטאָן אין טיר. די פֿרוי סאָוויצקאַ האָט געעפֿנט די טיר און זיך אַ צאַפּל געטאָן דערזעענדיק דעם פֿרעמדן. איידער זי האָט באַוויזן אים צו פֿרעגן וואָס ער וויל, האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ געפּאַלעטעם טאָן:

— מײַן נאָמען איז מאָטל ווישניע, איך האָב געהערט — איז ער געגאַנגען אויף זיכער — אַז איר האָט אין 1940 געפֿונען אַ קליין מיידעלע בײַם ברעג וואַלד. דאָס איז מײַן קינד, איך וועל אײַך געבן אַ סימן. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ געשטריקט, רויט יאַקעלע. זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וואו איז זי. איך וויל זי זען.

די פֿרוי סאָוויצקאַ איז פֿאַרציטערט געוואָרן דערהערנדיק דעם סימן.

אַ צעטומלטע האָט זי אָנגעהויבן שרײַען:

— איך דאַרף קיינעם נישט אָפּגעבן קיין חשבון. איך בין קיינעם גאָרנישט שולדיק. געפֿונען, צי נישט געפֿונען — און אַז איך האָב געפֿונען איז דאָס מײַנס! גייט אײַך פֿון דאַנען, דרייט מיר נישט קיין קאָפּ!

אין מאָטל ווישניע האָבן זיך אַלע גלידער געטרייסלט, דאָס האַרץ האָט זיך אַזוי שטאַרק אין אים געוואָרפֿן.

מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— איך בעט אײַך, טײַערינקע, זײַט נישט בייז. איך וויל איר זאָלט מיך פֿאַרשטיין. איך וועל אײַך דערציילן פֿאַרוואָס מיר האָבן געמוזט איבערלאָזן דאָס קינד אונטערן פֿרײַען הימל אויף הפקר. איך און מײַן פֿרוי האָבן געהאָפֿט: אפֿשר וועט אימיצער זי געפֿינען אַ לעבעדיקע. מײַן פֿרוי האָבן די נאַציס אומגעבראַכט. איך האָב זיך קוים

גערעאַטעוועט פֿון די נאַצישע מערדער, זוך איך מײַן קינד. איז דאָס, חלילה, אַן עוולה?

פֿרוי סאַוויצקאַ איז געווען שטאַרק נערוועז, צערודערט. זי האָט עפּעס געמישט אין אַ טאָפּ אויפֿן אויוון און גאָרנישט געהערט וואָס דער מאַן רעדט, מאָלט ווי אַ מיל.

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און מיט כּעס געזאָגט:

— איך וויל נישט וויסן פֿון אײַך, איך האָדעווע מײַנס אַ קינד.

ער אָבער האָט ווײַטער געהאַלטן אין איין רעדן:

— טײַערע פֿרוי סאַוויצקאַ, איר האָט געטאָן אַ שיינע, נאָבעלע זאַך. איר האָט אויפֿגעהויבן אַ פֿרעמד קינד און דאָס דערהאַלטן בײַם לעבן. איך וועל מײַן גאַנץ לעבן אײַך זײַן דאַנקבאַר פֿאַר דעם. אָבער איך בין דאָך איר טאַטע, וויל איך זי האָבן מיט מיר. איך וועל פֿאַר אײַער מי, פֿאַר אײַער גוטסקייט אײַך באַלוינען פֿאַר אַלץ, וואָס זי האָט אײַך געקאָסט.

די פֿרוי סאַוויצקאַ איז געוואָרן אויפֿגעבראַכט פֿון צאָרן, געשריגן ווי נישט מיט איר קול:

— איר ווילט בײַ מיר אָפּקויפֿן מײַן קינד! ס'איז נישטאָ אַזאַ פּרײַז! ווי דערוועגט איר זיך גאָר אַזוי רעדן? איר האָט נישט קיין שום רעכט וועלן זי אַוועקנעמען פֿון מיר! איך האָב זי געפֿונען אַ פֿאַר־מאָרעטע, האַלב־טויטע, קוים וואָס זי האָט געזשיפּעט, איך האָב זי גערעאַטעוועט, איך האָדעווע זי, איך בין איר מאַמע!

זי האָט אַן עפֿן געטאָן די טיר און אַ געשריי געגעבן:

— גייט שוין אַרויס פֿון דאַנען!

ער איז אַוועק. זי האָט צוגעמאַכט די טיר מיט אַזאַ זעץ, אַז אַדעלאַ וואָס האָט אין אַלקער געגרייט איר שול־אַרבעט, איז אַרײַנגעלאָפֿן אַ דערשראָקענע:

— מאַמעשי, ווער איז דאָ געווען? וואָס איז געשען?

— גאָרנישט, גאָרנישט, מײַן קינד — און זי האָט מיטן שפּיץ פֿאַרטעך געווישט די נאַס־געוואָרענע אויגן.

אַדעלאַ האָט זיך נישט אָפּגעטשעפּעט, געהאַלטן אין איין פֿרעגן:

— זאָג מיר, מאַמעשי, ווער איז דאָ געווען?

די מאַמע, נאָך אַלץ ווישנדיק די טרערן, האָט געזאָגט:

— עפּעס אַ מאַן איז געקומען און געזאָגט, ער איז דײַן טאַטע און דיך געוואָלט צונעמען פון מיר!

דאָס מיידל איז אַרויפגעפאַלן אויף דער מוטער, מיט ביידע הענט אַרומגעכאַפּט איר האַלדז, זיך געטוליעט צו איר און אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך געוויין:

— מאַמעשי, טײַערע מאַמעשי, איך וועל נישט גיין! איך וויל זײַן מיט דיר!

* * *

מאָטל ווישניע איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן. ער איז עטלעכע מאָל געקומען רעדן מיט פרוי סאָוויצקאַ, ער האָט געוואָלט דערוועקן רחמנות אין איר. איין מאָל האָט ער אָנגעהויבן מיט ווייכקייט:

— טײַערע פרוי סאָוויצקאַ, איך האָב אין דער שוידערלעכער היטלער־מלחמה פאַרלוירן מײַן ליבע פרוי. מײַנע עלטערן זײַנען פאַרברענט געוואָרן, אַלע מײַנע שוועסטער און ברידער זײַנען פאַרפּײַניקט געוואָרן צום טויט, איך בין געבליבן איינער אַליין פון מײַן גאַנצער פאַמיליע. איך בין עלנט און איינזאַם. מײַן איינציקער אָנהאַלט, מײַן איינציקע טרייסט איז איצט, וואָס איך האָב געפונען מײַן קינד לעבעדיק — וויל איך זי האָבן מיט זיך.

די פרוי סאָוויצקאַ איז געוואָרן שרעקלעך אויפגערעגט פון זײַנע רייד. זי האָט קורץ און שאַרף אים איבערגעשלאָגן:

— איר זענט נישט דער איינציקער, וואָס איז געבליבן נאָך דער היטלער־מלחמה איינזאַם און צעבראָכן. מיליאָנען מענטשן זײַנען געוואָרן אומגליקלעך, פאַרלוירן זייערע אייגענע, מיך אַרײַנגערעכנט. איך האָב פאַרלוירן מײַן ליבן מאַן. אָבער דאָס אַלץ האָט גאָרנישט צו טאָן מיט אַדעלאַן. אײַער וועלן אָוועקרײַסן זי פון מיר, איז אַ טאָפּלט פאַרברעכן. אַ פאַרברעכן קעגן קינד און אַ פאַרברעכן קעגן מיר. איר מעגט אין זין האָבן, אַז זי דאַרף אַ מאַמען, אַז זי איז

מיט גרויס ליבשאַפט צוגעבונדן צו מיר. אַז איר וועט זי צונעמען פון מיר, ווייס איך נישט וואָס פון איר וועט ווערן. זי וועט זיכער שטאַרק בענקען נאָך מיר און איר היים. זי קאָן חלילה קראַנק ווערן. אַן אמת׳ער טאַטע דאַרף טראַכטן פאַרן גוטס פון זײַן קינד. איר טראַכט נאָר וועגן זיך. באַרעכנט זיך, וואָס איר ווילט טאָן.

אָבער די רייד זייערע זײַנען געווען אומזיסט — זיי האָבן איינער אויף דעם אַנדערן קיין שום ווירקונג ניט געהאַט.

מאָטל ווישניע איז נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט זיך פאַרנומען מיט אַלע כוחות אַרויסצוקריגן דאָס מיידל פון פרעמדע הענט און אַנגעווענדט אַלע מיטלען צו דערגרייכן זײַן ציל.

די פרוי סאַוויצקאַ איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק: מען וויל פון איר מיט כוח אַוועקרײַסן דאָס קינד. האָט זי אין אַ מיטן נאַכט אײַנגעפּאַקט אַ ביסל זאַכן, גענומען אַדעלאַן און אַוועק מיט איר אין אַ ווײַטער גרויסער שטאָט צו אַ קרובה, געהאָפט אַזוי אַרום אַדעלאַן אויסבאַהאַלטן, זי אָפּהיטן פאַר זיך.

אָבער מאָטל ווישניע האָט אויך נישט גערוט, געאַרבעט מעשים אַרויסצורײַסן זײַן קינד. אין בלויז עטלעכע חדשים האָט ער זיך דערוואוסט וואו די סאַוויצקאַ געפינט זיך מיטן מיידעלע. ער האָט אַזוי פאַראַרבעט, ביז מען האָט דאָס מיידל אַרויסגענאַרט, אַרויסגע׳גנב׳עט פון איר מאַמען.

בײַם פאָטער האָט אַדעלאַ געהייסן זיסל.

מאָטל האָט נישט געהאַט קיין היים, ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט בײַ פאַרשידענע באַקאַנטע מענטשן.

זיסל האָט אויפגעהערט עסן, זי האָט נישט געקאָנט שלאָפן, געהאַלטן אין איין וויינען, פרעגן דעם פאָטער, צו וועמען זי האָט נישט געהאַט קיין שום געפיל פון ליבשאַפט:

— פאַרוואָס האָסטו מיך צוגענומען פון מײַן מאַמעשי, פיר מיך צוריק צו מײַן מאַמעשי.

זי פלעגט זיך אויפכאַפּן אין מיטן נאַכט, וויינען, שרײַען: „מאַמעשי! מאַמעשי! איך וויל מײַן מאַמעשי!״ זי האָט אַזוי שטאַרק

געבענקט, אַז פון קינד איז געוואָרן אַ תל. זעענדיק, ער קאָן אַפילו נישט אַכטונג געבן אויף איר האָט מאָטל זיסלען אַרײַנגעגעבן אין אַ יתומים־היים.

נאָך דער היטלער־מלחמה זײַנען אין פוילן געשאַפן געוואָרן אַ סך קינדער־היימען אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך.

פרוי סאָוויצקאַ נאָך דעם ווי מען האָט פון איר אָוועקגעריסן אַדעלאַן, איז איר לעבן געוואָרן אויסגעהוילט — מען האָט אַרויס־געריסן פון איר דאָס האַרץ מיט דער נשמה. דאָס טײַערסטע פון איר לעבן איז פאַרשוואונדן — אָן דעם קינד איז זי געבליבן אויסגע־ליידיקט אין איר אינגעווייד.

אין אַ צײַט אַרום האָט זי זיך דערוואוסט, אַז אַדעלאַ געפינט זיך ערגעץ אין אַ יתומים־הויז. זי מוז כאָטש נאָך איין מאָל אין איר לעבן זי זען. זי האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבערן לאַנד זוכן איר קינד. נישט גרינג איז דאָס אָנגעקומען. זי האָט אָבער נישט אויפגעגעבן די האָפענונג דאָס קינד צו געפינען.

זי האָט געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל — וואו נאָר אַ קינדער־היים האָט זי זיך נאָכגעפרעגט. זי האָט נישט געוואוסט ווי דאָס קינד הייסט אויפן ערשטן אידישן נאָמען, האָט זי אויסגע׳משל׳ט איר אויסזען און געגעבן דעם פאַמיליע־נאָמען, ווישניע. צענדליקער היימען האָט זי באַזוכט. צענדליקער מײַלן געגאַנגען צופוס, געשלעפּט זיך מיט פערד־און־וועגענער, געפאָרן מיט באַנען, נעכט נישט דערשלאָפן, טעג נישט דערעסן — און אַלץ נישט אויפגעהערט זוכן איר קינד.

נאָך אַ יאָר וואַלגערן זיך אונטערוועגנס, האָט זי ענדלעך זיך דערשלאָגן צו דער יתומים־היים, וואו אַדעלאַ איז געוועז.

אַדעלאַ איז פונקט אין יענער צײַט געלעגן זייער שטאַרק קראַנק אויף סקאַרלאַטינאַ — קיינער האָט צו איר נישט געטאָרט צוגיין, אַחוץ דער דאָקטער און די קראַנקן־שוועסטער, אפילו צו די געזונטע קינדער איז דאָרט נישט געווען דערלויבט אַרײַנצולאָזן אַ פרעמדן מענטשן.

פרוי סאַוויצקאַ האָט מען קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו זען אַדעלאַן.

זי האָט זיך אָבער פֿאַרנומען נישט אָפּצוטרעטן. זי מוז אונטער אַלע אומשטענדן זען איר קינד.

זי האָט אָפּגעוואַרט די קראַנקן־שוועסטער, איר דערציילט די געשיכטע ווי מען האָט אַדעלאַן פֿון איר אַוועקגעריסן. זי האָט גערעדט מיט אַזוי פֿיל ווייטיק און מוטערלעכן צער אין איר קול, אַז די קראַנקן־שוועסטער האָט אָנגענומען בײַם האַרץ, זי האָט געזאָגט:

— דערווײַל איז דאָס מיידל זייער קראַנק. איר מוזט צוואַרטן עטלעכע טעג. אַז איר געזונט וועט זיך פֿאַרבעסערן, וועל איך זען ווי אַזוי איר קאָנט זי זען. איר וועט זיך מוזן בײַ מיר אויסבאַהאַלטן. קיינער טאָר נישט וויסן, אַז איר וואַרט זי צו זען. ווען מען דערוויסט זיך, אַז איך באַמי זיך — וואָלט איך באַלד פֿאַרלוירן מײַן שטעלע, ווײַל דאָס איז שטרענג פֿאַרבאָטן.

די פרוי סאַוויצקאַ האָט הייס געקושט דער קראַנקן־שוועסטערס הענט און געזאָגט:

— איך וועל טאָן אַלץ וואָס איר הייסט מיך. גאָט זאָל אײַך בענטשן דערפֿאַר.

די קראַנקן־שוועסטער האָט אָנגעהויבן טראַכטן, זוכן אַ וועג, ווי אַזוי צוגרייטן דאָס מיידל צו דער זעאונג מיט דער מאַמען.

אַדעלאַ איז געלעגן שטאַרק פֿאַרטראָגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, געברענט פֿון היץ. זי האָט נישט געוואָלט נעמען קיין זופּ וואַסער אין מויל, אפֿילו די מעדיצין איז געוועזן שווער איר אײַנצוגעבן.

אָבער עפּעס וואונדערלעכס איז געשען, ווען די קראַנקן־שוועסטער האָט שטיל אַ זאָג געטאָן צו אַדעלאַן:

— אויב דו וועסט נעמען די מעדיצין און אַ טרונק טאָן אַ ביסל זאַפּט, וועל איך דיר אויסזאָגן וואָס פֿאַראַ סורפּריז איך האָב פֿאַר דיר.

אַדעלאַ האָט קוים דערהערט די ווערטער, האָט זי אָן עפֿן געטאָן די אויגן, זיך געגעבן אַ זעץ אויף אין בעטל און אַ געשריי געטאָן:

— די מאַמעשי איז צו מיר געקומען?

די קראַנקן־שוועסטער איז נשתומם געוואָרן, נישט געוואוסט ווי צו האַנדלען, האָט זי אָנגעהויבן באַרואיקן דאָס קינד:

— אָבער דו מוזט פריער עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, דו מוזט ווערן געזינטער.

אַדעלאַ האָט פריידיק געשריגן:

— גיב מיר די מעדיצין, גיב מיר טרינקען, איך בין דאָרשטיק. ס'איז מיר שוין בעסער, איך בין געזונט. וואו איז מײַן מאַמעשי?

דער קראַנקן־שוועסטער איז אָנגעקומען שווער זי צו באַרואיקן. און אויפן צווייטן טאָג האָט זי בסוד צוגעגרייט די מאַמע מיטן קינד, אַז זיי זאָלן זיך זען דורכן פאַרמאַכטן פענצטער.

האַרץ־רײַסנדיק איז געווען דער מאָמענט פון באַגעגעניש: דאָס מיידלס הענטלעך האָבן זיך געצויגן אַרומצונעמען די מאַמען און די מאַמע פון דער צווייטער זײַט פענצטער האָט געהויבן אירע הענט ווי אַרומצונעמען איר קינד. ביידע האָבן געקושט די קאַלטע, טרוקענע שויב, ביידע האָבן פון פרייד, צי אפשר פון צער, געוויינט.

די זעאונג דורכן פענצטער איז פאַרגעקומען עטלעכע מאָל. די קראַנקן־שוועסטער איז באַשטאַנען, אַז די פרוי סאַוויצקאַ זאָל פאַר־לאָזן, איידער מען דערוויסט זיך וועגן איר.

די מאַמע האָט זיך דורכן פענצטער געמוזט געזעגענען מיט איר קינד. מיט אַ צעבראָכן געמיט איז זי אַהיימגעפאָרן. זי האָט אין דאָרף גאָלעץ נישט געקאָנט בלײַבן. איר האָט זיך כסדר געדאַכט, אַז די שכנים מאַכן חוזק פון איר, וואָס זי האָט געהאָדעוועט אַ אידיש קינד און צום סוף האָט מען דאָס בײַ איר צוגענומען. זי האָט זיך געשעמט צו ווײַזן דאָס פּנים — זי מוז פאַרלאָזן דאָס דאָרף.

זי האָט פאַרקויפט איר שטוב מיטן גאָרטן, פאַרקויפט דאָס שטיקל פעלד און אַוועק אין אַן אַנדער דאָרף, וואו אירע אַ מומע האָט געוואוינט.

מאָטל ווישניע האָט זיך דערוואוסט, אַז די פרוי סאַוויצקאַ באַמיט זיך אָנצוהאַלטן קאָנטאַקט מיט זיסלען, האָט ער זיך דערשראָקן. ער האָט מורא געהאַט: זיסל איז שוין צוועלף יאָר אַלט, זי קאָן נאָך

אַרויסרײַסן זיך פון דער יתומים־היים און אַנטלויפן צו איר פּוילישער מאַמען.

אין גיכן האָט ער געגומען זיסלען און איז אַוועק מיט איר קיין ישראל, וואו זיי זײַנען פאַרבליבן.

די מאַמע מיטן מיידל האָבן פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט צווישן זיך. ווי פיל יעדער פון זיי האָט זיך באַמיט, זיך נאָכגעפרעגט, געזוכט אַ פאַרבינדונג, האָט זיך עס זיי נישט אײַנגעגעבן.

זיסל איז אויסגעוואַקסן אַ שיין מיידל. צו זיבעצן יאָר האָט זיך אין איר פאַרליבט אַ בחור, אַן אינזשעניער, זיי האָבן חתונה געהאַט.

זיסל האָט נישט פאַרגעסן איר מאַמען. עס האָט איר געפּלאָגט דאָס געוויסן: זי טוט נישט גענוג אויסצוגעפינען, וואָס מיט איר מאַמען איז געשען. זי האָט נישט געקאָנט רוען.

די מאַמע ווידער האָט נישט אויפגעהערט בענקען נאָך איר קינד. זי האָט אַלץ געפּרוּאווט זיך נאָכפרעגן. כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז אַדעלאַ איז אין ישראל, האָט זי אָבער נישט געקאָנט דערגיין וואו זי איז.

* * *

זיסלס מאַן האָט זי אַ מאָל געפרעגט:

— ווי קומט עס, וואָס איך האָב דיך קיין מאָל נישט געהערט דו זאָלסט אָנרופן דײַן פאָטער מיטן נאָמען טאַטע?

— איך מײַד דאָס אויס, איך האָב נישט דעם געפיל צו אים, ווי צו אַ טאַטן.

אַחוץ דעם בין איך פאַרביטערט קעגן אים. איך קאָן אים נישט מוחל זײַן, פאַרוואָס ער האָט מיך אַוועקגעריסן פון מײַן געטרײַער, ליבער מאַמען.

ער ווייסט מײַן געפיל צו אים. איך האָב אים שוין אַ סך מאָל דאָס געזאָגט. איך בין זיכער דאָס טוט אים ווײ, אָבער איך קאָן נישט אַנדערש, איך וויל נישט פאַרשטעלן מײַנע געפילן.

ווען זי האָט געבוירן איר ערשט קינד האָט זי געזאָגט צו איר מאַן:

— ווען מײַן מאַמעשי וואָלט געוואוסט, איך האָב געבוירן אַ מיידעלע, וואָלט זי געווען גליקלעך — און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן.

דער פאָטער איז אָפּט געקומען צו דער טאָכטער. ער האָט זיך געפרייט מיטן ערשטן, שפּעטער מיטן צווייטן, אייניקל. זיסל האָט זיך קיין סך מיט אים נישט אָפּגעגעבן.

יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען, האָט ער געבראַכט שפּילעכלעך פאַר די קינדער, נישט געקאַרגט אויף מתנות. געקויפט פאַר זיי די טײַערסטע, די שענסטע זאַכן, אָבער קיין ליבשאַפט האָט ער פון זיסלען נישט געקראָגן.

ער פלעגט זיך אָנשפּילן מיט די קינדער און אָפּט מאָל אומצופרידן פון דער טאָכטערס קאַלטער באַציאונג צו אים, אַוועק אַ פאַרטרויערטער פון הויז.

* * *

עס זײַנען אַוועק פופצן יאָר. זיסלס מיידלעך זײַנען אונטערגעוואַקסן, האָט זי זיך פאַרנומען פאָרן קיין פוילן; אפשר וועט זי זיך עפּעס דערוויסן וועגן איר מוטער.

זי איז אַראָפּגעפאָרן קיין פוילן סוף זומער. דאָס ערשטע איז זי געפאָרן אין דאָרף גאָלעץ, דאָרט זיך נאָכצופרעגן בײַ שכנים צי זיי ווייסן עפּעס וועגן איר מאַמען. צוקומענדיק נאָענט צום דאָרף, האָט דער דרויסן געשמעקט מיט אַלערליי ריחות — ריחות פון ווינטער־עפּל און באַרן, וואָס האָבן געריפּט אויף ביימער, מיט פרישע צעגראָבענער, פײַכטער ערד און מיט געשניטן היי אויף די לאָנקעס, צונויפגעשאַרט אין קופּעס.

זיסל איז אָנגעקומען אין דאָרף גאָלעץ מיטאָג־צײַט. זי האָט זיך גראָד באַלד דערוואוסט וואו איר מוטער וואוינט. דעם זעלבן טאָג געדונגען אַ פערד־און־וואָגן זי אַהינצופירן.

דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער. אַ קיל, פייל ווינטל האָט געבלאָזן, אָנגעזאָגט: עס רוקט זיך אָן דער האַרבסט.

ביַי דער זיַיט פון וועג איז דער שמאָלער זדרוי שטיל געפלאָסן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָרט פלעגט זי זומער, מיט אירע באָרוועסע פיסלעך, זיך פּליעסקען אין דעם וואַסער. אויף היימישע לאָנקעס האָבן זיך געפּאַשעט קי און שעפּסן. אַ וואַרעמע זון האָט שפּאַצירט אויפן לויטערן הימל, נאָכגעיאַגנגען זיסלען מיטן פערד־און־וואָגן, דעם גאַנצן וועג זי באַגלייט.

ווען זי איז אָנגעקומען צו איר מוטער, איז שוין די זון געווען פאַרגאַנגען. נאָר וויַיט ביַי דער ערד האָט בלויז נאָך גערויטלט אַ צע־פלאַמטער הימל־פּאַס, זיך געהאַלטן אין לעשן, געשיידט זיך מיטן טאָג.

אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט האָט די מאַמע דורכן פענצטער דערזען אָנקומען איר טאָכטער, און אַרויסגעלאָפן איר אַנטקעגן.

זיי האָבן זיך לאַנג געהאַלטן אַרומגענומען, זיך געקושט און געוויינט.

ווען זיי האָבן זיך אַ ביסל באַרואיקט, זיך אויסגעפרעגט איינע די אַנדערע ווי אַזוי זיי איז דורך די יאָרן געגאַנגען, האָט פרוי סאָוויצקאַ מיט אַ שמייכל געזאָגט: — אַבי איך האָב געמיינט, דו האָסט שוין פאַרגעסן דיַין מאַמען.

— מאַמעשי, ווי אַזוי האָסטו געקאָנט גאָר אַזוי טראַכטן? דו ווייסט דען נישט, ווי שטאַרק איך האָב דיך ליב?

זי האָט אַרויסגענומען בילדער פון איר מאַן און די קינדער, געוויזן דער מאַמען. די מאַמע האָט לאַנג אויף זיי געקוקט, זיי געקושט און געדריקט צום האַרצן. דערנאָך האָט די טאָכטער געזאָגט צו דער מאַמען:

— איצט, מאַמעשי, טיַיערע, וועסטו פאָרן מיט מיר אין ישראל. אויב דיר וועט דאָרט געפעלן, וועסטו קאָנען שטענדיק זיַין מיט אונדז. איך בין זיכער, אַז מיַין מאַן און מיַינע קינדער וועלן דיך ליב האָבן.

פרוי סאָוויצקאַ האָט נישט געקאָנט צו זיך קומען פון פרייד.

געבליבן שטיל. זי איז בלויז צוגעגאַנגען צום שופלאָד, אַרויס־ גענומען דאָס געשטריקטע רויטע יאַקעלע און שטיל געזאָגט: — נאַ, מײַן קינד, באַהאַלט עס. ווען דײַנע קינדער וועלן אויפוואַקסן, וועסטו זיי דאָס ווײַזן און דערציילן, אַז אין דעם יאַקעלע האָב איך דיך געפונען בײַם ברעג פון וואַלד.

ער צאָלט אַ חוב מיט פּראָצענט

מענדל פישביין און מלך זילבערבערג זײַנען געווען חברים פון קינדווײַז אָן. זייערע עלטערן האָבן געוואוינט אין ווארשע אין זעלבן הויז אויפן זעלבן שטאָק. ביידע זײַנען געווען אין זעלבן עלטער, זײַנען זיי צוזאַמען געגאַנגען אין זעלבן חדר.

אַז זיי זײַנען אונטערגעוואַקסן, האָט מענדל׳ס טאַטע, דער דאַמען־שנײַדער, גענומען זײַן זון צו דער זעלבער אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן. מלכ׳ס טאַטע איז געווען אַ קירזשנער, האָט ער מלכ׳ן אויך אויסגעלערנט די מלאכה.

מלך איז געווען אַ פּייאיקער בחור, האָט ער שנעל איבער־גענומען דאָס פאַך, אויסגעאַרבעט פאַרשידענע מינים פוטערוואַרג, נאָך בעסער פון זײַן טאַטן. דער ברונעטער בחור איז געווען דין, הויך, מיט שוואַרצע געלאָקטע האָר, טונקל־ברוינע, פינקלדיקע אויגן. ער האָט געהאַט גרויסע פאַנטאַזיעס; אַ שטאַרק־אַמביציעזער, אַ יונג אַ כוואַט.

מענדל איז געווען אַ טונקל־בלאָנדער, מיט העל־ברוינע, גלײַכע האָר, בלויע, רואיקע, גוטמוטיקע אויגן, מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויף זײַן ליכטיקן פּנים, אַ מיטל־וואוקסיקער, געלאַסענער, קנאַפּ ריידעוודיקער בחור.

די צוויי בחורים האָבן זיך שטאַרק געהאַלטן נאָענט, ווי צוגע־וואַקסן איינער צום אַנדערן.

זיי האָבן געלייענט די זעלבע ביכער. ביידע זײַנען זיי געגאַנגען הערן לעקציעס, אין טעאַטער, צו קאָנצערטן. איינער אָן דעם אַנדערן האָט זיך נישט גערירט.

צו זעכצן יאָר זײַנען זיי ביידע געוואָרן מיטגלידער אין „יוגנט־בונד". צוזאַמען זײַנען זיי געגאַנגען אויף דעמאָנסטראַציעס, אויף לעגאַלע, אָפענע, און אומלעגאַלע, געהיימע פאַרזאַמלונגען. ביידע

האָבן פֿאַרשפּרייט די זעלבע פֿלוג־בלעטלעך, די זעלבע אומלעגאַלע ליטעראַטור.

מענדל איז געווען אַ געלאַסענער, באַשיידענער, אַ קנאַפּער ריזיקאַנט. ער האָט זיך ניט געריסן צום אויבן־אָן. מלך, פֿאַרקערט, האָט זיך שטאַרק געריסן צו דערגרייכונגען, האָט גענומען אַ מער אַקטיוון אָנטייל אין דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט; אָפֿט אַרויס־געטראָטן אויף פֿאַרזאַמלונגען מיט זײַן וואָרט; אַמאָל אַפֿילו זיך צוגע־גרייט מיט אַ פֿאָרטראַג וועגן אַ צײַט־פֿראַגע.

מענדל איז געווען אַ שטענדיקער צוהערער, אָבער אַ געטרײַער, איבערגעגעבענער חבר. צו געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט האָט ער זיך באַצויגן ערנסט און פֿאַראַנטוואָרטלעך דורכגעפֿירט זײַנע פֿונקציעס.

אין 1920 האָבן די הערשער פֿון פּוילן געפֿירט מלחמה קעגן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. די פּוילישע דעמאָקראַטיקע האַלב־פֿאַשיסטישע רעגירונג האָט גערופֿן די 18־יאָריקע צושטעלן זיך באַלד צום מיליטער־דינסט. מלך און מענדל, 19־יאָריקע, האָבן ניט געוואָלט גיין דינען דער האַלב־פֿאַשיסטישער, פּוילישער רעגירונג צו שלאָגן זיך מיט די באָלשעוויקעס. זיי האָבן באַשלאָסן צו מאַכן זיך פֿאַלשע פּעסער מיט אַנדערע נעמען אויף אַ סך יאָרן עלטער, כּדי אַריבערצו־שמוגלען די פּוילישע גרענעץ. אַזוי גיך ווי זיי האָבן געקראָגן די פֿאַלשע פּעסער, זײַנען זיי געפֿאָרן קיין דאַנציג. פֿון דאָרט זײַנען זיי אויף דער זעלבער שיף געקומען קיין אַמעריקע.

דאָ איז מענדל געוואָרן אַן אָפּערעיטער בײַ פֿרויען־קליידער; מלך איז געוואָרן אַ צושנײַדער בײַ פֿוטערוואַרג. אַ גוטער פֿאַכמאַן איז ער געווען פֿון דער „אַלטער היים", האָט ער דאָ באַלד גוט פֿאַר־דינט.

ביידע חברים האָבן כּמעט אין איין צייט חתונה געהאַט. מענדל האָט געהייראַט אַ לאַנדסמיידל, איטקע, אַ קליין־געוויקסיקע, אַ רירעוודיקע, מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויף איר גוטמוטיקן, סימפּאַטישן פּנים. פֿון אירע העל־ברוינע אויגן שטראַלט־אַרויס אַ ליבע וואַרעמקייט. זי איז אַ פּראַקטישע, אַ קלוגע, און האָט ליב

אויפּצונעמען מענטשן. זי איז זייער אַ באַשיידענע און פאַרלאַנגט נישט צופיל פון לעבן. זי גייט אָנגעטאָן איינפאַך, נישט פאַרפּוצט, אָבער ריין. מענטשן האָבן זי ליב און זי איז אַרומגערינגלט מיט פריינט.

מלך האָט געגומען אַן אַמעריקאַנער־געבוירענע. קלאַרע איז געווען אַ שיין מיידל, מיט אַ שיין־פאָרמירטער פיגור, נאָר איר פּנים איז שטענדיק פאַרכמאַרעט, ווי זי וואָלט פון עפּעס געווען אומ־צופרידן. פון אירע גרוי־גרינלעכע אויגן קוקט אַרויס אַ קאַלטקייט. אין איר רעדן איז מער אָנשטעל ווי אויפריכטיקייט. זי האַלט, אַז זי איז אַ גרויסע שיינהייט און אַן אַלץ־ווייסערין. זי גייט שטענדיק אָנגעטאָן לויט דער לעצטער מאָדע.

כאָטש די צוויי פרויען זיינען באַזונדערע מענטשן מיט אַנדערע כאַראַקטערן, האָבןביידע פאַרלעך אָנגעהאַלטן אַ סך יאָרן אַ נאָענטע פריינטשאַפט.

מענדל איז געוואָרן דער טאַטע פון אַ מיידל מיט אַ אינגל; מלך — דער פאָטער פון דריי אינגלעך. ווער פון זיי ס'האָט געפּראַוועט אַ געבורטסטאָג פון אַ קינד, האָט די אַנדערע פאַמיליע געמוזט זיין ביי דער שמחה.

אין 1929 האָט אין אַמעריקע זיך אָנגעהויבן דער גרויסער עקאָ־נאָמישער קריזיס. מענדלען האָט דער קריזיס באַלד שטאַרק גע־טראָפן. אין זיין שאָפּ איז נישט געווען קיין טאָג אַרבעט, פון קריגן אַרבעט אין אַן אַנדער שאָפּ איז קיין רייד נישט געווען. צו דעם איז זיין פרוי איטקע קראַנק געוואָרן; זי האָט דורכגעמאַכט אַן ערנסטע אָפּעראַציע. נישט נאָר האָבן זיי פאַרנוצט, פאַר דאָקטוירים, זייערע עטלעכע אָפּגעשפּאָרטע דאָלער, נאָר זיי האָבן זיך נאָך פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ. ס'איז שוין ביי זיי נישט געווען פאַר וואָס צו קויפן אַ ביסל מילך פאַר די קינדער.

מלך האָט צוביסלעך געאַרבעט. כאָטש ער האָט שוין אויך היפּשלעך געפילט דעם קריזיס, האָט ער אָבער געוואוסט, אַז ביי מענדלען הונגערט מען.

כמעט יעדע וואָך איז מלך געפאָרן צו מענדל׳ען, אים איבער־געלאָזט עטלעכע דאָלער, זיך געטיילט מיט זײַנע מאָגערע פאַר־דינסטן צו דערהאַלטן זיי בײַם לעבן.

מענדל האָט פאַרשריבן יעדן דאָלער, וואָס ער האָט גענומען בײַ מלכ׳ן. ווי גיך ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, האָט ער ביסלעכווײַז געצאָלט מלכ׳ן דעם חוב. בײַ די לעצטע אָפּגעגעבענע דאָלער זאָגט מנדל צו מלכ׳ן און קלאַרען:

— דאָס געלט, וואָס איך האָב בײַ אײַך געליען, האָב איך געהאָפּט, איך וועל ווען ס׳איז קאָנען באַצאָלן. איך בין צופרידן, וואָס איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט דאָס געלט אײַך צוריקגעבן; אָבער איך בלײַב אײַך שולדיק אַ חוב, וועלכן איך וועל קיינמאָל נישט זײַן אימשטאַנד צו באַצאָלן!

מלך און קלאַרע קוקן אים אָן פאַרוואונדערט. ביידע גיבן מיט אַ מאָל אַ פרעג: — וואָס פאַראַ חוב?

מענדל האָט שטיל מיט געפיל פון דאַנקבאַרקייט געזאָגט:

— געלט קאָן מען באַצאָלן, אָבער גוטע, מענטשלעכע האַנדלונג, האַרציקע פרײַנטשאַפט, חבר׳שע באַציאונג, אַזאַ וואָס איר האָט אַרויסגעוויזן צו מיר אין מײַן נויט, פאַר דעם קאָן מען נישט באַצאָלן.

קלאַרע מיט מלכ׳ן האָבן זיך צעלאַכט. מלך זאָגט צו אים:

— דעם חוב בין איך דיר מוחל. קלאַרע האָט צוגעגעבן מיט אַ שפּאָס: — פאַרגעס נאָר נישט צו פאַרשרײַבן, וואָס דו ביזט אונדז שולדיק. מיר קאָנען נאָך מאָנען מער וויפיל עס קומט אונדז!

אַ יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז מלך געוואָרן אַ באַלעבאָס פון אַ שאָפּ. אין מלחמה־צײַט איז אים געגאַנגען „דורך טיר און טויער״. ער האָט פאַרגרעסערט זײַן שאָפּ, צוגענומען מער אַרבעטער, זיך פאַרנומען זייער גרויס אין די „ביזנעס״.

בײַ אים האָט מען אויסגעאַרבעט די טײַערסטע פוטערוואַרג. די רײַכסטע דאַמען האָבן בײַ אים געקויפט מאַנטלען; פון טאָג צו טאָג איז ער געוואָרן רײַכער.

וואָס בעסער ס׳איז אים געגאַנגען, אַלץ מער איז ער געוואָרן

אַרײַנגעטאָן אין געשעפט. זײַן דערפאָלג האָט אים פאַר׳שיכור׳ט. ער האָט אָנגעהויבן פירן אַ לוקסוסדיק לעבן. ער הייסט שוין נישט מלך זילבערבערג, נאָר מאַרטין סילווער. ער האָט זיך אַריבערגעצויגן אין אַ רײַכער געגנט. ער און זײַן פרוי האָבן געקויפט טײַערע מעבל, פאַרבראַכט מיט רײַכע מענטשן, וועלכע ער האָט אָנגענומען פאַר זײַנע פרײַנט.

מיט די נײַע באַקאַנטע איז ער מיט קלאַרען געגאַנגען אין נאַכט־קלובן, צו רײַכע באַנקעטן, פאַרבראַכט מיט זיי בײַ גרויסאַרטיקע פּאַרטיס. זיך גע׳רעש׳ט אין דער נײַער סביבה.

פאַר זײַנע לאַנגיאָריקע פרײַנט, מענדל׳ען מיט איטקען, האָט ער מער קיין צײַט נישט געהאַט.

מענדל האָט אָבער נישט פאַרגעסן מלכ׳ס פרײַנטשאַפט. ער האָט נישט געוואָלט זיך אָפּרײַסן פון אים, האָט ער אָפט צו אים גע־קלונגען אויפן טעלעפאָן, זיך נאָכגעפרעגט אויף קלאַרע מיט די קינדער, אים געבעטן:

— אפשר וועסטו זיך אַריבערכאַפּן צו אונדז שבת אָדער זונטאָג? מיר האָבן זיך שוין לאַנג נישט געזען.

מלך האָט שטענדיק געגעבן דעם זעלבן ענטפער:

— דו מיינסט, אַז אַזאַ ביזנעס ווי מײַנע פירט זיך אַליין? איך האָב גענוג פאַרשידענע פּראָבלעמען. איך זיץ נישט מיט קיין פאַר־לייגטע הענט. גלויב מיר, איך בין פאַריאָגט מער פון וועלכן ס׳איז אַרבעטער. נישט איך האָב דאָס געמיט, נישט די צײַט צו קומען אָפּ־געבן דיר אַ וויזיט.

מענדל האָט דערפילט, אַז מלך איז נישט פאַראינטערעסירט מער אין זײַן פרײַנטשאַפט.

מיט ווייטיק און באַדויער האָט מענדל אָפט גערעדט צו זײַן איטקען:

— מײַן שכל קאָן דאָס נישט באַנעמען: ווי אַזוי קאָן אַזאַ מלך, וואָס האָט אין אונדזער נויט זיך געטיילט מיט זײַן לעצטן סענט, איצט פון אונדז זיך דערווײַטערט?

איטקע האָט געשמייכלט און אים געענטפערט: — דו האָסט פאַרגעסן. דעמאָלט ווען ער האָט זיך מיט דיר געטיילט, איז ער געווען אַן אַרבעטער; ער איז אַליין אויך געווען אין נויט. אין נויט ווערט מען נענטער איינער צום אַנדערן. אָבער היינט איז דאָך מלך אַ רייכער געשעפטסמאַן. ער האָט אונדז אפילו צו זיין זונ׳ס חתונה נישט פאַרבעטן. עס שטייט זיי אַפּנים נישט אָן, מיר זאָלן איצט זיין זייערע פריינט. עס ווייזט אויס, אַז פון גרויסע פאַרגעניגנס ווערט מען פאַר׳שיכור׳ט. אַמאָל ווערט מען אַזש פאַרכליניעט פון וואויל־טאָג, מען ווערט אויס מענטש.

יאָרן זיינען אַוועק — איינער פון אַנדערן האָט נישט געוואוסט. מענדל האָט שוין אויפגעגעבן דעם שאַפּ; געוואָרן אַ פּענסיאָנער.

אין מלכ׳ן האָט ער אָבער נישט פאַרגעסן. ער האָט זיך אויף אים נאָכגעפרעגט. ער האָט געוואוסט, אַז מלך איז שוין „אַרויס פון ביזנעס״, נאָר וואו ער וואוינט, האָט ער נישט געוואוסט.

מאַכט זיך, מענדל מיט איטקען טרעפן אין אידישן טעאַטער אַ לאַנדסמאַן, וואָס האָט געאַרבעט ביי מלכ׳ן. גיט אים מענדל אַ פרעג:

— דו הערסט אפשר עפּעס פון דיין געוועזענעם באָס, מיין רייכן פריינט? וואו איז ער אַהינגעקומען? איך ווייס אפילו נישט וואו ער וואוינט.

— וואו ער וואוינט, ווייס איך אויך נישט. איך ווייס נאָר, אַז ער איז אויף גרויסע צרות — זאָגט דער לאַנדסמאַן.

— וואָס זיינען זיינע צרות? ער האָט פאַרלוירן זיין פאַרמעגן? — רופט זיך אָן איטקע סאַרקאַסטיש.

— פון פאַרמעגן האָט ער אויך אַ היפּש ביסל פאַרלוירן. די לעצטע יאָרן איז אים געגאַנגען אין די ביזנעס באַרג אַראָפּ, אָבער דאָס וואָלט נישט געווען דאָס ערגסטע. מיר מעגן זיך ווינטשן ביידע צו פאַרמאָגן, וואָס אים איז נאָך געבליבן. נאָר מקנא בין איך אים נישט, וויפיל ער זאָל פאַרמאָגן.

— וואָס־זשע זיינען זיינע צרות? — איז מענדל געוואָרן זייער ערנסט.

— זײַנע צרות זײַנען — זאָגט דער באַקאַנטער, — וואָס ער האָט געקראָגן אַ „סטראָוק”, אַ פּאַראַליז! אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל עטלעכע מאָנאַטן. איצט איז ער שוין אין דער היים. די לינקע זײַט איז בײַ אים פּאַראַליזירט; זיצט ער אין אַ רעדל־שטול, אַן אינוואַליד.

מענדל'ען מיט איטקען האָט די נײַעס געגעבן אַ ריס אין האַרצן. די פֿאָרשטעלונג איז זיי שוין נישט אײַנגעגאַנגען. ווי גיך זיי זײַנען אַהיימגעקומען, האָט מענדל באַלד אָנגעהויבן זוכן מלכ'ס אַדרעס. ווען ער האָט אויסגעפונען, וואו ער וואוינט, האָט ער באַלד טעלעפאָנירט; נישט געוואַרט מען זאָל אים הייסן קומען, נאָר ער האָט געזאָגט:

— איך מיט איטקען קומען אײַך זען.

דאָס טרעפן זיך, נאָך אַ סך יאָרן, פֿון די צוויי יוגנט־פֿרײַנט איז געווען מער טרויעריק, ווי פֿריידיק. כאָטש די סילווער'ס האָבן אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע צופֿרידנקייט פֿון זייער קומען, איז אָבער פּאָר מענדל'ען מיט איטקען געווען זייער פּיינלעך צו זען, וואָס פֿון זייביידע איז געוואָרן.

מלך, אין אַ רעדל־שטול, קאָן נישט רירן מיט דער לינקער האַנט און מיטן לינקן פֿוס. קלאַרע ליידט פֿון רוקן־ווייטיק, גייט זי אײַנגעבויגן, קוים וואָס זי קריכט־אַרום.

מענדל האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אויף די קינדער, ווי אָפֿט זיי קומען זען די קראַנקע עלטערן.

קלאַרע האָט אויף זײַנע פֿראַגן טרויעריק געענטפֿערט:

— מאַטעריעל, גייט זיי גוט. אָבער מיר זעען זיי זייער זעלטן. דער עלטסטער איז אַ לאָיער; ער וואוינט אין קאַליפֿאָרניע; דער אַנדערער איז אַן אינזשיניער, און האָט געקראָגן גראָד לעצטנס אַ גוטע שטעלע אין שיקאַגאָ. בלויז דער אינגסטער וואוינט אין ניו יאָרק. ער איז אַ דאָקטאָר. ער איז אַזוי פֿאַרנומען, אַז קוים וואָס ער רײַסט אַמאָל אָפּ אַ פּאָר מינוט צו טעלעפֿאָנירן, פֿרעגן וואָס מען מאַכט. איך ווייס: ער איז אַזוי פֿאַריאָגט בײַ זײַן דאָקטאָרײַ, אַז איך האָב נישט דאָס האַרץ צו בעטן אים ער זאָל קומען צו אונדז.

איטקע האָט אַ פרעג געטאָן:

— איר האָט געוויס אַ סך פּרײַנט, וואָס קומען אײַך באַזוכן?

קלאַרע האָט אומעטיק, מיט שטילן ווייטיק, געזאָגט:

— די ערשטע צײַט פון מאַרטינס קראַנק־ווערן איז פון צײַט צו צײַט געקומען אַ מענטש; אָבער אַז ס׳איז געוואָרן אַ לאַנגע קרענק, איז מען מיד געוואָרן. זעלטן ווער עס עפנט די טיר. מענטשן האָבן ליב צו גיין פאַרברענגען, וואו ס׳איז פריילעך, וואו מען קאָן זיך פאַרווײלן. קומען אָנקוקן אַ קראַנקן, איז נישט קיין פאַרגעניגן. איך בין צופרידן — זאָגט זי — אַז עמיצער דערמאָנט זיך אָנצוקלינגען אויפן טעלעפאָן. עס רײַסט איבער די מאָנאָטאָנקייט. ס׳ווערט אַביסל גרינגער אויפן שווערן געמיט.

— נאָך אַלעמען — זאָגט איטקע, — וואָס קאָן מען האָבן צו מענטשן? יעדער איז פאַרנומען מיט זײַן אייגן לעבן, אַמאָל מיט אייגענע פּראָבלעמען, אַמאָל מיט פאַרגעניגנס — מיינענדיק זייערע רײַכע פרײַנט.

— איך האָב צו קיינעם קיין טענות נישט, — זאָגט קלאַרע.

מאַרטין האָט באַזונדער גערעדט מיט מענדל׳ען, אים דערציילט פון זײַן קראַנקהײַט, ווי שווער דאָס האָט אים געטראָפן. ער האָט דערציילט: — פון אָנהויב האָב איך געהאַט פאַרלוירן דאָס לשון. איך בין גליקלעך, וואָס איך קאָן רעדן און דער „סטראָוק" האָט נישט באַשעדיקט מײַן געדאַנק.

פון דעמאָלט־אָן איז מענדל יעדן טאָג געפאָרן צו די סילווערס. קיין שום וועטער האָט אים נישט אָפּגעהאַלטן. ער גייט אַוועק אין דער פרי, און קומט אַהיים פאַרנאַכט.

איטקע פרעגט אַמאָל מענדלען:

— וואָס טוסטו דאָרט גאַנצע טעג?

וואָס פרעגסטו נאַרישקייטן? די צײַט איז צו־קורץ. איך האָב געקענט זײַן גאַנצע פאַמיליע. ער האָט געקענט מײַן פאַמיליע. דערמאָנט מען זיך אין יעדערן, אין די וואָס די נאַציס האָבן פאַרשניטן פאַר דער צײַט, און אין די וואָס לעבן. מיר רעדן וועגן לאַנדסלײַט,

באַקאַנטע, סײַ פון דער „אַלטער היים״, סײַ פון דאַנען, מיר רעדן אַפּט פון אונדזערע קינדער־יאָרן, פון אונדזער יוגנט, פון דער גרויסער אָרעמקייט בײַ אידן אין דער „אַלטער היים״. מיר דערמאָנען זיך אין די הונגעריקע טעג, אָבער אין דער זעלבער צײַט זײַנען דאָס גוטע דערינערונגען פון די קעמפערישע אינטערעסאַנטע יאָרן.

דו דאַרפסט זען, ווי מלך לעבט־אויף, ווען ער רעדט פון די יונגע יאָרן. ער פאַרגעסט אין זײַן קרענק, ער קריגט אַן אַנדער אויסזען. זײַנע אויגן צעלויכטן זיך ווי בײַ אַ געזונטן.

אין די דערינערונגען פון אונדזערע ערשטע, שווערע יאָרן דאָ אין אַמעריקע איז אויך פאַראַן גענוג וואָס צו רעדן, שוין אָפּגערעדט פון דער איצטיקער צײַט, וואָס ס׳טוט זיך דאָ אָפּ בײַ אונדז אין לאַנד: מיט די יוגנט־פּראָבלעמען, מיט די גרויסע פאַרברעכנס, די גרויסע שווינדלערײַען, רויבערײַען, מאָרדן, גרוילטאַטן, וואָס זינט די וועלט שטייט האָט מען נישט געהערט.

— פון ווען־אָן, וואָלט איך געוואָלט וויסן, ביסטו געוואָרן אַזאַ גרויסער רעדנער, — זאָגט איטקע שפּאַסיק.

— דו מיינסט, נאָר איך אַליין רעד? מלך רעדט מער פון מיר. אים פעלן נישט אויס קיין רייד, און קלאָרע נעמט אויך אַמאָל אַ וואָרט אין מויל, אַמאָל רײַס איך איבער דאָס רעדן. איך זאָג אים, אַז איך וויל שפּילן מיט אים אין שאַך, כאָטש מיר זײַנעןביידע קנאַפּע קענער פון שאַך־שפּיל, ווערן מיר אַזוי אַרײַנגעטאָן אין שפּילן, גלײַך עס וואָלט געגאַנגען אין געווינען אַ פאַרמעגן. און די צײַט פליט אַוועק, מען ווייסט נישט וואו דער טאָג קומט אַהין.

מלך זאָגט איין מאָל:

— דו ווייסט, מענדל, איך מיט מײַן טומלען זיך, מיט מײַן זיך רעש׳ן, בין צום סוף געבליבן אַ קליין, פּיצעלע מענטשעלע — און דו, מיט דײַן שטילן באַשיידענעם לעבנס־גאַנג, ביזטו אַ גרויסער מענטש.

מענדל האָט זיך הויך צעלאַכט: — איך — אַ גרויסער מענטש? וואו קומט צו מיר גרויסקייט?

מלך זאָגט צו אים ערנסט: — פאַרשטייִ! אַ מענטש, וואָס קאָן פאַרגעבן, מוחל זײַן אַן עולה פון אַ פרײַנט, אַוועקשאַרן אין אַ זײַט דאָס שלעכטע, ווי דו האָסט געטאָן אין אונדזער פאַל, און נאָך אַלץ בלײַבן דער זעלבער איבערגעגעבענער גוטער פרײַנט, ווי דו ווײַזט אַרויס איצט צו מיר, אָט אין דעם ליגט דײַן גרויסקײַט.

— דו גייסט שוין אַרײַן אין פילאָסאָפיע, וואָס איז נישט פאַר מײַן קאָפּ צו באַנעמען.

מלך, גערירט אין דעם מאָמענט פון זײַנע אייגענע רייד, זעצט־פאַר ווײַטער:

— עפּעס אַ קלייניקייט? מיט דעם, וואָס דו האָסט באַנײַט אונדזער פרײַנטשאַפט, האָסטו דערפרישט מײַן איצטיק שווער געמיט.

— נאַרישקייטן — זאָגט מענדל, — די דערפרישונג איז גוט פאַר מיר פונקט ווי פאַר דיר.

כדי אָפּצוציען מלכ׳ן פון זײַן שולד־געפיל, זאָגט מענדל:

— צו וואָס זיך גריבלען, וואָס איז געווען: לאָמיר בעסער שפּילן אַ שאָך.

איין מאָל איז געווען אַ גרויסער פראָסט. עס האָט געהאָגלט, געשנייט, געריסן די דעכער — אַ שוידערלעכע זאַווערוכע. בעט זיך איטקע בײַ איר מאַן:

— אפשר וועסטו הײַנט נישט פאָרן צו מלכ׳ן? זע נאַר, וואָס אין דרויסן טוט זיך. דו פאַרגעסט אָפּנים, אַז דו ביזט שוין נישט קיין יונגערמאַנטשיק. אין אַזאַ קעלט קאָנסטו, חלילה, זיך פאַרקילן, קראַנק ווערן. זיי וועלן נישט האָבן קיין פאַריבל אויף דיר, אַז דו וועסט אין אַזאַ טאָג ווי הײַנט נישט קומען.

— נאַרעלע, — זאָגט מענדל גוטמוטיק צו זײַן ווײַב: — עס גייט דען אין האָבן פאַריבל פון זיי? מענטשן בלײַבן זיצן אין הויז, קאָנען זיך נישט אַרויסרירן, אָפּגעריסן פון דער דרויסנדיקער וועלט, איז זיי ביטער. חוץ דעם וואָס זיי לײַדן פון זייער פיזישן צושטאַנד, לײַדן זיי אפשר נאָך מער פון אומעט. דו דאַרפסט זען, ווי בײַ מלכ׳ן מיט

קלאַרען צעלויכטן זיך די פּנימער, ווען איך עפן די טיר. זיי לעבן־אויף.

קלאַרע זאָגט, אַז מײַן קומען גיט צו מלכ׳ן אַ שטיק געזונט, אַז איך גיב אים אַרײַן אַ נײַע נשמה. זיי גאַרן צו זען אַ מענטש.

ער האָט זיך אָנגעטאָן וואַרעם, פֿאַרדעקט די אויערן מיט אַ שאַל, און איז אַוועק.

אַז מלך מיט קלאַרען האָבן דערזען מענדל׳ען אַרײַנקומען אַ פֿאַרשנייטן, מיט אַ רויט־אָנגעפֿרוירן פּנים, זײַנען זיי געבליבן דער־שטוינט.

קלאַרע זאָגט צו אים: — דו געדענקסט, מענדל, ווען דו האָסט אונדז אָפּגעצאָלט דאָס געלט, וואָס מיר האָבן דיר געליען, האָסטו דעמאָלט געזאָגט, אַז דו בלײַבסט אונדז שולדיק אַ חוב, וועלכן דו וועסט קיינמאָל נישט זײַן בכוח צו באַצאָלן? איך קאָן דיר איצט זאָגן, אַז דו צאָלסט דעם חוב מיט אַ גרויסן פּראָצענט.

מענדל האָט געדריקט קלאַרעס האַנט, און שמייכלענדיק געזאָגט: — אָט דאָס הייסט, אַז אַ מענטש האָט אַ זכרון צו געדענקען, וואָס איך האָב געזאָגט מיט אַזויפֿיל יאָרן צוריק...

מײַן מאַמעס שכנים אין דאָרף

פון איין זײַט איז געווען די רײַכע שליאַכעטסקע פאַמיליע לובעצקי מיט זייערע דרײַ טעכטער און צוויי זין. זיי האָבן געוווינט אין אַ גרויס צווייענדיק הויז, פון ביידע זײַטן צו פיר צימערן מיט אַ קיך. אין מיטן איז געווען דער אַרײַנגאַנג. איין אַרײַנגאַנג פון וועג און אַן אַנדער אַרײַנגאַנג דורכן הויף. דאָס הויז ווײַס געקאַלעכט מיט גרינע לאָדנס.

לובעצקי׳ס קינדער האָט מען נישט געזען אויף דעם פעלד אַרבעטן. ער האָט געהאַט אַ סך באַדינער פון צווייטן נאָענטן פויערישן דאָרף מיטן זעלבן נאָמען (איגאָן). לובעצקי׳ס קינדער האָט מען נאָר אַמאָל זומער געזען אינ׳ם פאָרנט׳דיקן בלומען גאָרטן, אָדער אין גרויסן פרוכט סאָד אונטערן הויז. זײַן סאָד איז געווען דער גרעסטער אין דאָרף, מיט אַ סאַדזשעלקע וואו עס האָבן זיך געהאָ־דעוועט פיש, עטלעכע סאָרטן.

אין דער צווייטער זײַט פון מײַן מאַמעס וואוינונג האָט געוווינט די שליאַכעטסקע פאַמיליע צוקאָווסקי, זיי האָבן געהאַט פיר זין און איין טאָכטער, אַלע דערוואַקסענע. זייער הויז איז באַשטאַנען בלויז פון פיר צימערן מיט אַ קיך, אַ קליין בלומען גערטנדל פאָרנט, און אַ קליין סעדל אונטערן הויז.

צוקאָווסקי׳ס קינדער האָבן אַלע געאַרבעט אַרום די שטאַלן און אין פעלד צוזאַמען מיט די עלטערן, זיי האָבן געהאַט בלויז איין פאַר־אָבעק, באַדינער. אין 1907 האָבן די פריצים, שליאַכטשיצעס אַנגע־הויבן פאַרקויפן זייערע פאַרמעגנס צו פויערים. אין צוויי יאָר זײַנען אַרײַנגעקומען אין שליאַכעטסקן דאָרף זעקס פויערישע פאַמיליעס, אַלע מאָל איז צוגעקומען נאָך אַ פויערשע פאַמיליע. מײַן מאַמע איז פון דעם איבערבײַט געווען זייער צופרידן, ווײַל זי האָט געגייט

העמדער און קליידער פאַר גרויסע און קינדער, בלויז פאַר פּויערים פון אַרומיקע דערפער.

מיט די פּריצים האָט זי קיין שום נאָענטקייט נישט געהאַט. מיט די פּויערים האָט זי זיך געפילט היימיש, מיט אַ טייל געווען גאָר גוט באַפרײַנדעט. אַ חוץ וואָס זיי האָבן צו איר געבראַכט לײַוונט אויף העמדער, סחורה אויף קליידער אויפצונייען, פלעגן זיי זיצן און שמועסן, אַמאָל איז די מאַמע אַרײַנגעגאַנגען צו זיי אָנמעסטן אַ בלוזקע צי אַ קלייד און זיך דורכגערעדט וועגן געוויסע זאַכן.

אין פרילינג, ווען אויף לויטערע הימלען האָט די זון זיך אַרויס־געריקט, באַשטראַלט און געוואַרימט די פאַרפרוירענע ערד, האָט דער שניי אָנגעהויבן ווייכער ווערן און זיך צעלאָזן, פון דעכער האָט גערונען ווי רעגן טראָפּנס, דער דאָרפישער זאַמדיקער וועג איז געוואָרן בלאָטיק, אויף פּאָדווירן האָבן געפלאָסן ריטשקעלעך וואַסער, פרישע מילדע ווינטעלעך האָבן געבלאָזן, געיאָגט די ריטש־קעלעך וואַסער ווי זיי וואָלטן וועלן די וואַסערן פאַרטרײַבן צוזאַמען מיט די וואַרימע זון־שטראַלן, אויסטריקענען די ערד אויפן וועג און אין פעלד.

דער דרויסן האָט געשמעקט סײַ מיט נאָך אַלץ אָנהאַלטנדיקער קאַלטקייט, סײַ מיט מחיה׳דיקער פרילינג פרישקייט, מיט אַן אָנזאָג פאַר אַ נײַער אויפלעבונג אויף דער ערד, בוים און פלאַנץ, מיט נײַע פרישע שפּראָצונגען אויף לאָנקעס, בליאונג אויף ביימער און בלומען.

מחנות פייגל זײַנען אָנגעפילט פון ווײַטע וואַרימע לענדער מיט אַ פריילעכן סווישטש, זייערע צאַרטע געזאַנגען אין די פרימאָרגנס האָבן דעם טאָג געוועקט, די דינע קול׳עכלעך האָבן געקלונגען, ווי זיי וואָלטן דעם נײַעם פרילינג באַגריסט, זיך געפרייט מיט זייער צוריקקומען צו זײַנע פאַרלאָזענע נעסטן, מיט פרישן פאַרנעם צו בויען נײַע היימען פאַר זיך און זייערע צוקונפטיקע קינדער, וואָס וועלן ערשט געבוירן ווערן.

די דאָרף־אײַנוואוינער האָבן געהאַלטן אין איין קוקן אויף די

לויטערע, העל־בלויע הימלען, געהאַפּט די זון זאָל שנעל צעלאָזן די בערגלעך אָנגעפּרוירענעם שניי, וואָס ליגט נאָך ערגעץ לעבן אַ וואַלד אין שאָטן צי אין אַ טאָל.

אַז די ערד ווערט אינגאַנצן באַפרײַט פון׳ם שניי־צודעק הויבן זיי אָן אַקערן און זייען, אָנפילן מיט זאָמען די אויסגעליידיקטע ערד. אויף נאַקעטע בוימער־צווײַגן האָבן די שפּיצלעך זיך אויסגעצויגן, פאַרונדיקט, ווי זיי וואָלטן באַקומען געשוואָלענע קעפּעלעך. דאָס האָבן די פּאָנקעס אויף זיי זיך פאָרמירט, זיך אָנגעלאָדן מיט בליאונג, וואָס וועלן אינגיכן זיך עפענען און צעבליִען.

אין דאָרף האָבן זיך באַוויזן אידן סאַדאָווניקעס, די געניטע סאַדאָווניקעס האָבן לויט די פּאָנקעס געוואוסט צו שאַצן וויפיל עפּל צי באַרן דער בוים וועט אַרויסגעבן, אַזוי אויך מיט אַלע אַנדערע פּרוכטן. אַז די טעג זײַנען געוואָרן גרעסער און וואַרימער האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן צאַרטע, העל־גרינע בלעטעלעך, באַקליידן די נאַקעטע בוימער, דערנאָך האָבן זיך באַוויזן די בליאונג בלימעלעך, באַפּוצט און באַצירט די בוימער מיט ווײַס־ראָזלעכע בלימעלעך. יעדער בוים האָט אויסגעזען אַ ריזיק קײַלעכדיקער בלום.

נאָכן פאַרשוואונדענעם שניי האָבן די דאָרף־לײַט אויפגעדעקט די גריבער אין וועלכע זיי האָבן אויפן ווינטער באַהאַלטן זאַכן, אַז זיי זאָלן נישט פאַרפרוירן ווערן. זיי האָבן אַרויסגענומען די זאַכן געריייניקט די שטאַלן, אָנגעפילט פורן מיט מיסט און געפירט אויף די פעלדער צו באַמיסטיקן. דערנאָך געשפּאַנט פערד און אַקער־אײַזנס, געאַקערט שפּעטער מיט אײַזערנע, ציינערנע גראַבליעס, צעשאַרט די גרודעס, אויסגעגליכן די ערד און געזייט, געוואָרפן פאַרשיידענע זשאַרנעם אויף דער פריש צעאַקערטער ערד.

קאַרטאָפליעס האָט מען געמוזט פאַרזעצן מיט די הענט, מיט אַ מאָטעקע מאַכן אַ גריבל און אַרײַנלייגן אַ שטיקל צי אַ גאַנצע קליינע קאַרטאָפליע, ווען זיי הויבן אָן וואַקסן האָט מען געדאַרפט אַרויס־רײַסן די ווילד־גראָזן, אַרומשאַרן די שטאַמען מיט ערד, אויך בײַ מייערן און בוראַקעס האָט מען געדאַרפט נוצן די הענט, אַרויס־

נעמען וואו זיי זײַנען געוואַקסן צו־געדיכט, מאַכן גראַמער צו וואַקסן די איבערגעבליבענע.

אַז דאָס היי און די גראָזן זײַנען אויף די לאַנקעס אויסגעוואַקסן, זײַנען מענער געגאַנגען מיט קאָסעס אויף די אַקסלען, פּרויען מיט סערפּן אין די הענט שנײַדן דאָס היי מיט די גראָזן, געלאָזט אויס־טריקענען און געפירט אין די שײַערס. פרישע גראָזן האָט מען אויף אַ מאַשינקע געשניטן פאַר בהמות אויף בײַ נאַכט צו עסן.

די דאָרף־מענטשן זײַנען זייער פרי אַוועק אין פעלד צו דער אַרבעט. ווען די זון האָט זיך נאָך נידעריק אַראָפּגעלאָזט בײַ דער סאָמער ערד, זײַנען זיי געגאַנגען אַהיים, אַוועקגעלייגט די פעלד־מכשירים, אָנגעפילט די קאָריטעס מיט וואַסער, די בהמות מיט די פערד זאָלן האָבן צו טרינקען. מען האָט געטראָגן בינטן שטרוי אין די שטאַלן אויסצושפּרייטן אויף בײַ נאַכט, באַזאָרגט עסן פאַר אַלע לעבעדיקע וועזנס. פרויען האָבן געמאָלקן די קי, געקאָכט וועטשערע, פון טעפּ האָט געזעצט אַ פּאַרע, פון קוימענס האָט זיך געצויגן אַ רויך. דאָס דאָרף האָט זיך אָנגעפילט מיט אַלערליי ריחות פון פאַרשיידענע עסנס.

די פרילינג נעכט זײַנען געווען קילע, שטילע, רואיקע מיט אָנגענעמער פרילינג לופט באַהויכט. דער געפאַלענער טוי האָט אָנגעטרונקען אַלע געוויקסן, זיי דערפרישט נאָכן טרוקענעם זוניקן טאָג. אויפן קלאָרן, בלויען הימל האָט זיך באַוויזן די לבנה אַרומגע־רינגלט מיט אומצאָליקע בלישטשענדיקע שטערן, באַלויכטן דאָס דאָרף מיט אַ פריילעכן שײַן. אין דער ווײַטקייט פון פעלדער האָט אויסגעזען, ווי דער הימל ליגט אויף דער ערד און האָט דאָרט די וועלט פאַרמאַכט.

מיטן אויפגעלעבטן נײַעם געבורט פון אַלערליי געוויקסן, ווילן די הינער אויך הינדעלעך געבוירן, זיי לייגן אָפטער אייער און הויבן אָן קוואָקען, וואָס מיינט מאָנען, מען זאָל זיי זעצן אויף אײַער אויס־וואַרימען, נאָך דרײַ וואָכן פּיקן זיך אויס ווײַס־געלבלעכע פּוכיקע הינדעלעך.

כמעט אין יעדן פֿאַדוויר, בײַ מײַן מאַמען אויך, האָבן זיך געפֿירט מאַמע־הינער מיט זייערע הינדעלעך. ווען די יונגע הינדעלעך זײַנען גרעסער געוואָרן האָט די מאַמע הון זיי געזשאַבעט בײַם עסן מיטן שנאַבל, זיי אַוועקגעשטויסן, געטריבן פֿון זיך, זיי זאָלן גיין אַליין זייער אייגענעם וועג, זוכן עסן.

זומער־צײַט זײַנען פֿעלדער אָנגעלאָדן מיט געוויקסן, אַלץ וואַקסט און רייפֿט, עס רייפֿן אין גאָרטן אוגערקעס, אין פֿעלד קוקורוזעס, אַרבעס־שויטן, קאָרן און ווייץ־זאַנגען זײַנען אָנגעפֿילט מיט קערנער. הימל־בלויע בלימעלעך באַפּוצן, באַשײנען די קאָרן־פֿעלדער.

אין די הייסע טעג זײַנען די דאָרף־מענטשן שטאַרק פֿאַרנומען, פֿאַרהאָרעוועט. אין שניט צײַט יאָגט מען זיך בײַם שנײַדן די תבואה, זי זאָל זיך אויסטריקענען. איידער עס קומט אָן אַ רעגן, זאָל מען אַראָפּנעמען פֿון פֿעלד. יונג און אַלט זײַנען אין פֿעלד.

פּויערשע מאַמעס האָבן מיטגענומען זייערע זויג־קינדער אין פֿעלד אַרײַן, אויסגעשפּרייט ערגעץ אַ שמאַטע אין אַ פּריזבע, צי אונטער אַ בוים, אַוועקגעלייגט דאָס קינד, אַרומגעשטעקט דאָס קלייד אין גאַרטל, געמאַכט עס קירצער, כדי פֿרײַער זיך קאָנען באַוועגן בײַ דער אַרבעט.

פֿון הויכע לויטערע הימלען האָט די זון געהיצט די ערד און געבריט די באָרוועסע פֿיס. פֿון מענטשן האָט זיך געגאָסן די שוויס, אָבער די אַרבעט איז אימפּעדיק אָנגעגאַנגען.

ווען די זון איז אַרויף הויך אינמיטן הימל, האָבן זיי געוואוסט, אַז ס'איז מיטאָג צײַט, צוגיין אַהיים עסן וואַרעמעס. באַלד נאָכן עסן ווידער אַוועק אין פֿעלד ביז זון זעצן. באַגינען, ווען די הינער האָבן נאָך אויף בוידעמס געדרימלט, די נאַכטיקע פֿינצטערניש האָט נאָך געשוועבט אויפֿן טונקל־בלויען הימל, האָט נאָך אַ בלאַסע לבנה שפּאַצירט, מאַטע שטערן האָבן שוואַך געפֿינקלט, אויפֿגעוואַכטע פֿייגל זײַנען נאַר־וואָס פֿון זייערע נעסטן אַרויס מיט אַ פֿריילעכן סווישטשערײַ צו באַגריסן דעם אָנקומענדיקן טאָג, זײַנען די דאָרף־

מענטשן שוין געווען וואַך, גרייט אָנצוהויבן אַרבעטן אין פעלד. ווען ס'האָט זיך ווי פון דער ערד אַרויסגערוקט אַ רויט אָנגעצונדענער הימל־פּאַס, אַ צייכן אויף זון אויפגאַנג, זײַנען די מענטשן שוין געווען אין פעלד.

אין סעדער האָבן פּרוכטן געצײַפּט. ס'איז נישט געווען ווער זאָל זיי אַראָפּנעמען. זײַנען די איבערגעשטאַנענע עפּל און באַרן געפאַלן פון די בוימער, געפּוילט אין די גראָזן, טייל האָבן זיך אַרויס־געקײַקלט אויפן זאַמדיקן וועג.

בײַ דער פויערשער פאַמיליע סצעפּאַן זײַנען געווען נײַן קינדער, פינף זין און פיר מיידלעך. צוויי מיידלעך זײַנען געווען מײַנע חברטעס, איינע אַ יאָר אינגער, די אַנדערע אַ יאָר עלטער פון מיר. זיי זײַנען צו אונז נישט געקומען, אָבער איך בין אָפט צו זיי געלאָפן. אַמאָל זיי געהאָלפן שיילן קאַרטאָפליעס, אַמאָל גיין מיט זיי אין פעלד רײַסן זשעלע און זיך צוזאַמען מיט זיי קײַקלען אויפן גראָז. אָבער אין די הייסע זומער־טעג זײַנען זיי אויך אָפט מיטגעגאַנגען אין פעלד צו העלפן די דערוואַקסענע, האָב איך זיך אַליין אַרומגעדרייט, געקליבן פון זאַמד די אַראָפּגעפאַלענע עפּל און באַרן, אַמאָל פלעג איך זיך אַרײַנכאַפּן אין אַ שכנה'שן סעדל, אַרויפקריכן אויף אַ בוים אַראָפּ־שאָקלען עפּל צי באַרן, אָנקלייבן אַ פולן פאַרטעך און ברענגען אין שטוב אַרײַן, צופרידן וואָס די הינט זײַנען מיך נישט באַפאַלן.

אין די בײַטאָגן זײַנען די מערסטע שטיבער געווען פוסט, פאַר־מאַכט. אַלע זײַנען געווען אויף די פעלדער. אַז מען האָט פאַרנאַכט אַרײַנגעטריבן אין דאָרף די קי און די שעפּסן פון פעלד, איז געוואָרן לעבעדיק און פריילעך פון זייער מוקען און מעקען. דאָס הירזשען פון פערד האָט אויך צוגעגעבן אַ פריילעכקייט. ס'איז געוואָרן אַ ראַשיקע באַוועגונג, מען איז געגאַנגען אַהין און צוריק פון שטיבער צו די שטאַלן, אויף די פאַדווירן האָט מען געקלאַפּט מיט עמערס בײַם ציען וואַסער פון ברונעמער. עס האָבן אָפּגעהילכט פאַרשידענע קלאַנגען פון רייד און געלעכטער. עס האָט זיך געטומלט און גע'רעש'ט ביז אין דער נאַכט אַרײַן.

אין האַרבסט האָבן דיי פויערישע שכנים אָנגעהויבן אָפּט קומען צו מײַן מאַמען, געבראַכט ליַוונט און אַנדערע סחורות צו נייען. טייל האָבן מיטגעבראַכט מתנות: אַביסל קאַשע, בעבלעך, עטלעכע מייערן, בוראַקעס, קרויט און אַנדערע זאַכן צום עסן. זיי זײַנען געווען זייער פרײַנטלעך צו דער מאַמען.

אַז די מאַמע האָט זומער געוואָלט דינגען אַ סעדל און נישט געהאַט קיין געלט, האָט זי נישט געהאַט קיין זאָרג. זי האָט גרינג געקראָגן צו לייען עטלעכע רובל בײַ אירע שכנים.

אין האַרבסט איז די לופט געווען אָנגעפילט מיט אַלערליי ריחות, פון די אָנגעזאַמלטע פּראָדוקטן, וואָס די ערד האָט אַרויסגעגעבן. פון סטאָדאָלעס האָט אַרויסגעשמעקט דאָס אויסגעטריקנטע היי, פון שײַערן די תבואה, פון קעלערס אָנגעפילטע מיט קאַרטאָפליעס, מייערן, בוראַקעס, קרויט און פּאַסטערנאַק. עס האָט געשמעקט מיט פריש צעאַקערטער ערד. סעדער־בוימער אָפּגעליידיקטע פון פרוכטן האָבן אויסגעזען נעבעכדיק, פאַראַרימט. אויף בלאַסע גרינע בלעטער האָבן זיך באַוויזן טונקל־ברוינע פלעקן, פון טאָג צו טאָג זײַנען זיי געלער געוואָרן ביז זייער גרינקייט איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

איידער עס האָט זיך פאַרענדיקט די זומער אַרבעט האָט שוין געוואָרט דער זאַטער האַרבסט מיט אַנדערע אַרבעטן. מען האָט געגראָבן גריבער צו באַהאַלטן אויפן ווינטער די קאַרטאָפליעס, מייערן און בוראַקעס זאָלן נישט פאַרפרוירן ווערן. די אָנגעפילטע גריבער צוגעדעקט מיט שטרוי. דערנאָך פאַרלייגט מיט אַ סך ערד געמאַכט אַ באַרג, גוט באַוואָרנט עס זאָל בלײַבן פריש, געזונט ביז'ן פרילינג צום נוצן.

מען האָט געמיסטיקט פעלדער, טייל צעאַקערט, פאַרזייט קאָרן און ווייץ עס זאָל אויפגיין, אַרויסוואַקסן פאַר די אָנקומענדיקע פרעסט מיט שנייען. די גרינע שפּראָצונגען זײַנען איבערן ווינטער געלעגן אונטערן דיק אָנגעפּאַלענעם שניי צודעק.

די דאָרף־מענטשן זײַנען ביז אין שפּעטן האַרבסט געווען פאַר־האָרעוועט אין די פעלדער.

נאָכן פֿאַרענדיקן די פֿעלד אַרבעט האָט מען געמאַכט װעטשע־רינקעס, זונטיק הוליאַנקעס. מען האָט געגעסן, געטרונקען, זיך אָנגע׳שיכור׳ט און געטאַנצט. בײַ די הוליאַנקעס זײַנען אָפֿט פֿאָר־געקומען געשלעגן. אַז אײנעם האָט פֿאַרדראָסן, װאָס ער האָט גענומען אַ געװיסע מײדל צום טאַנצן האָט מען זיך געשלאָגן, אַמאָל אַפֿילו זיך געשטאָכן מיט מעסערס.

פֿאַרנעפּלטע טעג האָבן זיך לאַנגװײליק געצױגן, פֿון אױסגע־לײדיקטע פֿעלדער האָט געװײעט אַ נאָגנדיקע פּוסטקײט, אַ מאָדנע בענקשאַפֿט נאָך עפּעס, װאָס איז פֿאַרשװאונדן. קילע װינטן האָבן געריסן, געיאָגט, געשלײַדערט די געלע בלעטער פֿון די בוימער, שװערע גרױסע װאָלקנס האָבן די בלױקײט פֿון הימל פֿאַרשטעלט. אַמאָל האָט די זון צעריסן אַ װאָלקן, זיך אַרױסגערוקט אין דער העלפֿט, װי זי װאָלט מיט אַ האַלב אױג אַראָפּגעקוקט, געשיקט אַ בלאַסן פֿאַרנעפּלטן שײַן.

די רעגנס זײַנען געקומען אָפֿטער און שטאַרקער מיט גראָבע טראָפּנס, װי האָגל געשטאָכן, עס האָט געשניטן די קעלט, פֿון האַלב נאַקעטע צװײַגן בױמער האָט געערונען, געקאַפּעט, װי זײ װאָלטן געװײנט, װאָס דער זומער איז אַװעק און עס רוקט זיך אָן אַ קאַלטער װינטער. דאָס דאָרף איז געװוען פֿאַרפֿלײצט פֿון די אָפֿטע רעגנס. מען האָט זיך געטאָפּטשעט אין בלאָטעס ביז די פֿרעסט זײַנען אָנגעקומען און פֿאַרפֿרױרן די ערד.

אָרימע פּױערים, װאָס האָבן געװאױנט אין אַלטע פּריכנעדיקע כאַטעס מיט געלעכערטע װענט האָבן מיט לײם פֿאַרקלעפּט די שפּאַרעס, אַלע לעכער אין די װענט, דער װינט זאָל נישט אַרײַנ־בלאָזן אין זײערע אײנציקע שטיבלעך, צו דעם האָבן זײ אין װאָלד צונױפֿגעשאַרט בלעטער, מיט טרוקענע בױמער־נאָדלען אָנגעפֿילט זעק, פֿלאַכטעס און געבראַכט אַרומצולײגן די װענט ביז צו די פֿענצ־טער, פֿאַרדעקן מיט ברעטער, דרענגלעך, בלעך, די װינטן זאָלן נישט צעיאָגן, עס זאָל האַלטן װאַרימער די שטוב אין װינטער.

פֿײגל האָבן זיך צונױפֿגענומען און מאַסנװײַז שטיל אָפּגעפֿלױגן

ערגעץ אין ווײַטע לענדער. זייער שטיל פֿליען האָט געקאָנט מיינען אַז זיי זײַנען אומעטיק, וואָס זיי געזעגענען זיך מיט זייערע נעסטן וואָס איז זיי אַ שאָד איבערצולאָזן.

אין שטיבער האָט מען געשאַטקעוועט קרויט, געלייגט אין פֿעסער איינצוזויערן אויפֿן ווינטער, ס׳זאָל זײַן צו קאָכן קרויט באָרשטש. מײַן מאַמע האָט אויך דאָס געטאָן.

ווינטער צײַט איז מען אין דאָרף אויך נישט געזעסן מיט פֿאַר־לייגטע הענט, אָבער די אַרבעט איז געווען גרינגער ווי אין די אַנדערע סעזאָנען פֿון יאָר. מענער זײַנען מערסטן טייל געווען פֿאַר־נומען בײַ די שטאַלן, געשפּרייט שטרוי בײַ די קי און פֿערד, זיי זאָלן נישט ליגן אין נאַסן מיסט. געטראָגן עסן, טרינקען אויך צו די חזירים און שעפּסן, געהאַקט האָלץ צום הייצן, אין שײַערן געדרעשעט, געמלוטשעט אויף פֿויליש דאָס קאָרן און ווייץ, דאָס הייסט אַרויסגע־קלאַפּט די זשאַרנעם קערענדלעך פֿון זאַנגען מיט לאַנגע שטעקנס, דערנאָך געזופּט, אָפּגעטיילט, גערייניקט די קערנדלעך פֿון די שטרויען. אַז דאָס וועטער איז געווען גינסטיק האָבן זיי געשפּאַנט פֿערד אין וואָגן, געפֿירט אין ווינט־מיל אויף צעמאָלן. אין גרויסע פֿרעסט מיט טיפֿע שנייען איז אין דאָרף געווען אַ פֿאַרטױבנדיקע שטילקייט זעלטן ווען מען האָט געזען גיין אַ מענטש אויפֿן וועג.

אַמאָל איז אַ שוואַרצע קראָ אַנגעפֿלויגן, זיך געשטעלט אויף אַ פֿאַרשנייטן פּלויט און געקראַקעט, צעריסן די שטילקייט, אפֿילו קיין בילן פֿון אַ הונט האָט מען זעלטן געהערט.

אַמאָל אין זוניקע בײַטאָגן זײַנען קינדער פֿון די פֿאַרמאַכטע שטיבער אַרויסגעלאָפֿן אויפֿן וועג זיך געוואָרפֿן מיט שניי, געמאַכט שניי־מענטשן, אויפֿגעבויט שניי־שטיבלעך וואו זיי האָבן געקאָנט זיך אַרײַנשטעלן, זיי האָבן זיך געשפּילט אין דרויסן אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן געקאָנט אויסהאַלטן די קעלט.

אַז די זון האָט געשײַנט און עס האָבן אַראָפּגערונען טראָפּנס און רינענדיק זײַנען זיי פֿאַרפֿרוירן געוואָרן, געבליבן הענגען אַרום די דעכער, ווי גרעסערע און קלענערע ליכט. די זון האָט אירע שטראַלן

װי לאַנגע גאָלדענע בענדער איבער דער װײַסקייט געשפּרייט, אונטערן בליאַסק פֿון דער זון האָט דער שניי געגלאַנצט, געבליש־טשעט װי מיט גינגאָלד באַשפּרענקלט און דער גלאַנץ האָט אַזש די אויגן געבלענדט און עס האָט זיך געפֿילט אַ ליבע אַנגענעמקייט אין פּראָסטיקן דרויסן. דער האַרט פֿאַרפֿרוירענער שניי האָט אונטער יעדן טראָט געסקריפּעט, װי ער װאָלט געקרעכצט, געשריגן װאָס מען טרעט אויף אים און מען צעשטערט זײַן װײַסקייט.

נאַקעטע בוימער זײַנען געװען אין װײַסקייט פֿאַרשלײַערט, יעדער צװײַג און צװײַגל מיט אַ שנייאיקער קרוין באַפּוצט, אַראָפּ־הענגענדיקע צאַפּנס האָבן אויסגעזען װי קרישטאָלענע קרענץ װאָלטן געהאָנגען.

אין װינטער האָבן די פֿרויען אויך געהאַט גענוג אַרבעט, זיי האָבן אַ חוץ מעלקן צװיי מאָל אַ טאָג די קי, קאָכן דרײַ מאָלצײַטן, געשפּינט אויף אַ שפּין־רעדל פֿלאַקס, „לען" אויף פּויליש, מיט אַ פֿוס אויפֿן טרעטער פֿון רעדל, מיט די פֿינגער געצויגן דעם פֿלאַקס אויף דינע פֿעדים, װאָס האָבן זיך אַרויפֿגעװיקלט אויף אַ גרויס קלעצל. פֿון די װײַסע פֿעדים האָבן זיי אויסגעאַרבעט, אויף קראָסנעס (אַ צונויפֿגעשטעלטער װאַרשטאַט אין שטוב) לײַװנט אויף העמדער, האַנטעכער און פֿלאַכטעס, אַנדערע טיילן פֿונ׳ם פֿלאַקס האָבן זיי אַװעקגעגעבן צו פֿאַרבן אויף פֿאַרשידענע קאָלירן. שפּעטער אויס־געאַרבעט אויף די זעלבע קראָסנעס סחורות מיט פֿאַרשידענע מוסטערן אין פּאַסן, אין קעסטעלעך און אויך איינציקע קאָלירן: גרינע, בלויע, רויטע, געלע, העלערע, און טונקעלע קאָלירן און גע־בראַכט צו מײַן מאַמען אויף צונייען קליידער, פֿאַרטעכער און העמדער. איז מײַן מאַמע געזעסן בײַ דער מאַשין פֿון באַגינען ביז שפּעט בײַ נאַכט און געניית צו פֿאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט מיט אַ קאַרטאָפֿליע.

די שטילסטע צײַט פֿון יאָר איז געװען אין דאָרף אין די קאַלטע, פֿראָסטיקע אָװנטן, אויפֿן פֿאַרשנייטן װעג האָט מען זעלטן געהערט אַ קלאַנג, יעדערער איז געזעסן בײַ זיך אין די שטיבער בײַ שװאַך באַ־

לויכטענע נאַפּט־לעמפּעלעך. די שטאַלן זײַנען געווען פֿאַרמאַכט, האָט מען נישט געהערט קיין מוקען פֿון קי, נישט קיין מעקן פֿון שעפּסן, נישט קיין הירזשען פֿון פֿערד. בלויז אין גרויסע זאַווע־רוכעס האָט מען געהערט הודזשען דעם ווינט, וואָס האָט געקלאַפּט, געריסן די לאָדנס.

דער פֿראָסט האָט פֿאַרפֿרוירן די שויבן־פֿענצטער מיט אַ דיקן אײַז־שיכט. נישט געלאָזט קיין שפּאַרע צו זען דעם דרויסן. אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קלאַנג פֿון גלעקלעך פֿון אַן אַנלויפֿנדיקן פֿערד מיט אַ שליטן, דאָס האָט די אָוונטיקע שטילקייט צעריסן, מיט פֿריילעכקייט פֿאַרהילכט דאָס דאָרף. נאָכן אַוועקלויפֿן פֿון פֿערד מיטן שליטן איז געבליבן לאַנג אַ נאָכקלאַנג ווי אַן עכאָ.

בײַטאָג זײַנען אָפּטער געפֿאָרן פֿערד מיט שליטנס, איז געווען גוט צו זען פּויערים אָנגעטאָן אין פּעלצן מיט וואַרימע היטלען אויף די קעפּ, אַראָפּגערוקט איבער די אויערן, די העלזער אַרומגעוויקלט מיט גראָבע שאַלן, די פֿיס פֿאַרשטעקט אין שטרוי, זיי זײַנען געפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן פֿירן עפּעס צו פֿאַרקויפֿן און אויף צוריק אײַנקויפֿן זאַכן פֿאַרן הויז געברויך.

אַז ס׳האָט זיך דערהערט דער קלאַנג פֿון אַ גלעקל האָט דאָס דאָרף אויפֿגעלעבט, גרויס און קליין זײַנען אַרויס פֿון די שטיבער זען ווער עס פֿאָרט, לאַנג נאָכגעקוקט דעם פֿערד מיטן שליטן. דער קלאַנג פֿון די גלעקלעך האָט זיך אין דער ריינער לופֿט לאַנג געהערט, ווען ער איז פֿאַרשוואונדן איז מען אַרײַן אין די וואַרימע שטיבער.

מײַן מאַמע האָט זיך זייער גוט אײַנגעלעבט מיט אירע פּוילישע שכנים. אפֿילו ווען זי האָט זיך פֿון דאָרף אַרויסגעצויגן אין שטאָט אַרײַן, האָט זי אויך אָנגעהאַלטן מיט זיי אַ נאָענטן קאָנטאַקט. אין די מאַרק־טעג זײַנען די באַקאַנטע דאָרפֿישע שכנים געקומען אין שטאָט אַרײַן, געבראַכט לײַוונט מיט פֿאַרשידענע סחורות, די מאַמע זאָל פֿאַר זיי אויפֿנייען. צו דעם האָבן זיי מיטגעבראַכט פֿאַר איר מתּנות: קאַשע, בעבלעך און אַנדערע זאַכן, האָבן מיר געהאַט וואָס צו עסן.

ער האָט געהאַלטן וואָרט

אין דעם קולטור־קלוב, וואו איך בין אַ מיטגליד, איז צו מיר צוגעקומען אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער, שײנער מאַן. זײַן פּנים גלאַט־ראַזירט: די געדיכטע, שניי־ווײַסע האָר אויפן רונדיקן קאָפּ, האָבן אָנגעוויזן אַן עלטער פון אַ זיבעציק־יאָריקן מענטש. פון זײַנע גוטמוטיקע, מילדע, ברוינע אויגן האָט אַרויסגעשטראַלט אַ יוגנט־לעכער גלאַנץ. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ וואַרימע האַנט. שטיל, ווי פאַרשעמט, געפרעגט:

— אפשר קענט איר ווען עס איז פאַר מיר אָפּשפּאָרן אַ ביסל צײַט? איך וויל פאַר אײַך עפּעס פאַרלייענען, וואָס איך האָב אָנגע־שריבן.

איך האָב אים אַ ווײַל אָנגעקוקט מיטן געדאַנק: „מן הסתם אַ נודניק; ער וויל מיר דרייען אַ קאָפּ". אָבער אָפּזאָגן אַ מיטגליד פונ׳ם קלוב האָב איך נישט געוואָלט. האָב איך אומגערן, מיט אַ האַלב מויל אים געפרעגט:

— ווען ווילט איר קומען?

— איך קאָן קומען צו יעדער צײַט. ווען פאַר אײַך איז באַקוועם.

ס׳איז געווען פריער האַרבסט. דער דרויסן האָט נאָך געשמעקט מיטן נאָר־וואָס פאַרגאַנגענעם זומער. אין דער צײַט פון יאָר, ווען נאָר איך האָב אַ געלעגנהייט, גיי איך אין פּאַרק, לעבן מײַן הויז. איך האָב ליב צו קוקן אויף די פאַרשיידנפאַרביקע בלעטער פון די בוימער.

— האָב איך געזאָגט:

— קומט איבער־מאָרגן בײַטאָג.

איך האָב געטראַכט: בײַטאָג וועל איך מיט אים אַרײַנגיין אין פּאַרק, אַוועקזעצן זיך אויף אַ זײַטיקער באַנק, הערן וואָס ער האָט

אָנגעשריבן, און אין דער זעלבער צײַט געניסן פון פרישער לופט מיט די אַרומיקע נאַטור־שיינקייטן.

אַרום צוויי אַזייגער האָט דאָס טיר־גלעקל זיך צעקלונגען. ער איז אַרײַנגעקומען מיט אַ דיקן מאַנוסקריפּט אונטערן אָרעם. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ גראָבן בוך. איך האָב באַלד אויפגעגעבן דעם געדאַנק וועגן גיין אין פּאַרק. ס׳האָט מיר שוין באַנג געטאָן וואָס איך האָב אים געהייסן קומען.

איך האָב אַרויסגערוקט אַ שטול, ער זאָל זיך זעצן; דערלאַנגט פּרוכט און אַנדערע נאַשערײַען צום טיש און געזאָגט:

— לייענט! איך בין גרייט צו הערן.

ער האָט פּאַמעלעך געעפנט די טאָוולען פון דיקן מאַנוסקריפּט, געלאָסן געמישט בלעטל נאָך בלעטל, אין דער מיט אַרויפגעלייגט די לינקע האַנט אויף אַ בלאַט, אַ קוק געטאָן אויף מיר, און שטיל און פּאַמעלעך אָנגעהויבן לייענען.

באַלד האָט זײַן טאָן זיך געהויבן. ער לייענט פלײַסיק וועגן אַ גרופּע אַכט־ צי נײַן־יאָריקע קינדער־גנבים, ווי זיי לויפן אויף מערק, כאַפּן פון די טישלעך אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך עסן: אַ בייגל, אַ זעמל, אַ קיכל, אַ פּרוכט, אַ צוקערקע. און אַז זיי האָבן אָנגעכאַפּט, אַנט־לויפן זיי פײַל פון בויגן; הערן ווי די מאַרק־אידן און אידענעס שעלטן זיי מיט אַלערליי קללות — אָבער זיי אַרט דאָס נישט. זיי לויפן אַוועק ווײַט פון מאַרק, שטעלן זיך אָפּ אין אַ זײַטיק געסל, טיילן זיך מיט די געכאַפּטע זאַכן, און עסן מיט גרויס אַפּעטיט.

נישט אַלע מאָל געלינגט זיי צו אַנטלויפן. נישט איינער ווערט געכאַפּט פון די „סטראַזשניקעס״; ווערן זיי געשלאָגן, אַרײַנגעזעצט אין קינדער־תפיסה, וואו זיי מוזן שווער אַרבעטן אונטער די קלעפּ פון די אויפזעער. אייניקע האָבן געמאַכט פּאַרזוכן צו אַנטלויפן — האָט מען זיי ווידער געכאַפּט, און נאָך שטאַרקער געשלאָגן.

פון דאָרט זײַנען זיי קיין „אויסגעבעסערטע״ נישט אַרויס. פאַר־קערט — פאַרביטערט פון די אכזריות׳ן וואָס זיי זײַנען דאָרט אויסגעשטאַנען, האָבן זיי גענומען גנב׳ענען. און שפּעטער, ווען די

קינדער זײַנען אונטערגעוואַקסן, האָבן זיי זיך גענומען צום גנב׳ענען אויף אַן אַנדער אופן: זיי האָבן אָנגעהויבן ברעכן שלעסער, אַרײַנרײַסן זיך אין הײַזער, אַרויסנעמען פון שטוב זאַכן צו פֿאַרקויפֿן...

ער לייענט וועגן תפיסה־לעבן, וועגן בריוו וואָס זיי שרײַבן און קריגן פון פרײַנט...

כ׳האָב געזען, אַז ער לייענט מיט אַ טיפן געפיל. ס׳איז געווען קאַנטיק, אַז ער לעבט־איבער די אַלע געשעענישן. זײַן קול האָט געקלונגען מיט ווייטיק; די אויגן זײַנען פאַרלאָפן מיט טרערן. ער האָט געלייענט מיט אימפעט ווי ער וואָלט וועלן וואָס מער אויסלאָדן, אַראָפּוואַשן אַ שווערע לאַסט, אַ גרויסן באַגאַזש, וואָס האָט זיך בײַ אים דורך יאָרן אָנגעזאַמלט.

איך בין געוואָרן מיטגעריסן מיט זײַן לייענען. אַזוי פיל טיפֿרירנדיקע פאַסירונגען! אַזוי פיל שוידערלעכע איבערלעבונגען! איך הער און גאַף: ווי קאָנען מענטשן דאָס אַלץ איבערלעבן?!

איך וויל ער זאָל אַלץ ווײַטער פאָרזעצן. ער שילדערט זאַכן קלאָר און בילדלעך ווי אַ טאַלאַנטירטער שרײַבער.

כ׳האָב באַמערקט אַז ער באַנעצט די פאַרטרוקנטע ליפּן מיט דעם צונג, האָב איך צוגערוקט צו אים די פרוכט. ער האָט גענומען עטלעכע ווײַנטרויבן, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, מיך אָנגעקוקט. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ער וויל וויסן מײַן מיינונג. האָב איך געזאָגט:

— איר שרײַבט זייער גוט, און די געשיכטעס זײַנען זייער אינטערעסאַנט!

— אָט דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט הערן. איך זוך אַ פאַרלעגער. אפשר ווייסט איר, ווער עס וואָלט געוואָלט אַרויסגעבן מײַן בוך?...

איך האָב צוגעשטעלט קאַווע. מיר האָבן געטרונקען, צוגעביסן די קיכלעך. איך האָב געפרעגט:

— וואו האָט איר גענומען די טיפן גנבים? אַזוי פיל פאַרשידענע פאַסירונגען — אַלץ מיט גנבים? אײַער שילדערונג מיט אַלע איינצלהײַטן איז צו באַוואונדערן — האָט איר געקענט אַזעלכע חברה־לײַט?

ער האָט אַרויפגעלייגט זײַן רעכטע האַנט אויפֿן מאַנוסקריפּט, מיט אַ מילדן בליק מיך אָנגעקוקט. אַ דינער שמייכל האָט זיך באַוויזן אַרום זײַנע ליפּן. רואיק און געלאַסן האָט ער דרײַסט געזאָגט:

— איך בין געווען איינער פֿון זיי... אַ סך עפּיזאָדן, וואָס איר האָט דאָ געהערט האָבן געטראָפֿן מיט מיר אַליין און איך האָב בײַגע־וואוינט פֿאַרשיידענע פּאַסירונגען מיט אַנדערע פֿרײַנט מײַנע...

ער האָט שוין מער נישט געלייענט, נאָר אָנגעהויבן דערציילן וואָס מיט אים האָט פּאַסירט:

— דאָס אַרײַנברעכן זיך אין הײַזער האָט בײַ אונדז לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ס׳איז געוואָרן שווער צו קריגן די קונדן וואָס זאָלן אָפּ־קויפֿן די שטוב־זאַכן... מיר זײַנען שוין געווען דערוואַקסענע יונגען, האָבן מיר אָפּגעמאַכט צווישן זיך צו ווערן קעשענע־גנבים.

איך בין פֿאַרציטערט געוואָרן: פֿאַר מײַנע אויגן זיצט אַ מענטש און דערציילט אַזוי געלאַסן וועגן זיך אַליין, גלײַך ווי עס וואָלט געווען אַ געוויינלעכע זאַך.

ער האָט גענומען עטלעכע ניסלעך און פֿאַרגעזעצט דערציילן:

— מײַן פֿאָטער איז געווען אַ גרויסער שיכּור. ער האָט גראָד געהאַט אַ גוטן פֿאַך: אַ מויערער — אײַנגעמויערט קוכן, אויוונס צו באַקן, און ער האָט גוט פֿאַרדינט ווען ער האָט געאַרבעט. אָבער ער האָט די מערסטע פֿאַרדינסטן פֿאַר׳שיכּור׳ט.

אין הויז זײַנען בײַ אונדז געווען זעקס קינדער: צוויי אינגלעך און פֿיר מיידלעך. איך בין געווען דער אינגסטער. אין שטוב איז געווען אַ גרויסער דלות. מער ווי אַ קאַרטאָפֿליע מיט זאַלץ און טרוקן ברויט האָב איך אין שטוב נישט פֿאַרזוכט.

ווען כ׳בין אַלט געווען זעקס יאָר, האָט מײַן פֿעטער, דער מאַמעס אַ ברודער, מיר געבראַכט אַן עפּל — צום ערשטן מאָל! דעם וואונדערלעכן טעם, וואָס איך האָב דעמאָלט געפֿילט, האָב איך לאַנג נישט געקאָנט פֿאַרגעסן. שפּעטער האָב איך געהאַלטן אין איין בעטן די מאַמע, זי זאָל מיר געבן אַן עפּל...

מיר האָבן געוואוינט אין אַ חורבה־שטיבל מיט געלעכערטע

וועגט. יעדן ווינטער האָט מײַן מאַמע פאַרקלעפּט מיט לײם די שפּאַרעס, אַז דער ווינט זאָל נישט אַרײַנבלאָזן אין שטוב אַרײַן.

אין דעם געסל האָבן געוואוינט נאָך אַ סך אָרימע לײַט. איך האָב זיך געשפּילט מיט קינדער פון דער אָרימקייט. זיי זײַנען געגאַנגען אָנגעטאָן אין צעריסענע שמאַטעס. אַ גאַנצן זומער — באָרוועס, הונגעריקע, פּונקט ווי איך.

ווען איך בין אַלט געווען אַרום אַכט יאָר, האָבן מיר, עטלעכע אינגלעך פון גאַס, זיך צונויפגענומען, אַלע כמעט אין זעלבן עלטער. מיר האָבן אָנגעהויבן לויפן אויף די מערק כאַפּן פון די טישלעך, איך האָב דאָס ערשטע געכאַפּט אַן עפּל! אַלע האָבן געכאַפּט נאָר זאַכן צום עסן.

אַז מײַן טאַטע פלעגט אַהיימקומען אַ פאַר׳שיכור׳טער, האָט די מאַמע מיט אים זיך געקריגט, געשאָלטן און געוויינט. איך האָב נישט געקענט צו־זען מײַן מאַמען וויינען. בין איך געלאָפן צו מײַנע חברים. ס׳האָט מיך געצויגן פון שטוב. בין איך גאַנצע טעג און האַלבע נעכט געווען מיט דער חברה אין דרויסן, זיך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן.

מײַן מאַמע איז געווען אַ גאָלדענע נשמה, געהאַט אַ גוט האַרץ. זי האָט שטאַרק געליטן, וואָס זי האָט אַ מאַן אַ שיכור, און די קינדער הונגערן, האָבן נישט קיין שיך אויף די פיס. די פיר מיידלעך האָבן געהאַט איין פאָר שיך. ווען זיי האָבן געוואָלט אַרויסגיין האָט בלויז איינע אין דער זעלבער צײַט געקאָנט גיין. ווינטער פלעגן זיי זיצן אין שטוב, אײַנגעוויקלט די פיס אין שמאַטעס. און צו דעם האָב איך מײַן מאַמען אָנגעטאָן אַ סך שאַנדע, וואָס איך בין געוואָרן אַ גנב.

זי האָט זיך בײַ מיר געבעטן איך זאָל זיך לערנען אַ מלאכה. דאָס וואָלט געמיינט נאָך יאָרן הונגערן. חוץ דעם האָב איך נישט געוואָלט זיך אָפּרײַסן פון מײַנע חברים, ס׳האָט מיך געצויגן צו זיי ווי אַ מאַגנעט. אַז איך בין געוואָרן אַרעסטירט, האָבן זיי, נאָר זיי, מיך באַזוכט. נאָכן אָפּזיצן מײַן צײַט אין טורמע, בין איך ווידער געגאַנגען צו זיי.

אין דער צײַט, וואָס מיר זײַנען געווען קעשענע־גנבים, האָבן עטלעכע פֿון מײַנע חברים מיט מיר אָפּגערעדט, מיר זאָלן צוזאַמען פֿאָרן מיט אַ באַן אין אַן אַנדער שטאָט אויף אַ גרויסן יאַריד זוכן אַרויסצושלעפּן געלט פֿון קעשענעס. דאָרט, אויפֿן יאַריד איז יעדער איינער פֿון אונדז אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג. בײַ דער ענדע פֿון טאָג האָב איך קיינעם פֿון זיי נישט געקאָנט געפֿינען. מיר האָט זיך נישט אײַנגעגעבן אַרויסצוציען קיין געלט. איך בין געווען דער־שלאָגן פֿון מײַן ניט־דערפֿאָלגרײַכן יאַריד. איך בין אַליין, אַן אומע־טיקער געגאַנגען צו דער באַן אַהיימצופֿאָרן.

אין וואַגאָן איז צו מיר צוגעקומען אַ מיטל־יאָריקער, רײַך־געקליידעטער מאַן מיט אַ טעקע אין האַנט. ער האָט זיך געזעצט לעבן מיר אויף דער באַנק. איך האָב באַלד געוואָרפֿן אַן אויג אויף אים: געטראַכט, ווי אַזוי צוצוקומען צו זײַן קעשענע. בײַ אַ סטאַנציע האָט ער זיך אויפֿגעהויבן אַראָפּצוגיין. איך האָב זיך געמאַכט, ווי איך גיי אויך אַראָפּ; כ׳האָב זיך ענג צוגערוקט צו אים, און ס׳איז מיר געלונגען אַרויסצושלעפּן זײַן טײַסטער.

ער איז אַוועק זײַן וועג; איך בין ווײַטער געפֿאָרן. איך קום אַהיים, עפֿן דעם טײַסטער, און דערזע דאָרט אַריבער פֿינף הונדערט רובל. מײַן פֿרייד איז ניט איבערצוגעבן. אויפֿן מאָמענט בין איך געוואָרן צעטומלט.

דערציילן דער חברה פֿון דער גרויסער מאַטניאַ וואָלט געמיינט, אַז איך דאַרף זיך מיט זיי טיילן. דאַן וועט מיר ווייניק בלײַבן. צי זיי האָט זיך אײַנגעגעבן עפּעס אַרײַנצוקריגן, האָב איך נישט געוואוסט.

בליץ־שנעל האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַ געדאַנק: אָפּצור־ײַסן זיך פֿון דער חברה גנבים, אַנטלויפֿן אין אַן אַנדער לאַנד, ווערן אויס גנבֿ! כ׳האָב באַלד אויפֿן אָרט זיך געגעבן דאָס וואָרט, כמעט געשוואוירן: מער נישט גנבֿ׳ענען! מיט דעם געלט קאָן איך זיך ראַטע־ווען פֿון דער געזונקענער לאַגע! בײַ דעם געדאַנק האָב איך זיך פֿעסט געהאַלטן.

עס האָט מיר אָנגעהויבן זשומען אין קאָפּ. פֿאַרשיידענע

געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט, ווי אַזוי אָנצוהויבן גיין אויף אַ גלײַכן, ערלעכן וועג אין לעבן?

איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַרום נײַנצן יאָר אָבער מיטגע־מאַכט לײַדן פֿאַר הונדערט יאָר.

מײַן פֿעטער, דער מאַמעס ברודער, האָט פֿיל מאָל מיך געבעטן איך זאָל זיך אָפּרײַסן פֿון דער באַנדע לאָבוסעס און גנבים, און ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך. ער האָט מיך געוואָרנט, אַז סוף כל סוף וועל איך פֿאַרפֿוילט ווערן אין תּפֿיסה. האָב איך איצט געוואָלט אים אָנזאָגן די בשורה: איך האָב באַשלאָסן ווערן אויס גנב — ער זאָל באַלד קומען מיר העלפֿן זיך ראַטעווען פֿון מײַן לאַגע.

ער איז געקומען צו לויפֿן. כ׳האָב אים דערציילט וויפֿל געלט איך האָב און אַז איך וויל פֿאָרן קיין אַמעריקע, ער זאָל זען קריגן פֿאַר מיר אַ פּאַספּאָרט — און ער האָט מיט גרויס פֿאַרגעניגן גענומען מאַכן אַלע צוגרייטונגען צום פֿאָרן.

איך בין ניט אַרויס פֿון שטוב, כדי ניט צו טרעפֿן די חברה גנבים. זיי וואָלטן מיך ניט אָפּגעלאָזט.

אין אַמעריקע האָב איך קיינעם ניט געהאַט. מײַן פֿעטער האָט מיר געבראַכט אַלע צוגעגרייטע פּאַפּירן. ער האָט מיר אויך געגעבן אַן אַדרעס פֿון אַ לאַנדסמאַן, איך זאָל האָבן צו וועמען אַרײַנ־צוקומען.

פֿון מײַן געלט האָב איך געגעבן דער מאַמען הונדערט רובל. זי האָט אַזאַ סומע אין איר לעבן נישט אָנגעקוקט.

איך בין שטיל אַרויס פֿון הויז, אַוועק, אַז קיינער זאָל מיך נישט זען, נישט וויסן וואו איך בין אַהינגעקומען.

אויף דער שיף האָב איך געהאַט געלעגנהייטן צו נעמען ווערט־פֿולע זאַכן און אַרויסנעמען געלט אויך; אַ מאַן האָט פֿאַרגעסן לעבן מיר, אויפֿן טיש, אַ גאָלדענעם זייגער. בין איך אים נאָכגעלאָפֿן, גערופֿן ער זאָל אים נעמען. איך האָב זיך פֿעסט געהאַלטן בײַ מײַן וואָרט: קיינמאָל מער קיין פֿרעמדע זאַך נישט אָנרירן. דאָס איז בײַ

מיר געוואָרן אַ הייליקער באַשלוס, און איך האָב דאָס אָפּגעהיט ווי אַ הייליקייט.

אַראָפּקומענדיק פון שיף אין עליס אײַלאַנד, האָב איך געגעבן דעם „האַיאַס" מײַן לאַנדסמאַנס אַדרעס, מײַן לאַנדסמאַן האָט דאָ געהאַט אַ שפּײַז־קראָם. דער „האַיאַס" האָט אים געלאָזט וויסן, ער זאָל אָפּנעמען אַ יונגנמאַן פון זײַן שטאָט. ער איז געקומען מיט זײַן פרוי. ווען ער האָט זיך דערוואוסט ווער איך בין, איז אים געוואָרן פינצטער אין די אויגן. ער האָט זיך גענומען דרייען, זוכן תירוצים אַז ער קאָן מיך נישט נעמען צו זיך.

איך האָב געוואוסט פאַרוואָס, איך בין געשטאַנען אַ טרויע־ריקער, הילפסלאָזער. זאָגן זיי מײַן באַשלוס, אַז איך וועל מער נישט גנב'ענען, וועלן זיי מיר דאָך נישט גלויבן. דעם לאַנדסמאַנס פרוי האָט, ווײַזט אויס, דערקענט אויף מיר די זאָרג, און געקראָגן אויף מיר רחמנות. האָט זי אײַנגערוימט דעם מאַן אין אויער ער זאָל מיך נעמען אויף עטלעכע טעג. שפּעטער וועלן זיי זען מיך ערגעץ צו באַשטאַטן.

איך בין גרייט געווען צו האַקן שטיינער, טראָגן ציגל, גראָבן ערד — אַבי צו פאַרדינען אויפן עסן.

בײַ מײַן לאַנדסמאַן אין שפּײַז־קראָם איז געווען איבער גענוג אַרבעט, מער נאָך ווי פאַר איין מענטש. ער האָט געהאַט אויך פּרוכטן און גרינסן צו פאַרקויפן. ביידע, מײַן לאַנדסמאַן און זײַן פרוי, האָבן שווער געהאָרעוועט. איך האָב געזען ווי שווער זיי אַרבעטן, האָב איך מיט גרויס פלייסיקייט גענומען זיי אַרויסהעלפן: געטראָגן די קאַסטנס פּרוכט, אויפגעפּאַקט, צעלייגט אויף די ערטער, געוואַשן די פּאָדלאָגע, צעטראָגן באַשטעלונגען. ווען מײַן לאַנדסמאַן האָט געזען ווי איך קום אים גוט צו־נוץ, האָט ער מער נישט געזוכט מיך אָוועק־צושיקן. איך בין געווען זייער צופרידן, ס'איז מיר דאָרט זייער גוט געווען. איך האָב געהאַט עסן פונ'ם בעסטן, געשלאָפן אַליין אין אַ צימער, צו דעם האָט ער מיך נאָך צוגעצאָלט — באַלד. די ערשטע

וואָך — דרײַ דאָלער אַ וואָך. פאַרן צעטראָגן די באַשטעלטע סחורה האָב איך פון „טיפּס" געהאַט באַלד נאָך אַמאָל אַזוי פיל.

איך בין זיי געווען שטאַרק דאַנקבאַר פאַר דעם גוטס.

איך האָב געשפּאָרט יעדן סענט צו שיקן מײַן מאַמען, געוואָלט איר פאַרגיטיקן מיט אַ פּאָר דאָלאַר פאַר דער שאַנד, וואָס זי האָט געליטן צוליב מיר.

איך בין געווען אַן אַנאַלפאַבעט: נישט געוואוסט וואָס אַן אַלעף איז — נישט אין אידיש, נישט אין רוסיש. איך האָב דאָ אין די אָוונטן אָנגעהויבן גיין אין סקול; מיט גרויס חשק זיך צוגעכאַפּט צום לערנען די ענגלישע שפּראַך, געשלונגען ממש יעדעס וואָרט.

ער האָט פאַרגעזעצט:

— מײַן גליק צו זײַן בײַ מײַן לאַנדסמאַן האָט לאַנג נישט אָנגע־האַלטן. מײַן לאַנדסמאַן האָט געהאַט אַ שיינע טאָכטער — אַ יאָר אינגער פון מיר. זי האָט געאַרבעט אין אַ קליידער־שאָפּ. איך האָב געזען, אַז זי דרייט זיך צו פיל אַרום מיר: קוקט מיך אָן מיט אַ שמייכל, קוקט אויף די הענט, וואָס איך טו. אַמאָל וויל זי מיר העלפן. זי רעדט אַזוי צאַרט, ליבלעך, פאַרפּלאָנטערט מיך מיט די אויגן; זונטיקס וויל זי, איך זאָל מיט איר גיין אין פּאַרק שפּאַצירן... זי שלאָגט מיך פאָר, איך זאָל גיין מיט איר „זען אַ מאַוואַוי"...

זי זאָגט, איך געפעל איר, זי איז מיר אויך געפעלן, און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות.

איך האָב נישט געוואָלט, אַז אירע עלטערן זאָלן האָבן יסורים. זיי זײַנען געווען גוט צו מיר. דער פאָטער האָט יעדן חודש צוגעלייגט מיר 50 סענט. ער האָט מיר שוין געצאָלט זעקס דאָלאַר אַ וואָך מיט עסן און שלאָפן. איך האָב געוואוסט, אַז אויב אירע עלטערן וועלן זיך דערוויסן, אַז מיר האָבן זיך ליב, וועט עס פאַר זיי זײַן אַ גרויסע טראַ־געדיע. וואָס הייסט? זייער שיינע, געראָטענע טאָכטער נעמט אַ גע־וועזענעם גנב פאַר אַ מאַן?...

איך בין געווען גרייט צו דערשטיקן מײַנע געפילן צו איר, גרייט צו לײַדן, אַבי נישט פאַרשאַפן קיין ערגערניש צו מײַן לאַנדסמאַן.

האָב איך געזאָגט מײַן באָס אַ תּירוץ: איך וויל האָבן מער צײַט צו לערנען. אין דער גראָסערי בין איך צו פּיל פֿאַרנומען. איך וויל אַוועקגיין זוכן בײַ עפּעס אַנדערש צו אַרבעטן.

ער האָט מיך אָנגעקוקט, ווי איך וואָלט אַראָפּ פֿון זינען; נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס.

זײַן פֿרוי האָט אָבער, ווײַזט אויס, באַמערקט, אַז די טאָכטער איז נישט גלײַכגילטיק צו מיר. זי האָט זיך מיט אים דורכגערעדט, אַז עס וועט זײַן בעסער פֿאַר זיי, מען זאָל מיך משלח־זײַן.

עס האָט נישט לאַנג גענומען און מײַן לאַנדסמאַן זאָגט צו מיר: „דו ווילסט גיין, גיי געזונטערהייט. איך האָב פֿאַר דיר אַ גוט אָרט פֿאַר אַרבעט — אין אַ קראָם פֿון אײַזנוואַרג, בײַ מײַנעם אַ קרוב. בײַ זײַנער אַ שכנה וועסטו קאָנען עסן און שלאָפֿן, זי האַלט „באָרדערס".

איך האָב אים זייער שיין באַדאַנקט. כ'בין געווען צופֿרידן אַוועק־צוגיין, כאָטש ס'איז מיר געווען אַ שאָד צו פֿאַרלאָזן די שטוב וואו איך בין געוואָרן זייער גוט באַהאַנדלט. איך האָב אָבער געהאָפֿט, אַז ווען דאָס מיידל וועט מיך נישט זען, וועט זי פֿאַרגעסן אין מיר.

אָבער זי איז שוין געווען שטאַרק פֿאַרליבט אין מיר. יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט פֿלעגט זי קומען אין דער קראָם מיך זען. איך האָב זי געבעטן זי זאָל נישט קומען. נישט ווײַל איך וויל זי נישט זען, נאָר די עלטערן זאָלן דערפֿון נישט לײַדן. איך וויל נישט אַז צוליב מיר זאָלן זיי האָבן יסורים. איך האָב צו איר געזאָגט: „דו ביסט יונג, שיין — וואָס דאַרפֿסטו זיך פֿאַרדרייען דעם קאָפּ מיט מיר, אַ געוועזענעם גנבֿ? דו ביסט ווערט אַ בעסערן מאַן ווי איך בין!". ס'האָט אָבער נישט געהאָלפֿן.

זי האָט נישט אויפֿגעהערט צו קומען. זונטיק'ס פֿלעגט זי מיך נישט אָפּלאָזן.

אירע עלטערן האָבן אָנגעהויבן איר צורעדן זי זאָל אַוועקפֿאָרן קיין פֿילאַדעלפֿיע, צו זייערס אַ קוזין. זי האָט נישט געוואָלט הערן דערפֿון. זיי האָבן געהאָפֿט, אַז אויב זי וועט זײַן פֿון דער ווײַטנס, וועט זי אפֿשר „זיך אָפּטשעפּען" פֿון מיר. ענדלעך, איז זי געפֿאָרן קיין

פילאַדעלפיע. אָבער זי האָט דאָרט געהאַלטן אין איין בענקען נאָך מיר, נישט געוואָלט זיך טרעפן מיט קיין אַנדערן בחור.

אין אַ קורצער צײַט אַרום איז זי צוריקגעקומען; געזאָגט: זי קען נישט לעבן אָן מיר.

איך האָב אין דער קראָם זייער גוט זיך אויסגעטויגט, כ׳בין געוואָרן אַ דערפאָלגרײַכער „סעילסמאַן״; גוט פאַרדינט.

ווען אירע עלטערן האָבן געזען, אַז זייער טאָכטער קאָן זיך נישט אָפּרײַסן פון מיר, האָבן זיי אונדז חתונה געמאַכט. מיר זײַנען ביז הײַנט ביידע גליקלעך. מיר האָבן דרײַ פאַרהײַראַטע וואויל־געלערנטע טעכטער, זיי פאַרנעמען וויכטיקע אַמטן. מיר האָבן פון זיי אַ סך נחת. זיי זײַנען ליבע, געטרײַע קינדער.

מײַן אַרבעט האַלט איך אָן ביז איצט, איך האָב ליב די אַרבעט. — —

* * *

איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן זייגער — ס׳איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. איך האָב געזאָגט:

— איר זענט אַ גליקלעכער, וואָס איר האָט געקאָנט באַווײַזן צו דערגיין פון אַ שטופּע פון אַ גנב צו מענטשלעכער דערהויבונג!

ער האָט מיר געדאַנקט פאַרן קאָמפּלימענט, פאַרן אויסהערן אים, און מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט.

די קליינע פעני

פעני איז אַ קלייניקנקע, אַ מאָגערע, אָבער זייער אַ רירעוודיגע, זי איז אַ מיטגליד אין עטלעכע אָרגאַניזאַציעס. אומעטום נעמט זי אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט. זי גייט צו אַלע אונטערנעמונגען פון יעדער אָרגאַניזאַציע וואו זי איז אַ מיטגליד. צו דעם פאַרפעלט זי ניט קיין דעמאָנסטראַציע, געגן מלחמה, געגן אַנטיסעמיטיזם, געגן פאַרשידענע אַנדערע איבלען.

ניט נאָר גייט זי אויף דעמאָנסטראַציעס אין ניו יאָרק, וואו זי וואוינט, נאָר זי פאָרט אין אַנדערע שטעט אויך צו באַטייליגן זיך אין קאַמף פאַר שלום, פאַר בירגערלעכע רעכט און אַנדערע פאָדע־רונגען. ווײַל זי איז אַ קלייניקנקע גייט זיך שטענדיג אין די ערשטע רײַען, און טראָגט אויף איר ברוסט אַ גרויסן פלאַקאַט, וואָס גרייכט איר אַמאָל פון האַלדז ביז צו די קנעכל. טראָגן דעם פלאַקאַט אין דער הויך, ווערט איר האַנט מיד, און זי וויל מען זאָל זי זען, אַז זי איז אויך אין קאַמף פאַר גערעכטיקייט און שלום, טראָגט זי דעם פלאַקאַט אויף דער ברוסט.

אַלע אירע פריערדיגע יאָרן איז פעני געווען פאַרהאַרעוועט. איר מאַן האָט קיינמאָל ניט פאַרדינט גענוג צום לעבן. ער איז געקומען פון אַ קליין פויליש שטעטל קיין אַמעריקע. עטלעכע יאָר אין דער אַלטער היים, האָט ער זיך געוואַלגערט אין אַ גרעסערער שטאָט, וואו ער האָט געלערנט אין אַ ישיבה. דאָ, ניט האָבנדיג קיין פאַך, האָט ער געאַרבעט אַלע מאָל בײַ עפּעס אַנדערש, געלערנט זיך פאַרשידענע פאַכן, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט צו בלײַבן אַרבעטן בײַ מענער־היטלען.

זיי האָבן געהאַט איין מיידעלע. פעני האָט דאָס קליינע קינד ניט געהאַט וואו איבערצולאָזן זי זאָל קאָנען גיין אין אַ שאַפּ אַרבעטן.

אַחוץ וואָס איר מאַן האָט ווייניג פאַרדינט ווען ער האָט געאַרבעט, זײַנען נאָך די סעזאָנען אין דעם פאַך געווען זייער קליינע. כאָטש פעני איז געווען אַ גוטע באַלעבאָסטע, און האָט געוואוסט ווי אַזוי צו שפּאָרן אַ סענט, האָט זי אָבער ניט געקאָנט אָפּשפּאָרן גענוג אויף דורכלעבן די „סלעק״ צײַט.

כדי ניט צו דאַרפן לײַען בײַ פרײַנט, האָט זי געמוזט זוכן בײַ עפּעס צו פאַרדינען. אין זייערע קליינע פיר צימערן, האָט פעני אַרײַנגענומען צוויי קוואַרטיראַנטן, „באָרדערס״. זי האָט אַפילו פאַר זיי געקאָכט וועטשערע, אַבי בײַ קיינעם ניט דאַרפן לײַען קיין געלט און שפּעטער זאָרגן וואו צו נעמען אָפּצוגעבן.

אָבער אַפילו מיט די צוויי „באָרדערס״ איז נאָך אַלץ ניט געווען גענוג דורכצולעבן, האָט פעני אָנגעהויבן קאָכן פאַר אַנדערע נײַ אָריבערגעקומענע, וואָס האָבן געזוכט אַ היימיש ביסל עסן. דאָס האָט זיך גערופן אַ פּריוואַטער רעסטאָראַן.

ס׳איז שווער צו פאַרשטיין, וואו די קליינע פעני האָט גענומען די כוחות איינע אַליין צו קאָכן יעדן טאָג פאַר דרײַסיג־פערציג מענטשן, מאַכן פאַרשיידענע מאכלים. זי האָט זיך אפילו ניט פאַרגונען צו באַצאָלן פינף סענט פאַר אָפּפליקן אַ הון, נאָר האָט אַליין געפליקט יעדן טאָג עטלעכע הינער.

שפּעטער איז פעניס מאַן קראַנק געוואָרן. ער האָט מער ניט געקאָנט אַרבעטן אין שאַפּ, האָט זי געעפנט אַ „לאָנטשענעט״, וואו זי איז געווען די אַלץ־טוערין, די גאַנצע פירערין. דער מאַן האָט איר בלויז אַביסל צוגעהאָלפן. מערסטן טייל איז ער געזעסן בײַם אָפּנעמען דאָס געלט.

פעני האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף איר מזל, וואָס זי דאַרף אַלע אירע יאָרן שווער אַרבעטן, אויף איר פּנים איז שטענדיג געווען אַ גוט־מוטיקער שמייכל.

אַז איר מאַן איז אָפּגעשטאָרבן, האָט זי זיך קוים דערוואַרט צוקריגן איר עלטער־פּענסיע, זי זאָל ענדלעך זיך קאָנען אָפּגעבן מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

זי איז געוואָרן אַ מיטגליד אין עטלעכע קולטור־געזעלשאַפט־לעכע אָרגאַניזאַציעס און אומעטום, נעמט זי אַן אַקטיוון אָנטייל. אויף יעדן געביט איז זי די שלאָגלערין.

ספּעציעל צייכנט זי זיך אויס אין פאַרקויפן בילעטן און אין זאַמלען געלט פאַר פאַרשיידענע צוועקן. וואו זי טרעפט נאָר אַ באַקאַנטן האָט זי באַלד פאַר אים עפּעס צו פאַרקויפן. זי האָט שטענדיק בײַ זיך פאַרשיידענע בילעטן פאַר אונטערנעמונגען אַ גאַנץ יאָר. אַז איר קאָנט ניט נעמען בײַ איר קיין שום בילעט, פאַלט זי בײַ זיך ניט אַראָפּ. זי שלאָגט אײַך פאָר צו נעמען בײַ איר אַ „ראַפל״ און אויב איר האָט שוין דעם „ראַפל״ — האָט זי אַ צווייטן. און אויב ניט קיין „ראַפל״, האָט זי אַ ליסט. „אַרויסדרייען״ זיך פון פעני׳ן ניט אַרײַנצולייגן די האַנט אין קעשענע צו געבן איר עפּעס געלט איז שווער, אוממעגלעך. זי בעט בײַ אײַך אויף אַזאַ אופן, אַז איר קאָנט איר ניט אָפּזאָגן, און איר גיט אַ בײַשטײַערונג מיט אַ קאָמפּלימענט, אַז זי טוט גוטע אַרבעט, — און זי איז שטאַרק צופרידן מיט דעם וואָס זי טוט.

בכלל איז פעני זייער אַ פרײַנטלעכע. ווי גיך עמיצער טרעט איבער איר שוועל, אַ גוט־באַקאַנטער, צי אַ ווייניק־באַקאַנטער, טראָגט זי באַלד צו אַ טעפּעלע קאַווע מיט אַ צובײַס און נאַשערײַען. און זי דערלאַנגט דאָס מיט אַזאַ וואַרימער פרײַנטשאַפט, אַז איר דער־פילט זיך היימיש, ווי בײַ אַ ליבער אייגענער אין שטוב.

קומט אַ פרײַנט, צי אַ באַקאַנטער, פון אַ פרעמדער שטאָט, לאָזט זי ניט אָפּ, יענער מוז קומען צו איר אויף אַ צוגעגרייטן מאָלצײַט. זי פאַרבעט נאָך מענטשן און מאַכט אַ יום־טוב׳דיקער אויפנאַמע פאַרן גאַסט. מיט איר פרײַנטשאַפט האָט זי זיך דערוואָרבן אַ סך פרײַנט, וואָס האָבן זי ליב.

איצט, אַז פעני איז שוין אַריבער די אַכציק יאָר, איז איר פּנים שוין פול מיט טיפע קנייטשן, די האָר ווײַס ווי שניי, אָבער אירע קליינע, טונקל־ברוינע אויגן פינקלען נאָך אַלץ מיט יוגנטלעכן גלאַנץ. זי גייט אויף אַלע דעמאָנסטראַציעס. אַז עס ווערט איר אַמאָל

שווער צו מאַרשירן, שטייט זי בײַ דער זײַט, לייענט די אויפשריפטן אויף די פּלאַקאַטן. זי דערזעט אַן אויפשריפט: „פּאַדערט קלענערע פּרײַזן אויף לעבנסמיטלען"! קלאַפּט זי הויך מיט אירע קליינע דאַרע הענט. זאָלן די מאַרשירער וויסן, אַז זי איז אויך צווישן די וואָס פילט דעם יקרות. פון דער קליינער עלטער־פּענסיע וואָס זי קריגט איז איר שווער דורכצולעבן זיך בײַ דעם ביטערן יקרות.

די גרויסע פרייד איז בײַ פּעני'ן צו זען יוגנטלעכע מאַרשירן און אַז זיי קומען אַן מיט געזאַנג: — „מיר ווילן שלום"! — זינגט זי אײנ־איינעם מיט זיי, און קלאַפּט צו מיט די הענט. זי איז צופרידן וואָס זי איז מיט זיי צוזאַמען אין די רײען.

אַז זי זעט אַ סך יוגנטלעכע אויף אַ דעמאָנסטראַציע קוועלט איר האַרץ. זי זאָגט: — „אָט די יוגנט האָב איך אַלע מאָל געוואָלט זען. זיי דאַרפן דאָך איבערנעמען די פירערשאַפט פון דער וועלט! איז גוט וואָס זיי זײַנען אויף דער וואַך און פּאָדערן אַ בעסערן לעבן אָן מלחמות".

פון אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע קומט זי אַהיים אַ צופרידענע, אַן אויפגעלעבטע, פול מיט האָפענונג, אַז עס וועט זײַן — עס מוז — זײַן בעסער!

אַ פשוטע פרוי

טילי טאַוב איז געפאַלן און האָט זיך צובראָכן אַ פוס, האָט מען וועגן דעם געמאָלדן בײַ אַ זיצונג פון קלוב, וואו זי איז אַ מיטגליד.

דער פאָרזיצער האָט געפרעגט בײַ די פאַרזאַמלטע, צי וויל עמיצער צופאָרן אין שפּיטאָל זען וואָס זי מאַכט. אירע ביידע טעכטער, האָט ער געזאָגט, וואוינען אין אַ ווײַטער שטאָט, און זי איז דאָ איינע אַליין, אָבער קיינער פון די פאַרזאַמלטע האָט זיך נישט אָפּגערופן.

טילי איז אַ שטילער, באַשיידענער מענטש. זי גייט רואיק, אויף איר אייגענעם וועג. זי שטופּט זיך נישט מיט איר וואָרט, רײַסט זיך נישט אַרויסצושטעלן זיך. זי זוכט נישט קיין לויב, קיין אָנערקענונג פאַר דעם וואָס זי טוט.

כאָטש זי קומט אָפט צו די זיצונגען פונם קלוב, איז זי אָבער נישט געוואָרן געוווינט נאָענט, געוווינט היימיש מיט די מיטגלידער צו פאַרבינדן אַ פערזענלעכע פרײַנטשאַפט. זי איז אַ צוריקגעהאַלטענע, וואָס לאָזט זיך נישט גרינג דערקענען.

טילי איז געקומען קיין אַמעריקע מיט קנאַפּע פערציג יאָר צוריק, באַלד נאָך איר חתונה. זי איז נאָך דאַן געווען זייער יונג. אָבער זי האָט זיך נישט געפאַרבט די ליפּן, נישט געפּוצט די נעגל און נישט אָפּגעשוירן אירע האָר, ווי ס'איז געווען די מאָדע. זי איז נאָך ביז איצט קיינמאָל ניט געווען אין קיין שיינהייט־סאַלאָן צו פאַרפּוצן אָדער פאַרבן אירע גלײַכע האָר. זי קאָמט זיי אַרויף, ציט אַרויף די העל־ברוינע האָר, וואָס מישן זיך שוין מיט גרוילעכע, פאַרפלעכט צוויי שטײַפע צעפּ און פאַרלייגט זיי אַרום איר שמאָלן קאָפּ.

אירע צוויי טעכטער, וואָס זי האָט דאָ געבוירן, האָט זי דערצויגן אויף איר היימישן שטייגער; געוועדט צו זיי אידיש און געשיקט

זיי אין אַ אידישער וועלטלעכער שול. אין דער צײַט, וואָס זיי האָבן געלערנט אין דער שול, איז זי געווען מיט לײַב־און־לעבן אַרײַנ־געטאָן אין דער שול־אַרבעט.

אַלע יאָרן, וואָס זי איז דאָ אין לאַנד, קלאַמערט זי זיך נאָר צו אידישע געזעלשאַפטן: זי טוליעט זיך צו איר'ס גלײַכן, זי מײַדט־אויס מענטשן, וואָס גרויסן זיך, וואָס שטאָלצירן מיט זייער יחוס אָדער רײַכטום. זי האָט פֿײַנט גרויסהאַלטער. בײַ אַ זיצונג טומלט זי זיך ניט. זעלטן־ווען נעמט זי אָן אָנטייל אין אַ דיסקוסיע, אָבער אַז זי רופֿט זיך אַמאָל אָן, ברענגט זי אַרויס אַ גוטן געדאַנק. ווען עס קומט צוצו־טראָגן אַ בײַשטײַערונג, איז זי אַלעמאָל פֿון די ערשטע.

שוין אַ סך יאָרן, אַז איר מאַן איז געשטאָרבן. קיין רײַכטום האָט ער איר נישט איבערגעלאָזט; וואונדערט מען זיך, וואָס זי גיט גראָד גיכער פֿון אַנדערע.

ווען זי הערט, אַז אַ באַקאַנטער אידישער שרײַבער גיט־אַרויס אַ בוך, רופֿט דאָס בײַ איר אַרויס אַ פֿרייד. מיט אַ באַזונדערער ליב־שאַפֿט לאָזט זי באַלד וויסן דעם שרײַבער, אַז זי וויל קויפֿן דעם בוך.

אין קלוב האָט זיך אַמאָל געהאַנדלט וועגן נעמען ביכער בײַ אַ שרײַבער. נישט אַלע זײַנען געווען דערפֿאַר, האָט זי זיך אָנגערופֿן: „ווי אַזוי קאָן מען זײַן געגן אַזאַ זאַך?" אַ שרײַבער גיט אַוועק זײַן צײַט, לייגט אַרײַן האַרץ און נשמה אין דעם שרײַבן, דערנאָך קומט אים אָן מיט מי און מאַטערניש ביז ער גיט אַרויס דעם בוך, און דאָ קלערט מען, צי מען זאָל נעמען עטלעכע ביכער. העלפֿן פֿאַר־שפּרייטן אַ בוך פֿון אַ גוטן שרײַבער איז אַ וויכטיקע אַרבעט, און דאָס איז דאָך זײַן גאַנצע באַלוינונג פֿאַר זײַן שאַפֿן".

איצט, נאָכדעם וואָס טילי איז אָפּגעלעגן עטלעכע וואָכן אין שפּיטאָל, האָט זי געלאָזט וויסן דעם קלוב, אַז זי איז שוין בײַ זיך אינ־דערהיים. דער פֿאַרזיצער האָט ווידער אָפּעלירט צו די מיטגלידער צו גיין זי באַזוכן. ווידער זײַנען ניט געווען קיין בעלנים. נאָר דער פֿאַר־זיצער האָט דאָס מאָל נישט אָפּגעלאָזט:

— זי מוז זיכער זײַן בייז אויף אונז אַלעמען, וואָס זי האָט ביז

איצט קיינעם פֿון אונז ניט געזען זינט ס'האָט איר געטראָפֿן דער אומגליק מיטן צעבראָכן דעם פֿוס.

די סעקרעטאַרין פֿון קלוב, סערע, זייער אַ פֿאַרנומענע האָט זיך אָנגערופֿן: „איך וועל צו איר צופֿאָרן".

אויפֿן וועג צו טילי'ן קלערט זי, וואָס זי זאָל מיטנעמען פֿאַר דער קראַנקער, צו אַנדערע ברענגט זי בלומען. אַמאָל, אַז זי האָט אונטערן האַנט, נעמט זי מיט אַ בוך אַ מתנה. אָבער פֿאַר טילי'ן, טראַכט זי, דאַרף מען ברענגען עפּעס אַ מער פּראַקטישע זאַך, וואָס זאָל איר זײַן נוצלעך. זי וועט פֿאַר איר קויפֿן אַ פֿאַרטעכל, פֿאַלט איר אײַן. טילי וועט זיכער זײַן צופֿרידן פֿון אַזאַ מתנה. דאָס וועט איר אפֿשר פֿאַר־לײַכטערן איר שווערן געמיט. סערע איז געפֿאָרן מיטן געדאַנק, אַז זי וועט דאַרפֿן זיך און די אַנדערע מיטגלידער פֿאַרענטפֿערן פֿאַר טילי'ן, וואָס קיינער איז ביז איצט נישט געקומען צו איר.

אַז זי איז צוגעקומען צו טילי'ס טיר, האָט זי געגעבן אַ לײַכטן קלינג און געוואַרט, ווי אַ פֿאַרשולדיקטע טילי זאָל זיך מיט די קוליעס צושלעפּן עפֿענען די טיר. נאָר אַנשטאָט טריט, הערט זי אַ פֿרעכטיג געזאַנג. גיט זי שוין אַ שטאַרקערן דריק דאָס גלעקל, ביז יענע האָט ענדלעך דערהערט דאָס קלינגען.

טילי עפֿנט די טיר און דערזעט סערע'ן. אין איבערראַשטע, גיט זי אַ זאָג: — אויף אַזאַ גרויסן גאַסט האָב איך זיך גאָרנישט געריכט. איר זאָלט קומען צו מיר — דאָס איז איבער מײַנע דערוואַרטונגען. טײַערינקע, קומט אַרײַן! זיצט זיך, דערציילט, וואָס ס'הערט זיך אין קלוב, וואָס טוען זיי דאָרט אַלע?

— מיר רעדן וועגן אײַך בײַ יעדער זיצונג, האָט נישט קיין פֿאַר־איבל, וואָס קיינער איז צו אײַך נישט געקומען; יעדערער האָט זײַנע קאָפּ־פֿאַרדרייעניש, — האָט סערע אָנגעהויבן פֿאַרענטפֿערן, נאָר טילי שלאָגט איר איבער די רייד:

— וואָס רעדט איר פֿון פֿאַראיבל האָבן? איך ווייס, אַז איר אַלע זענט פֿאַרנומענע מענטשן. דאַרפֿט איר נאָך קומען צו מיר? אַז איר האָט מיך אינזינען, איז עס זייער שיין פֿון אײַך.

מרס. סיגל און מרס. קאַפּלאַן האָבן מיר טעלעפאָנירט, איך בין זיי דאַנקבאַר פֿאַר דער פּרעזענטשאַפֿט, — האָט זי שמייכלענדיק פֿאַרענדיקט, און געגומען „אַרומשפּרינגען״ אויף דעם איינעם פֿוס מיט די קוליעס, צו דערלאַנגען כּיבוד פֿאַרן גאַסט.

סערע האָט געשטוינט. אַנשטאָט טענות, הערט זי גאָר דאַנקבאַרקייט פֿאַר דעם ביסעלע וואָס מען גיט איר.

די ראַדיאָ האָט נאָך אַלץ געשפּילט. די פּרעכטיקע טענער האָבן פֿאַרקלונגען די שטוב. סערע קוקט זיך אַרום. זי זעט אין די צוויי צימערן שטייען אַלטע אָפּגענוצטע זאַכן, יעדעס שטיקל מעבל גלאַנצט; מען קאָן זיך אין דעם שפּיגלען. פֿון אַלע ווינקעלעך שמעקט אַרויס די ריינקייט. זי דערזעט אויף אַ טישל לעבן שטול, וואו טילי איז געזעסן, ליגט אַן אָפֿענער בוך. זי בויגט זיך אײַן און לייענט איבער דעם נאָמען פֿונם בוך און פֿונם שרײַבער.

טילי קומט אַרײַן פֿון צווייטן צימער. זי זעט, אַז סערע קוקט אַרײַן אין בוך, זאָגט זי שטיל און באַשיידן:

— בײַם איבערהערן פֿון דער מוזיק, ווען זיי נודיען מיט זייערע אַנאָנסן פֿון אַלערליי גליקן, כאַפּ איך דערווײַל אַרײַן עפּעס לייענען. אַ שאָד די צײַט. גוטע מוזיק, שיין געזאַנג קאָן איך ניט אַדורכלאָזן. יעדן טאָג מוז איך אַרײַנקוקן אין צוויי צײַטונגען אין אַ אידישער און אין אַן ענגלישער, בלײַבט מיר ווייניג צײַט, און איך האָב ליב לייענען אַ בוך אויך. נוץ איך אויס יעדע מינוט, — האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן, ווי זי וואָלט זיך פֿאַרענטפֿערן.

— איצט אַז איר קאָנט נישט אַרויסגיין אין גאַס, מוז אײַך מסתמא זײַן אומעטיג, — האָט סערע געפּרואווט אַרויסווײַזן איר באַדויערונג, וואָס טילי קאָן נישט אַרויסגיין זען אַ מענטש.

טילי קוקט זי אָן; זי שמייכלט און זאָגט רואיק:

— דער אומעט האָט נישט קיין שליטה איבער מיר. איך הער אַמאָל אַ שיינע אָפּערע, מוזיק, געזאַנג; און אַז איך האָב נאָך אַ בוך צו לייענען, איז מיר נישט לאַנגווייליג.

סערע האָט זיך דערפֿילט אומבאַקוועם מיט אירע באַמער־

קונגען. כדי אַרויסצוקריכן פון איר פאַרלוירנקייט, האָט זי גענומען אויפוויקלען דאָס פּעקעלע, וואָס זי האָט געבראַכט. זי צענעמט דאָס פּאַרטעכל און דערלאַנגט דאָס טילי׳ן.

— אוי, געזונט זאָלט איר זײַן! טאַקע זייער אַ שיין פּאַרטעכל. אַ גרויסן דאַנק אײַך! נאָר צו וואָס האָט איר געדאַרפט אויסגעבן געלט? נישט גענוג איר זענט געקומען, האָט איר נאָך געדאַרפט מיטנעמען אַ מתנה? דאָס איז שוין צופיל. זי מעסט דאָס אָן באַקוקט עס און זאָגט:

— ס׳איז אַ שאָד אַזאַ שיינע זאַך זאָל ליגן בײַ מיר. נעמט דאָס צום קלוב, איך בעט אײַך, מען וועט קאָנען פאַר דעם שאַפן אַ פּאָר דאָלאַר פאַר אַ וויכטיקן צוועק.

אַ צופרידענע וויקלט זי אײַן דאָס פּאַרטעכל און גיט דאָס צוריק צו סערע׳ן. אין דער זעלבער צײַט זאָגט זי:

— דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך שוין טאַקע ארויסגעקוקט, געוואַרט, אַז עמיצער פון קלוב זאָל קומען. דעם ווינטער האָב איך זיך געוואָלט קויפן אַ מאַנטל. נו, האָב איך צעבראָכן דעם פּוס. אַז איך וועל קאָנען אַרויסגיין אין גאַס, וועט שוין באַלד זײַן נאָכן ווינטער, וועל איך שוין איבערקומען מיטן אַלטן מאַנטל. אויף איבער אַ יאָר בין איך ניט מחויב זיך צו פאַרזאָרגן. וויל איך אײַך געבן דאָס געלט. די צײַטונג, וואָס איך האָב ליב, מײַן צײַטונג, נויטיגט זיך אין יעדן דאָלאַר, וועט איר אַזוי גוט זײַן זיי דאָס איבערגעבן.

טילי האָט איר דערלאַנגט דאָס געלט מיט אַזאַ ליבשאַפט, וואָס רופט אַרויס צו זיך באַוואונדערונג.

אויפן מאָמענט איז סערע געוואָרן בײַ זיך געפאַלן, קליין אין פאַרגלײַך מיט איר.

טילי איז מיטאַמאָל אויסגעוואָקסן פאַר אירע אויגן. זי איז דער־הויבן געוואָרן. דערנאָך האָט זיך סערע׳ן געדאַכט, אַז זי, סערע, ווערט אויך דורך איר דערהויבן.

ווען סערע האָט אין קלוב איבערגעגעבן אירע אײַנדרוקן פון דעם באַזוך בײַ טילי׳ן, האָבן אַלע אָנוועזנדע אָנגעהויבן בעטן זי זאָל זיי געבן טילי׳ס אַדרעס.

אידן אין אַמאָליקע פּוילישע דערפער

אַמאָל פרעג איך זיך: זאָל איך שרײַבן פון מיינע קינדער־יאָרן? ווער קען דאָס אינטערעסירן, אַז איך געדענק קוים מײַן טאַטן? איך בין נאָך קיין גאַנצע פיר יאָר ניט אַלט געווען, ווען ער איז געשטאָרבן.

מיר דאַכט זיך: איך געדענק אים, צי אפשר זע איך אים בלויז אין מײַן פאַנטאַזיע? ער האָט געהאַט טונקעלע, כמעט שוואַרצע האָר, אַ געדיכטע קורצע באָרד, גוטמוטיקע שײַנענדיקע ברוינע אויגן. ער פלעגט מיך נעמען אויפן שויס זיך שפילן מיט מיר, גלעטן מײַן קאָפּ; רעדן ווייך, צאַרט. אַזוי, דאַכט זיך מיר, געדענק איך אים, צי אפשר שטעל איך זיך בלויז פאָר, אַז אַזוי איז ער געווען?

די מאַמע האָט דערציילט, אַז דער טאַטע איז געווען אַ גרויסער למדן, געקענט אויך לייענען און שרײַבן רוסיש און פויליש. אויף חשבונ'ען איז ער געווען גאָר אַ גרויסער קענער. אַ דאַנק זײַן געלערנטקייט האָט ער געקאָנט האָבן אַ שטעלע אין דער וואַסער־מיל אַלס אויפזעער.

די וואַסער־מיל האָט געהערט צו צוויי ברידער־שותפים, שמואל און שמריה יאַבלאָן. זיי האָבן ניט געלאָזט זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס מען האָט צו זיי געבראַכט אויף צעמאָלן, נאָר זיי האָבן געקויפט תבואה, צעמאָלן און דערנאָך פאַרקויפט דאָס מעל צו שטאָטישע געוועלבער. זיי האָבן גע'שמ'ט פאַר רײַכע אידן, גבירים.

מײַן טאַטע — אַזוי האָט די מאַמע דערציילט — האָט אַלס אויפזעער געדאַרפט אַכטונג־געבן, אַז די אַרבעט אין מיל זאָל געטאָן ווערן ריכטיק. עס האָבן דאָרט געאַרבעט מער ווי אַ צענדליג מענטשן, האָט ער אויך געפירט די ביכער, פאַרשריבן וויפיל געלט מען צאָלט־אויס די אַרבעטער, פאַר וויפיל די מילנער קויפן תבואה,

פאַר וויפיל זיי פאַרקויפן, וויפיל זיי זײַנען עמיצן שולדיק. ווער און וויפיל מען קומט זיי. דאָ וואָלט ער געהייסן אַ בוכהאַלטער.

מיר האָבן געוואוינט אין אַ פויערשן דאָרף. מיר זײַנען געווען דאָרט די איינציקע אידישע פאַמיליע. פון דאָרט איז פאַר׳ן טאַטן געווען נאָענט צו גיין צו דער וואַסער־מיל.

מיר זײַנען געווען פינף קינדער: דרײַ מיידלעך און צוויי אינגלעך.

די מאַמע האָט דערציילט, אַז כאָטש דער טאַטע איז געווען אַ גרויסער למדן, איז ער אָבער ניט געווען קיין פאַנאַטיש־פרומער. ווען ער האָט געזען מײַן עלטסטע שוועסטער קעמען שבת די האָר, האָט ער זיך געמאַכט ניט־זעענדיק, און איר קיין וואָרט ניט געזאָגט. האָט קיינמאָל ניט געשאָלטן, קיין קינד ניט געשלאָגן. שטענדיק נאָר מיט גוטן, מיט ווייכע רייד.

די ברידער יאַבלאָן, די אייגנטימער פון דער וואַסער־מיל האָבן געוואוינט לעבן דער מיל, אויף אַ גרויסע לאָנקע, אין אָן אייגענעם הויז, געבויט פאַר צוויי פאַמיליעס. יעדערער פון זיי האָט געהאַט אַ סך צימערן מיט באַזונדערע צוויי אַרײַנגאַנגען: איין אַרײַנגאַנג פון פאָרנט, צו די סאַלעס; דער אַנדערער — אין די קיכן.

דאָס הויז איז געווען אַרומגערינגלט מיט ביימער און פאַר־שיידנפאַרביקע בלומען. זומער האָט עס אויסגעזען ווי אַ בלומען־גאָרטן. דאָס איז געווען אַ הויז אַ פּאַלאַץ.

דער עלטערער ברודער, שמואל, איז געווען אַ מיטל־וואוקסיקער, מענעריש־ברייטפּלייציקער, ענערגישער מאַן, ער האָט געטראָגן אַ קײַלעכדיג, שיין פאַרשוירן בערדל; געהאַט טונקעלע, פינקלדיקע אויגן. שטענדיק עלעגאַנט אָנגעטאָן; ווינטער מיט אַ שוואַרצן קאַפּעליוש, זומער מיט אַ ווײַסן שטרויענעם הוט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ גרויס־שטאָטישער סוחר. מיט דער אינעווייניקסטער אַרבעט אין מיל האָט ער זיך ווייניק אָפּגעגעבן; ער האָט געפירט די דרויסנדיקע געשעפטן, געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט סוחרים.

זײַן װײַב, ריקל, איז געװען העכער פֿון אים, זײער אַ דאַרע. אויף איר בלאַס, קרענקלעך פּנים איז געלעגן אַ שטענדיקע אומצופֿרידנ־קייט, װאָס האָט איר ניט־שיין פּנים נאָך מיאוסער געמאַכט.

מענטשן, װאָס האָבן זי געקענט, האָבן געזאָגט: זי איז אײפֿער־זיכטיג אויפֿן מאַן, מען שמועסט, אַז ער האָט ליב אַן אַנדערע. ער איז װײניג־װאָס אין דער היים. זי װײסט ניט קײנמאָל, װאו ער איז. דאָס קרענקט זי. פֿאַרביטערט איר לעבן.

זײ האָבן געהאַט פֿיר קינדער: צװײ מײדלעך און צװײ אינגלעך.

די מײדלעך זײַנען אין שטאָט געגאַנגען אין גימנאַזיע. די אינגלעך האָבן פֿריער געלערנט בײַ די בעסטע מלמדים, שפּעטער זיך געגרײט אַרײַנצוגײן אין גימנאַזיע.

דער אינגערער ברודער, שמריה, האָט געהאַט דרײַ אינגלעך. זײ האָבן אויפֿן זעלבן שטײגער זיך געלערנט אין שטאָט, װאָס איז געװען ניט װײַט פֿון דער מיל. שמריה איז געװען אַ קורצער, אַ דיקער, װי אַ פֿעסעלע, אַ העל־האָריקער, מיט אַ גלײַכער, בלאָנדער באָרד, גרויע, רואיקע אויגן. אַ שטילער מענטש, האָט געטראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע מיט אַ אידיש היטל.

פֿון עלטערן ברודער האָט ער געהאַלטן אַ װעלט, אַז ער קאָן זיך אויף אים פֿאַרלאָזן; ער װײסט, װאָס ער טוט. איז שמואל טאַקע געװען דער גאַנצער געשעפֿטס־פֿירער.

שמריה׳ס װײַב, גיטל, איז געװען אַ מיטל־װאוקסיגע, ניט קײן דיקע, מיט אַ שײן, קײַלעכדיג פּנים, מיט אַ שטענדיקן צופֿרידענעם אויסזען, אַ שמײכל אַרום מויל.

די שװעגערינס האָבן צװישן זיך ניט גערעדט. בײַ זײ איז געװען אַ שטענדיקער ברוגז. אפֿילו ערב יום־כּפּור האָבן זײ זיך ניט איבער־געבעטן.

מײַן מאַמע איז קײנמאָל ניט געגאַנגען אין מיל. די מילנערקעס זײַנען ניט געװען איר גלײַכן. זי האָט פֿײַנט געהאַט אַנגעבלאָזענע גבירים. גײן סתם זען װאָס דאָרט טוט זיך, האָט זי ניט געהאַט קײן צײַט. זי איז געװען אַ גרויסע בעלת־בית׳טע, אַן ענערגישע. זי האָט

שטענדיק געהאַט וואָס צו טאָן. קיין מינוט איז זי ניט געזעסן ליידיק. זי האָט געטאָן שנעל און גוט, אַלץ האָט געמוזט זײַן פּינקטלעך, אַקוראַטנע, ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. אויף אַלץ האָט זי געהאַט צײַט. דאָס הויז געהאַלטן אין אָרדענונג. עס האָט געבלאַנקט אין יעדן ווינקעלע. די קינדער — שטענדיק ריין, שיין אָנגעטאָן, זי האָט אַליין גענייט יאַקעלעך פֿאַר די מיידלעך, מייטקעלעך פֿאַר די אינגלעך, פֿון העמדער פֿאַר יעדערן איז שוין אָפּגערעדט. אפילו פֿאַרן טאַטן האָט זי אַליין גענייט די העמדער; אַמאָל אפילו אַ שטוב־קליידל, אַ פֿאַרטוך פֿאַר זיך האָט זי אויך אַליין אויפֿגענייט. אַלץ איז בײַ איר אַרויס־געקומען, ניט צו־לאַנג ניט צו־קורץ, ניט צו־ברייט, ניט צו־שמאָל, נאָר אַקוראַט צו דער מאָס. גענייט האָט זי מיט דער האַנט, געמאַכט קליינינקע שטעכעלעך, ווי פֿון אַ מאַשין אַרויס.

אַ חוץ נייען, האָט זי געקאָנט העפֿטן, שטריקן מיט פֿאַר־שיידענע, דינע און גראָבע שפּיזלען. מיט די שפּיזלען האָט זי געאַרבעט שנעל, איבערגעוואָרפֿן דעם באָוול פֿון איינעם אויפֿן אַנדערן, ס׳איז ניט געווען מיט די אויגן צו דערבליקן, זי האָט אויסגעהאָפּטן טישטעלעך, אַרומגענייט מיט אויסגעשטריקטע שפּיצן, נאָר אויפֿן וואונדער צו זען. אַ פֿויערטע, אַ שכנה אירע, האָט געזען, אַז די מאַמע נייט אַזעלכע שיינע זאַכן פֿאַר זיך, האָט זי געפֿרעגט: — אפֿשר וועט איר אויפֿנייען פֿאַר מיר אַ בלוזקע פֿון קרעטאָן, און עטלעכע העמדער פֿאַר מײַן מאַן און פֿאַר מיר פֿון אייגענער אויסגעאַרבעטער לײַוונט?

די מאַמע האָט אַביסל געטראַכט, העמדער פֿאַר דער פֿויערטע איז גרינג: צוויי גלײַכע נעט בײַ די זײַטן, גלײַכע אַרבל אַרײַנצונייען אַ זוים בײַם האַלז, אַ זוים אונטן — און דאָס העמד איז פֿאַרטיק. אַ מענעריש העמד איז אַ סך שווערער: די אַרבל דאַרפֿן אַרײַנגענייט ווערן מיט צוויקלען אונטער די אָרעמס; דער קאָלנער דאַרף פּאַסן אויפֿן האַלז. אַמאָל ווילן זיי פֿאַרנט אויף דער ברוסט אַרײַנשטעלן ווײַסע, געקויפֿטע לײַוונט, — דאָס איז שוין אַן אַנדער אַרבעט, וואָס מען דאַרף קענען, און פֿון אייגענער אויסגעאַרבעטער גראָבע לײַוונט

איז אַמאָל שווער די נאָדל דורכצושטופּן. אָבער אַז זי וועט צופֿאַר־דינען אַ גילדן, וועט ער צונויף קומען. האָט די מאַמע נאָך אַ לענגערן טראַכטן געזאָגט: „ברענגט אַרײַן די לײַוונט פֿאַר די העמדער, מיט אײַער מאָנס אַ העמד, וועל איך אַראָפּנעמען די מאָס. וועגן דער בלוזקע, גיט בעסער צו אַ שנײַדערקע! איך האָב מורא, איך זאָל בײַם צושנײַדן ניט קאַליע מאַכן די סחורה״.

אפֿילו יאָרן שפּעטער, ווען די מאַמע האָט שוין געהאַט אַ מאַשין צום נייען, האָט זי אָנגענומען בלויז זאַכן, צו וועלכע מען דאַרף ניט האָבן קיין ספּעציעלע שנײַדערישע קענטעניש, ווי למשל, העמדער, פֿאַרטוכער פֿאַר פּויערטעס, ציכלעך, נאָך אַזעלכע קלייניקייטן.

דער טאַטע האָט אָנגעהויבן קרענקען, אַ לאַנגע צײַט האָט ער ניט געוואָלט גיין צום דאָקטאָר. ווען ער האָט שוין מער ניט געקאָנט גיין אין מיל טאָן זײַן אַרבעט, איז ער אַוועק צום דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז זײַנע לונגען זײַנען קראַנק און מיט די נירן איז גאָר ניט גוט. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז מײַן טאַטע גע־שטאָרבן. געגעוי פֿון וואָס — האָט מען ניט געוואוסט.

ניט ווײַט פֿון פּויערשן דאָרף איז געווען אַ פּריציש, שליאַכעטסקע דאָרף. דאָרט האָבן געוואוינט דער מאַמעס עלטערן מיטן ברודער שלמה, מיט זײַן ווײַב רויזע און זייערע זעקס קינדער.

דער זיידע איז געווען אַ סאַדאָווניק. באַלד אין אָנהויב פֿרילינג פֿלעגט ער אָנהויבן זוכן אַ סאָד צו דינגען. ער איז געווען אַ גרויסער מבֿין אויף פּרוכט־ביימער. נאָך פֿאַרן בליען, לויט די פּאָנקעס האָט ער געקענט אָפּשאַצן וויפֿיל פּרוכט אַ בוים וועט אַרויסגעבן.

זינט די מאַמע איז געבליבן אַן אלמנה, איז זי מיט די קינדער אַלע זומער געווען אין די סעדער מיט די עלטערן, געשלאָפֿן אין אַ שטרויענער „בודע״, געקאָכט אויף אַ דרײַפּיסיק אײַזערנעם אויוועלע. אין אַ סאָד איז פֿאַראַן אַ סך אַרבעט. אַלע קינדער, פֿון קליין ביז גרויס, האָבן געהאַט וואָס צו טאָן.

אַז די מאַלינעס הויבן אָן רײַף ווערן, דאַרף מען זיי באַלד אַראָפּ־נעמען פֿון די ביימלעך; אַז ניט, ווערן זיי איבערגעשטאַנען און פֿאַלן

אַראָפּ. אַלע טאָג קומען־צו פּריש־דערשטאָנענע. די קינדער זײַנען געקראָכן צווישן די שטעכיקע מאַלינע־ביימלעך, צעקראַצט די הענט און די פיס. אַמאָל אַפּילו דאָס פּנים אויך צעדראַפּעט, קריכנדיק צווישן די הויכע, געדיכטע ביימלעך צו דערגרייכן אונטער די בלעטער־צו די מאַלינעס.

דערנאָך ווערן דערשטאָנען פּירזיטשקעס (ווײַנפּערלעך) און אַגרעסן; שפּעטער שאָקלט מען די עפּל, באַרנעס און פלוימען. דאַרף מען „אַ סך הענט״ צו קלײַבן פון די גראָזן די אַראָפּגעפאַלענע פרוכטן, לייגן אין פעסער, אין שטרויענע קוישן, צוגרייטן אַוועק־צופירן אין שטאָט אַרײַן. אַזוי אַז ס'איז דאָ גענוג אַרבעט אַ גאַנצן זומער.

נאָכן זומער האָט די גוטע, שטילע באָבע געזען, אַז די מאַמע זאָל האָבן פלייש אויף שבת און מעל אויף חלה, און ניט בלויז אויף חלה, נאָר אויף קיכלעך און אויף קליסקעלעך פאַר מיטן וואָך אויך.

דער זיידע האָט אַלעמאָל געהאַט אַ קו. נו, איז געווען גענוג מילכיקס, מער ווי נאָר פאַר זיך. האָט די באָבע אַלעמאָל געבראַכט אַ דייזשקע זויער־מילך, אַ קעזל, אַמאָל אַ שטיקל פּוטער פאַר די קינדער.

די מאַמע האָט פאַר די פּויערטעס אין דאָרף געניייט געוויסע זאַכן. זי האָט זיך אָבער מער אָפּגעגעבן מיטן שטריקן, ווי מיט נייען. זי האָט אויסגעשטריקט וואָלענע הענטשקעס, זאָקן, וואַרימע שאַלן פאַר מענער, קינדערשע יאַקעלעך, סוועטערס מיט היטעלעך, לויט פאַרשידענע מוסטערן, וואָס זי האָט אַליין צוגעטראַכט. אייניקע זאַכן האָט זי פאַרקויפט אין דאָרף. זי האָט ניט געהאַט קיין זאָרג צו פאַר־קויפן אירע אויסגעשטריקטע זאַכן. אין שטאָט זײַנען געווען צוויי געוועלבער, וואָס האָבן גערן בײַ איר געקויפט אַלץ, וואָס זי האָט אויסגעשטריקט. זי האָט געאַרבעט פון באַגינען ביז שפּעט בײַנאַכט בײַ אַ קליין נאַפט־לעמפּל צו פאַרדינען עטלעכע גילדן.

אויפן שליאַכעטסקן דאָרף איז בײַ די פּריצים אַלעמאָל געווען וואָס צו קויפן. זיי האָבן געפירט זייערע פּראָדוקטן, קעלבער, שעפּסן, תבואה אין שטאָט אַרײַן אויף מערק און יאַרידן צו פאַרקויפן.

ווען דער פעטער שלמה וואָלט געהאַט געלט און געוואוסט בעסער ווי אַזוי צו קויפן, וואָלט ער אויפן דאָרף געקאָנט האָבן פּרנסה.

זײַן צרה איז געווען, וואָס ער האָט צו־שנעל געקויפט און שטענדיק געמיינט, אַז ער „כאַפּט אַ מציאה״. איידער וואָס־ווען האָט ער „געלייגט דאָס פאַרדינסט אין קעשענע״. אָפט מאָל האָט זײַן פאַנ־טאַזיע אים פאַרפירט, און נאָכן פאַרקויפן האָט ער גאָר צוגעלייגט. פון זײַן האַנדל האָט ער ניט געהאַט קיין ברויט פאַר די קינדער.

ער איז גאָרניט געווען גערעכט אין זײַן טאַטן. דער זיידע האָט אויך אַמאָל עפּעס געקויפט אויפן דאָרף, אָבער ניט געכאַפּט — ער האָט גערעכנט און איבערגערעכנט, צי עס לוינט אים צו קויפן. האָט ער טאַקע זעלטן דערלייגט.

שלמה האָט געזען, אַז ווען דער זיידע איז געגאַנגען קויפן אַ קעלבל צי אַ שעפּסל, האָט ער דאָס עטלעכע מאָל אויפגעהויבן, גע־וואויגן אין די הענט, גערעכנט וויפיל פונט פלייש עס וועט זײַן; אָבער ער, דער פעטער שלמה, איז ניט געגאַנגען מיטן וועג פון זיידן.

די באָבע־זיידע האָבן פון דעם זון קיין נחת ניט געהאַט. ס׳איז געקומען אַ שווערער, קאַלטער ווינטער, דער פראָסט האָט פאַר־לייגט די שויבן ניט דורכצוזען. די וועגן זײַנען געווען באַדעקט מיט שניי. עס האָט געסקריפּעט אונטער די פיס. בײַם שיין פון דער זון האָט דער שניי געבלישטשעט מיט פערלדיקן גלאַנץ. די ווײַסקייט האָט אַזש געבלענדט די אויגן.

אין אַזאַ פראָסטיקער קעלט איז די באָבע פּלוצים פאַרשלאָפט געוואָרן, געקראָגן לונגען־אַנצינדונג. דרײַ טעג איז זי געלעגן אין הויז. ניט געגעסן, ניט געטרונקען, געברענט פון היץ. דער זיידע האָט געהאָפט: „גאָט וועט העלפן״. דער פראָסט האָט ניט נאָכגעלאָזט; נאָך מער שניי איז צוגעפאַלן. אַ וואָגן וואָלט אַרײַנגעפאַלן אין טיפן שניי, ניט אַרויסצושלעפן.

אויפן פערטן טאָג האָט דער זיידע געזען, אַז ס׳איז שלעכט. קוים וואָס די באָבע אָטעמט. זי ברענט נאָך אַלץ פון גרויס היץ. האָט ער

אײַנגעשפּאַנט אַ פערד אין אַ שליטן, אײַנגעהילט די באָבען, צוגע־דעקט די פיס מיט אַ סך שטרוי; געפירט זי אין שטאָט צו אַ דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט זי באַטראַכט — האָט ער אַ בייזן קוק געטאָן אויפן זיידן, געזאָגט: „איצט ווען זי האַלט בײַם שטאַרבן, האָט איר זי געבראַכט צום דאָקטאָר!" פונדעסטוועגן האָט ער זי אַרײַנגענומען אין שפּיטאָל, געפּרואווט ראַטעווען זי, נאָר ס'איז שוין געווען צו־שפּעט. בײַנאַכט איז די גוטע באָבע אויסגעגאַנגען.

נאָך דער באָבעס טויט האָט דער זיידע ניט געקאָנט מער זיך אײַנהאַלטן אין דעם דאָרף. זײַן געזונט איז שוין אויך ניט געווען ווי אַמאָל, דער דאָקטאָר האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער טאָר ניט אַרבעטן שווער. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן: וואָס זאָל ער טאָן? די גלײַכסטע זאַך, האָט ער געטראַכט, איז, ער זאָל גיין צו חיים מאיר'ן, צו זײַן עלטסטן זון, וואָס וואוינט אין דאָרף פּראָשעווע, לעבן קאָלאָשין. אָבער ווי אַזוי וועט ער איבערלאָזן מײַן מאַמען מיט די קינדער, וואָס דאַרפן זײַן הילף?

פון איר נייען מיטן שטריקן, ווייסט ער, וועט זי ניט האָבן אפילו אויפן בלויזן עסן. וואו וועט זי נעמען דעם רובל מיט אַ האַלב אַ קוואַרטל צו באַצאָלן דירה־געלט און קויפן אַ פּירל האָלץ אויפן ווינטער, זי זאָל מיט די קינדער ניט פרירן? האָט אים וויי־געטאָן דאָס האַרץ פאַר דער טאָכטער, די אלמנה מיט די פינף יתומים.

וועגן זײַן פאַרלעגנהייט און וואָס ער וואָלט געוואָלט טאָן האָט ער געלאָזט וויסן זײַן איטען, זײַן אינגסטער טאָכטער, וואָס האָט גע־אַרבעט אין וואַרשע. איטע איז געווען זייער אַ געטרײַע טאָכטער, אַן איבערגעגעבענע שוועסטער. מײַן מאַמען האָט זי זייער ליב געהאַט.

' האָט באַלד געשריבן צו דער מאַמען: — טײַערע שוועסטער, גרייט־צו אַ פּאַספּאָרט פאַר טשאַרנען (מײַן עלטסטע שוועסטער). שיק זי צו מיר קיין וואַרשע. איך וועל קריגן פאַר איר אַ שטעלע אַלס אַ דינסט־מיידל.

מײַן פופצן־יאָריקע שוועסטער איז געווען צופרידן צו פאָרן קיין וואַרשע.

די מומע איטע האָט אויך געלאָזט וויסן דער מאַמען, אַז אויך פּאַר מײַן עלטערן ברודער, דוד, וואָס לערנט זיך פּאַר אַ שנײַדער, זאָל זי מאַכן אַ פּאַספּאָרט; זי וועט זען אין עטלעכע חדשים אַרום אים אויך אַריבערצונעמען קיין וואַרשע, ער זאָל ווערן אַ גוטער שנײַדער, ווײַל בײַ דעם, וואָס ער לערנט זיך שוין צוויי יאָר, וועט ער קיין גוטער בעל־מלאכה ניט ווערן... „איך וועל זען אין וואַרשע אַרײַנ־צוגעבן אים צו אַ גוטן שנײַדער. אויב אפילו ער וועט די ערשטע צײַט ניט פאַרדינען, זאָלסטו זיך ניט זאָרגן... איך וועל זען, ער זאָל האָבן וואו צו שלאָפן און וואָס צו עסן".

דער בריוו האָט דער מאַמען שטאַרק דערפרייט, און בײַם זיידן אַראָפּגענומען אַ שטיין פון האַרץ.

כמעט אין דער זעלבער צײַט איז געקומען מײַן מאַמעס אַנדערע שוועסטער, וואָס האָט געוואוינט אין אַ ווײַטן דאָרף. זי וויל — זאָגט זי — נעמען מײַן צען־יאָריקע שוועסטער צו זיך. די מומע פריידע האָט געוואָרט ניין יאָר נאָך איר חתונה, ביז זי האָט געהאַט איר אינגעלע, איז דאָס קינד בײַ איר געווען זייער ציטעריק. זי האָט גענייטיקט יעדן פרימאָרגן פאָרן אין שטאָט אַרײַן פאַרקויפן דאָס מילכיגס. האָט זי מורא געהאַט מיט אַ פרעמד פּויליש מיידל איבער־צולאָזן דאָס קינד; וויל זי נעמען מײַן שוועסטער אַכטונג צו געבן אויפן קינד, ביז זי קומט צוריק אַהיים.

דער זיידע האָט געטראַכט: — גאָט פאַרלאָזט ניט. איצט וועט אים זײַן גרינגער צו זאָגן דער מאַמען, אַז ער רעכנט גיין צו חיים מאירן קיין פּראַשעווע.

אין אַ ליכטיק, וואַרימען פרילינג־טאָג איז ער געקומען צו דער מאַמען, זיך אַוועקגעזעצט אָן ווערטער; אַ לענגערע צײַט געשוויגן, ניט געקאָנט עפענען דאָס מויל.

די מאַמע האָט געטראַכט: — ער טרויערט נאָך דער באָבען, איז זײַן האַרץ פאַרקלעמט, קאָן ער ניט רעדן. — זי האָט אויך געשוויגן, ניט געוואָלט אָנרירן די וואונד.

נאָך אַ לענגערן שווײַגן, האָט דער זיידע הויך אָפּגעזיפצט, זיך

אויפגעהויבן פון בענקל, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פאַרלייגט די הענט אויפן רוקן, אָנגעהויבן שפּאַנען איבער דער שטוב. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט: — „איך זוך ניט מער קיין סאָד צו דינגען, שוין ניט פאַר מיר די אַרבעט”. און ווידער געבליבן שטיל, ניט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו זען די ווירקונג אויף דער מאַמען. זי האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף זײַן אומעטיק, פאַרטרויערט פּנים, און שטיל, ווי ניט מיט איר קול, געפרעגט: „וואָס עפּעס פּלוצלינג? אויב וועסט אַ גאַנצן זומער אַרומדרייען זיך און גאָר ניט טאָן, וועט זײַן פאַר דיר ערגער. דינג כאָטש אַ קליין סעדל, איך וועל דיר העלפן, כ׳וועל זען, אַז די אַרבעט זאָל דיר ניט זײַן צו־שווער. ס׳וועט זײַן בעסער, אַז דו וועסט זײַן פאַרנומען”. דער זיידע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אויסגעגליכן דעם רוקן און געזאָגט: — ס׳איז ניט פּלוצלינג. איך טראַכט שוין לאַנג וועגן גיין צו חיים מאיר׳ן.

די מאַמע איז אים אַרײַן אין די רייד: — וואָס וועסטו דאָרט טאָן? אין אַ פרעמד דאָרף אַרומדרייען זיך ליידיק איז ערגער ווי אין היימישן. דאָ ביסטו שוין געוואוינט.

דער זיידע, שוין אַ ביסל מונטערער, האָט זיך אָנגערופן: — דאָרט וועל איך זיך ניט אַרומדרייען ליידיק. חיים־מאיר זוכט אַ מלמד פאַר זײַן אינגסטן אינגל. בײַ פּייגען. זײַן פאַרהייראָטער טאָכטער, וואָס וואוינט מיט אים, זײַנען דאָ צוויי אינגלעך, וואָס דאַרפן אָנהויבן לערנען. וואָס דאַרפן זיי זוכן אַ פרעמדן מלמד? איך וועל מיט זיי לערנען. כ׳וועל ניט עסן חלילה אומזיסט. כ׳וועל פאַרדינען מײַן שטיקל ברויט.

דער זיידע איז געווען אַ שטאַלטער מענטש. ער וואָלט בײַ קיין קינד ניט אָנגערירט. דער פעטער חיים־מאיר איז געווען גאַנץ פאַרמעגלעך. ער איז געווען אַ קאָוואַל. זײַן שווער איז אויך געווען אַ קאָוואַל, געהאַט אַן אייגן גרויס הויז מיט אַ קוזניע. נאָך זײַן חתונה האָט דער שווער אים געגעבן אַ באַזונדער חדר צו שלאָפן, אַרײַנגענומען אים אין דער קוזניע צו אַרבעטן מיט אים. אין קורצן איז זײַן

שווער געשטאָרבן און חיים־מאיר איז געבליבן בײַם הויז מיט דער קוזיניע. אַרבעט האָט ער אַלע יאָרן געהאַט איבערן קאָפּ. ער איז געווען אַ גוטער בעל־מלאכה און אַ וואָרטסמאַן. וואָס ער האָט צוגע־זאָגט, האָט ער געמאַכט גוט און צו דער צײַט, איז מען געקומען צו אים באַשטעלן פאַרשידענע פעלד־מכשירים, ניט נאָר פון דעם דאָרף אַליין, נאָר פון אַנדערע דערפער אויך. ער האָט געאַרבעט שווער, אָבער גוט פאַרדינט.

ער האָט געהאַט אייגענע פיר קי, און אַ פערד־און־וואָגן, אייניקע דאָרפסלײַט האָבן ניט געהאַט גענוג מיסט צו באַמיסטיקן זייערע פעלדער, האָבן זיי גענומען בײַ חיים־מאיר׳ן דאָס מיסט פון די בהמות מיטן פערד. דערפאַר האָט ער געקראָגן אַ שטיקל פעלד צו פאַרזייען וואָס ער האָט געוואָלט. זיי האָבן געהאַט אַ סך הינער און קאַט־שקעס, וואָס זײַנען אַרומגעשוואומען אין גרויסן טײַך לעבן זייער הויז, עס האָט אים ניט געפעלט קיין פרנסה.

אויף די קי מיט די עופות האָט אַכטונג געגעבן חיים־מאיר׳ס ווײַב, אסתר־מלכה. זי איז געווען אַ גרויסע בריה — אַ מיטל־וואוקסיקע, דיקלעכע פרוי מיט געזונטע הענט. ניט נאָר האָט זי געאַרבעט אַרום די עופות מיט די קי, געפאָרן צוויי מאָל אַ וואָך קיין קאַלאַשין פאַרקויפן דאָס מילכיקס, נאָר זי האָט אויך געאַרבעט אויפן פעלד, וואָס מען האָט זיי געגעבן. סײַ בײַם פאַרזייען, סײַ בײַם אַראָפּ־נעמען פון פעלד, האָט זי געאַרבעט מער פון איר מאַן.

זי איז געווען אַ קלוגער און אַ גוטער מענטש. דער זיידע האָט זי ליב געהאַט; געוואוסט, זי וועט אים באַהאַנדלען, ווי אַן אייגענעם טאַטן.

בײַ זיי זײַנען געווען זיבן קינדער: פינף טעכטער און צוויי זין. דרײַ טעכטער מיטן עלטערן זון זײַנען שוין געווען פאַרהייראַט; די צוויי מיידלעך האָבן צוגעהאָלפן אין דער באַלעבאַטישקייט.

ווען די מאַמע האָט דערהערט, אַז דער זיידע וועט מער ניט האָבן קיין סאַד, און וועט אַוועקגיין קיין פראַשעווע, איז זי פאַר־ציטערט געוואָרן. זי האָט זיך גאָרניט פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי זי וועט

קאָנען לעבן אָן אים, זי האָט אָבער מורא געהאַט אים זאָגן, אַז זײַן אַוועקגיין איז פאַר איר אַ נײַער קלאַפּ.

דער זיידע האָט געזען אויף איר פּנים, ווי אַזוי זי פילט. ער האָט זי פאַרשטאַנען. דאָס האַרץ האָט אים וויי־געטאָן זי איבערצולאָזן איינע אַליין אין דאָרף.

נאָך אַ לאַנגן שווײַגן האָט דער זיידע אָנגעהויבן מורמלען ווי צו זיך: — ווי לאַנג לעבט דען אינגאַנצן אַ מענטש?

ער האָט געשפּאַנט נערוועז איבער דער שטוב און גערעדט אין דער וועלט אַרײַן. ניט קוקנדיק אויף דער מאַמען האָט ער געזאָגט:

— איך בין שוין געוואָרן זעכציק יאָר, אַרבעטן ווי אַמאָל קאָן איך ניט מער. מײַן שוואַך האַרץ, האָב איך מורא, וועט לאַנג ניט אויס־האַלטן.

זײַנע רייד האָבן געמיינט: — ווי לאַנג וועל איך נאָך קאָנען דיר אַרויסהעלפן?

ער האָט זיך מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט אין מיטן שטוב, אויפגע־הויבן דעם קאָפּ, דערזען דער מאַמעס אומעטיק פּנים, האָט ער גענומען זי טרייסטן: — גאָט וועט דיך ניט פאַרלאָזן.

די מינוט איז אים אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק: אפשר איז אַ פּלאַן דו זאָלסט זיך אַריבערציען אין מײַן דירה. בלויז מיט אַ האַלבן רובל מער אַ קוואַרטל. דאָרט וועל איך דיר איבערלאָזן די קו. זי האָט שוין דאָס שטעלעכל, וואו צו שטיין. פאַרן מיסט וועט סטעפּאַן לאָזן די קו זאָל זיך פּאַשען אויף זײַן לאָנקע אַ גאַנצן זומער. ער וועט דיר געבן גענוג שטרוי אויפן ווינטער אונטערצושפּרייטן די קו אין שטעלכל, אַזוי ווי ער גיט מיר. די קו וועט זיך אָפּקעלבן, וועסטו פאַרן קאַלב קריגן עטלעכע רובל. מילך פאַר זיך וועסטו האָבן גענוג. זומער וועסטו אַ צוויי הינער אַוועקזעצן אויף אייער: די הינדעלעך וועלן אויסוואַקסן, וועסטו זיי פאַרקויפן, וועסטו האָבן צו קויפן אַ פורל האָלץ אויפן ווינטער. אפשר וועסטו דאָרט זומער דינגען אַ סעדל, ניט ווײַט פון הויז. אַז גאָט העלפט, קאָן בלײַבן עטלעכע רובל צו פאַרדינען. אַמאָל איז אין אַ סעדל פאַרזייט גרינוואַרג, קאַרטאָפל, וואָס געהערן צום

סעדל, וועט דיר זײַן גרינגער. שלמה וואוינט דערלעבן, וועסטו ניט זײַן אַזוי עלנט. גאָט האָט געהאָלפֿן: איטע נעמט אַריבער טשאַרנען קיין וואַרשע. דוד וועט שפּעטער אויך פֿאָרן אַהין. מרדכי איז שוין באַלד צוועלף יאָר אַלט. אין אַ יאָר אַרום וועט ער אַראָפּ פֿון דער לער. ער וועט קריגן באַצאָלט בײַ אַ שוסטער. פֿריידע האָט צוגע־נומען ריקלען. דו וועסט מיט גאָטס הילף דורכקומען צוזאַמען מיטן איינעם מיידל.

דאָס „איינע מיידל" האָט ער געמיינט מיך: אַז איך אַליין בלייב מיט דער מאַמען.

צופֿרידן מיט זײַן אַרויסזאָגן די טרייסט־ווערטער צו דער מאַמען, איז ער אַ באַרואיקטער אַוועק צו זיך אַהיים.

נאָכן זיידנס אַוועקגיין האָט די מאַמע אָנגעהויבן טראַכטן: — אפֿשר איז דער טאַטע אירער גערעכט: דאָ אויפֿן פּויערישן דאָרף זײַנען קיין אַנדערע אידן ניטאָ. אמת, זי איז מיט אַלע גוט אײַנגע־לעבט. אָבער זיי זײַנען פֿאָרט ניט קיין אייגענע. דעם זיידנס רייד זײַנען איר ניט אַרויס פֿון קאָפּ. שלמה מיט זײַן ווײַב רויזע, מיט זייערע זעקס קינדער, זײַנען טאַקע אייגענע. אַ ברודער מיט אַ שווענערין זײַנען ניט קיין פֿרעמדע. זיי וואוינען אין דעם דריטן הויז פֿון זיידן. ווי עס מאַכט זיך — איז גוט, אַז ס'איז דאָ וואו אַרײַנצוגיין אַמאָל זיך אויסצורעדן דאָס האַרץ.

רויזע איז אַ הויכע, דאַרע פֿרוי. ניט קיין גרויסע חכמה, פֿאַר־ביטערט פֿון איר שווערן לעבן. ס'איז קיינמאָל ניט געווען אויפֿן נויטיקסטן. עס האָט דער מאַמען נאָך עפּעס באַוואוויגן, זי זאָל וועלן זיך אַריבערציען.

ניט ווײַט פֿון שלאַכטעטסקן דאָרף האָט געוואוינט אַ פּוילישער ריכטער. דאָרט איז געווען אַ אידישער אַרענדאַר, אַ פּאַכטער. די מאַמע איז געווען באַפֿרײַנדעט מיט זײַן פֿרוי. זי האָט ליב געהאַט מיט איר צו פֿאַרברענגען און שמועסן. איינע צו דער אַנדערער זײַנען געווען ווי גוטע, געטרײַע שוועסטער.

נאָר וועגן דעם פּאַכטער און זײַן פֿרוי — שפּעטער. דאָס איז

זייער אַ טשיקאַווע געשיכטע! פריער וועגן דעם ריכטערס גרויסן מאַיאָנטעק. דער ריכטער האָט געהאַט אַ סך פערד, אפשר הונדערט קי, סטאַדעס שעפּסן. אויפן הויף האָבן אַרומשפּאַצירט אינדיקעס, הינער מיט הענער, ניט איבערצוציילן; גענז מיט קאַטשקעס זײַנען געשוואומען אין אַ סאַזשעלקע; קעץ און הינט זײַנען דאָרט געווען אַ סך: הינט ווי וועלף, ווי בערן און לייבן. אַ פרעמדער איז ניט געווען זיכער מיטן לעבן בײַם אַרײַנקומען אין הויף. באַדינער זײַנען דאָרט געווען אָן אַ שיעור; הויז־באַדינער, באַדינער פאַר פערד־שטאַלן, פאַר קי־שטאַלן און פאַר שעפּסן.

דער ריכטער האָט געוואוינט מיט זײַן ווײַב אין אַ געמויערטן הויז — אַ פּאַלאַץ, אַרומגענומען מיטביימער און פאַרשיידנ־פאַרביקע בלומען.

דער פּאַלאַץ איז געשטאַנען בײַם אַרײַנגאַנג צו אַ גרויסן סאַד. עס האָט געדאַרפט נעמען אפשר אַ האַלבן טאָג דורכצוגיין די לענג און ברייט פונם סאַד. יעדן זומער איז דער סאַד פאַרדונגען געוואָרן צו אידישע סאַדאָווניקעס. איין מענטש אַליין האָט דעם סאַד ניט געקאָנט דינגען: אי מען האָט געדאַרפט האָבן אַ סך געלט צו באַצאָלן, אי מען האָט געדאַרפט האָבן אַ סך מענטשן צו היטן און באַאַרבעטן.

דער זיידע האָט עטלעכע מאָל געהאַט דעם סאַד מיט שותפים. דאָרט זײַנען געווען עטלעכע שטרויענע בודעס פאַר די סאַדאָוו־ניקעס. בײַטאָג און בײַנאַכט האָט מען געדאַרפט אַרומגיין היטן, עס זאָלן זיך ניט אַרײַנכאַפּן פאַרשוינען, וואָס קומען אָפּשאָקלען אַן עפּל בוים אָדער אַ באַרן בוים. וויפיל מען האָט געהיט, איז ניט געווען מעגלעך צו פאַרהיטן. אַלע מאָל האָט מען דערזען אַן אָפּגעשאָקלטן בוים.

אין איין עק סאַד איז געווען אַ גרויסע סאַזשאַלקע, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט אַ „זדרוי". אין דער סאַזשעלקע האָט מען געהאָדעוועט פיש. עס זײַנען אַרומגעשוואומען ריזיקע קאַרפּן, שלייען, לעשטשעס און אַנדערע פיש. אַלע עטלעכע וואָכן זײַנען געקומען מענער, אַוועקגענומען אַ ברעט די גרויס פון אַ וואַנט, וואָס

האָט פֿאַרשטעלט פֿון „זדרוי״, אַז דאָס וואַסער זאָל אָפּלויפֿן אין זדרוי אַרײַן, כּדי ס׳זאָל זיי זײַן גרינגער צו כאַפּן די פֿיש. מען האָט געלייגט די פֿיש אין שטרויענע קוישן. דער זיידע האָט געוואוסט, ווען די פֿיש ווערן געכאַפּט, איז ער אַהין געגאַנגען און געבראַכט אַהיים פֿרישע, צאַפּלדיקע פֿיש, און עס איז געווען גענוג צו עסן און אַפֿילו אײַנצומאַרנירן אויך.

אין אַ צווייטן עק סאָד איז געווען אַ גרויסער גאָרטן, פּאַרזייט מיט פֿאַרשיידענע גרינסן, מיט געוויקסן, וואָס מען זעט זעלטן אויפֿן מאַרק. אפֿילו די מאַמע האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי זיי אָנצורופֿן און „מיט וואָס מען עסט זיי״. אויפֿן גאָרטן האָט אויפֿגעפּאַסט אַ ספּעציעלער גערטנער. אַן „אָגראָדניק״ האָט מען אים גערופֿן. זײַן אַרבעט איז געווען בלויז אַרום גאָרטן: אַכטונג־צו־געבן אויף די געוויקסן, זיי זאָלן וואַקסן אומגעשטערט פֿון ווילד־גראָזן; ווען נויטיק, באַוואַסערן געוויסע געוויקסן. דער גאָרטן איז אויך געווען אַ טייל פֿונם סאָד, נאָר אַרומגעצאַמט מיט אַ הויכן פּלויט, פֿאַרמאַכט ווי אַ קאַסטן. אַרום זײַנען געווען די פּרוכט ביימער. איצט וועל איך דערציילן וועגן דעם אידישן פּאַכטער. ווי שוין געזאָגט, זײַנען אין דעם פֿולוואַרק געווען אַ סך בהמות. דער אידישער פּאַכטער האָט געהאַט אַ קאָנטראַקט מיטן ריכטער אויף עטלעכע יאָר, אָפּצונעמען די גאַנצע מילך. דאָס איז געווען אַ געבענטשטע פּרנסה.

עס איז אַ גרויליקע געשיכטע!

דער פּאַכטער האָט געהייסן פּסח־משה. גערופֿן האָט מען אים „פּסח־משה דער רויטער״. ער האָט געהאַט געדיכטע, געקרייזטע רויטע האָר, אַ לאַנגע הויט־פֿלאַמיקע באָרד, גרויע, קאַלטע אויגן, אַ שטרענגן בייזן קוק. ער איז געווען אַ איד אין די דרײַסיקער יאָרן, געשטאַמט פֿון פֿרומע רײַכע עלטערן. ער אַליין איז אויך געווען זייער פֿרום, ניט קיין אָרימאַן. געהאַט זײַנע אייגענע צען קי, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אויפֿן ריכטערס לאָנקע און געשטאַנען אין די זעלבע שטאַלן מיט אַלע בהמות. ניט געצאָלט קיין גראָשן פֿאַר פּאַשע און אַ פֿערד־און־וואָגן צו פֿירן דאָס מילכיקס אין שטאָט אַרײַן.

זײַן ווײַב, חוה׳לע, איז אַרויסגעקומען פֿון אַ משפּחה פֿון גרויסע למדנים. זי איז געווען אַ קליין, רירעוודיק ווײַבל, מיט אַ חנ׳עוודיק פּנים, גוטמוטיקע ליבלעכע ברוינע אויגן. זי איז געווען אַ פֿרײַנטלעכע, צוגעלאָזטע צו מענטשן. זי פֿלעגט אָפֿט קומען צו מײַן מאַמען: קיינמאָל ניט מיט ליידיקע הענט. שטענדיק עפּעס געבראַכט פֿאַר די קינדער: ניסלעך, צוקערקעס און אַנדערע זאַכן. זי האָט פֿאַר מיר אַפֿילו געבראַכט איינמאָל אַ ליאַלקע. זי איז געוואָרן דער מאַמעס נאָענטסטע, בעסטע פֿרײַנדין.

געוואוינט האָט פּסח־משה מיט חוה׳לען לעבן פּולוואַרק, אין איינעם פֿון אַ גאַנצער רײַ שטיבער, אויפֿגעשטעלט דורך דעם „סענדזשע״ (ריכטער) פֿאַר די באַדינער.

ווען די מאַמע האָט געטראַכט, צי זי זאָל זיך אַריבערציען אויפֿן שליאַכעטסקן דאָרף, האָט דער געפֿיל, אַז זי וועט זײַן נענטער צו חוה׳לען, אַ סך באַוואויגן איר געדאַנק צו וועלן דאָרט וואוינען.

אָבער — „דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט״, אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר אַנדערש.

פּסח־משה מיט חוה׳לען האָבן געהאַט אַ סך אַרבעט בײַ דער מילך פֿון אַזוי פֿיל בהמות. אַנשטאָט זוכן פֿרעמדע העלפֿער, האָבן זיי גענומען חוה׳לעס אַ שוועסטער מיט אַ שוואָגער, זיי זאָלן זיי אַרויס־העלפֿן אין דער אַרבעט.

די שוועסטער, שאַשע, אַן אומגעלומפּערטע, הויכע, דיקע פֿרוי, מיט גרויסע אַרויסגעסטאַרטשעטע העל־גרויע אויגן, האָט געשטאַמלט, קוים וואָס זי האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט.

דער שוואָגער יונה, — אַ לאָ־יוצלח, אַ נעבעכל, אַ קליינינקער, אַ דאַרער, מיט אַ גרויסן קאָפּ, מיט אַ שפּיציק־שיטער בערדל, ווי בײַ אַ קאָזע.

דער שלימזל׳דיקער יונה האָט קיינמאָל ניט פֿאַרדינט אויף פּרנסה. לעבן פּסח־משה׳ן מיט חוה׳לען, וואָס מען האָט זיי געהייסן, האָבן זיי געטאָן. מען האָט זיי געדאַרפֿט שטויסן און זאָגן, וואָס זיי זאָלן טאָן: אָוועקנעמען די מילך פֿון די מעלקערינס, אַרײַנגיסן אין

ציבערס, וואָס האָבן געהאַט צוויי גרויסע אויערן מיט לעכער. אין די לעכער האָט מען אַרײַנגעשטעלט אַ שטעקן. צוויי מענטשן האָבן אָנגענומעןביידע זײַטן שטעקן און געטראָגן די מילך אין אײַז־קעלער, וואו עס זײַנען אַ גאַנץ יאָר געלעגן גרויסע שטיקער אײַז.

שאָשע האָט אויך געוואוינט אין איינער פֿונ׳ם ריכטער׳ס שטיבער פֿאַר באַדינער. קיין דירה־געלט האָט איר און איר מאַן ניט געקאָסט; קיין מילכיקס האָבן זיי ניט געדאַרפֿט קויפֿן. פּסח־משה האָט זיי געצאָלט עטלעכע רובל אַ וואָך, איז זיי געווען „גוט ווי די וועלט״. חוה׳לע איז געווען צופֿרידן: איר שוועסטער דאַרף ניט זאָרגן וועגן פּרנסה. זיי האָבן געלעבט רואיק, צופֿרידן.

מיט אַמאָל איז געקומען דער אומגליק אויף חוה׳לען און גאָטס שטראָף אויף פּסח־משה׳ן און אויף דער שוועסטער מיטן שוואָגער.

צווישן פּסח־משה׳ן און חוה׳לען איז פֿאָרגעקומען אַזעלכעס, וואָס מען האָט פֿריער ניט געהערט אין יענע מקומות. ס׳האָט געקלונגען, ווי אַ מיסטעריעזע, אויסגעטראַכטע מעשה. אין אַלע פֿאַרוואָרפֿנסטע שטעט, שטעטלעך און דערפֿער האָט מען גערעדט וועגן דער פֿאַסירונג. דאָס איז אַ געשיכטע, וואָס לאָזט זיך ניט פֿאַרגעסן. איך געדענק דאָס, ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געשען. איך האָב גוט געקענט די מענטשן. ביז הײַנט שטייען זיי מיר פֿאַר די אויגן.

פּסח־משה מיט חוה׳לען זײַנען געווען אַריבער צען יאָר נאָך זייער חתונה, און האָבן ניט געהאַט קיין קינדער. ער האָט שטאַרק געוואָלט האָבן אַ קינד; געטרוימט צו האָבן אַ „קדיש״. האָט ער מיט אַמאָל אָנגעהויבן רעדן צום ווײַב: — חוה, שוין באַלד עלף יאָר, זינט מיר האָבן חתונה געהאַט, און קיין קינד האָבן מיר ניט. איך האַלט, אַז מיר דאַרפֿן זיך גט׳ן. גאָט קאָן דיר צושיקן אַ מאַן, דו זאָלסט האָבן מיט אים אַ קינד, און מיר קאָן אויך גאָט העלפֿן, אַז מיט אַן אַנדער פֿרוי זאָל איך באַגליקט ווערן מיט אַ קינד. ס׳האָט שוין אַזוינס געטראָפֿן בײַ מענטשן. פֿאָלג מיך: ס׳וועט זײַן בעסער פֿאַר ביידע.

חוה׳לע איז געוואָרן אַ פֿאַרציטערטע. אַ שוידער איז דורך איר

איר גראָבער פּאַטשיילע און אַנדערע שמאַטעס, איז געזעסן אויפֿן שוועל. אַז ס׳איז איר געוואָרן זייער קאַלט, איז זי געלאָפֿן אַרום די ווענט, געקלאַפּט אין לאַדן, און געשריגן מיט אַלע כוחות:

— פּסח־משה, לאָז מיך אַרײַן! ס׳איז מיר קאַלט. איך ווער פֿאַר־פרוירן. וואו ביסטו, פּסח־משה? גאָט איז מיט דיר! עפֿן, עפֿן די טיר! איך וויל אַרײַנגיין אין שטוב, זיך לייגן אויפֿן בעט!

איר שרײַען האָט ניט נאָר געשטערט דעם שלאָף פֿון פּסח־משה׳ן מיט זײַן ווײַב, נאָר האָט אויפֿגעוועקט שכנים.

אַז מען האָט איר געזאָגט: — „פּסח־משה האָט שוין חתונה געהאַט, ער האָט אַן אַנדער ווײַב״, האָט זי געשמייכלט און געזאָגט:

— ניט מעגלעך! פּסח־משה וועט דאָס ניט טאָן, איך בין דאָך זײַן ווײַב.

פּסח־משה האָט געזען, אַז זי טרעט ניט אָפּ, זי האַלט אין איין שרײַען און מאַכן געוואַלדן. שכנים באַקלאָגן זיך, אַז זי לאָזט זיי ניט שלאָפֿן, זיי ווילן ניט לײַדן. זיי האָבן צו אים טענות. ס׳איז אים געוואָרן ביטער, ער האָט מער ניט געקאָנט דאָרט בלײַבן. זי האָט ניט געגעבן אים קיין רו.

ער האָט געמוזט איבערלאָזן דעם קאָנטראַקט מיטן ריכטער, אַוועקוואַרפֿן די גאָלדענע פּרנסה. ער האָט אַלץ איבערגעלאָזט, און איז מיט זײַן יונג ווײַבל אַוועק אין אַ ווײַטער גרויסער שטאָט. דאָרט האָט ער זיך גענומען צום האַנדל, געפֿירט גרויסע געשעפֿטן. די שוועסטער מיטן לא יוצלח׳דיקן מאַן זײַנען געבליבן אָן פּרנסה. די ליידיקע שטוב איז געשטאַנען מיט אַן אויפֿגעפּראַלטער טיר, פּוסט און קאַלט.

חוה׳לע האָט אָנגעהויבן גיין אַלע טאָג אין שטאָט בעטלען, אַרומגיין אין די הײַזער. פֿאַרנאַכט איז זי געקומען צו מײַן מאַמען: געהאַט איר ווינקל. זי האָט געהאַלטן אין איין רעדן פֿון איר מאַן: — איך האָב הײַנט געזען פּסח־משה׳ן.

זי האָט ניט אַרויסגעלאָזט איר מאַן פֿון קאָפּ.

צום יאָר האָט פסח־משה׳ס יונג ווײַבל געהאַט אַ מיידל; מיט אַנדערהאַלבן יאָר שפּעטער נאָך אַ מיידל.

ער האָט געהאַנדלט מיט בהמות און תבואה. געפאָרן אויף ירידים, געקויפט און פאַרקויפט. איין מאָל אין אַ ווינטער־אָוונט איז ער געפאָרן מיט זײַן פערד־און־וואָגן פון אַ יאַריד, דורך אַ וואַלד. זײַנען אים באַפאַלן גזלנים, צוגערויבט דאָס געלט, אָפּגעהאַקט מיט אַ האַק זײַן קאָפּ, געלאָזט אים ליגן אויף דער ערד אין וואַלד, און אַוועק מיט זײַן פערד־און־וואָגן. אויף מאָרגן האָט מען געפונען זײַן געפרוירענעם קערפּער מיטן באַזונדערן קאָפּ אין וואַלד.

וועגן דער געשיכטע האָט מען לאַנג גערעדט, דערציילט און איבערדערציילט איינער דעם אַנדערן. מענטשן האָבן ניט געקאָנט פאַרגעסן די שרעקלעכע פּאַסירונג.

פרומע האָבן געזאָגט: — גאָט האָט געשטראָפט חוה׳ס שוועסטער, זי האָט געקראָגן אַ באַצאָלונג: געלאָזט איר יונגע טאָכטער אַן אלמנה מיט צוויי קליינע קינדער, און פסח־משה׳ן פאַרקירצט דאָס לעבן מיט אַ שרעקלעכן טויט.

וויפיל מאָל מען האָט חוה׳לען געזאָגט, וואָס מיט איר מאַן האָט געטראָפן, אַז ער לעבט ניט, — האָט זי אַלץ ניט געגלויבט, זי האָט דערציילט מײַן מאַמען, אַז זי האָט אים נאָר־וואָס געזען אין שטאָט: ער זעט גוט אויס.

די מאַמע האָט שוין ניט געהאַט יענע קלוגע, גוטער פריינדין מיט וועמען זי האָט געקאָנט פון האַרץ צו האַרץ זיך צונויפרעדן. אַן אַנדערע חוה׳לע געוואָרן!

ווען חוה׳לע האָט אָנגעקליבן שטיקלעך פליײש, שטיקלעך לונג, אויסגעבעטלט אין די יאַטקעס דורך אַ לאַנגן זומערדיקן טאָג, ביז זי איז געקומען פאַרנאַכט אין דאָרף, האָט דאָס בײַם קאָכן פאַר־אומרייניקט די לופט אין שטוב, אַז אונזער וועטשערע איז אונז ניט באַקומען.

אין אַ ליכטיקן, וואַרעמען פרילינג־טאָג איז דער זיידע געקומען

לײַב. זײַנע רייד האָבן איר געטראָפֿן ווי אַ בליץ, וואָס פֿאַרבלענדט די אויגן, ווי אַ דונער־קנאַל, וואָס פֿאַרטויבט און צעמישט דעם קאָפּ. זי איז צעטומלט געוואָרן; אויפֿן מאָמענט געבליבן פּריטשמעליעט, ניט געקאָנט זיך רירן פֿון אָרט; ניט געקאָנט עפֿענען דאָס מויל, אַ וואָרט אויסצורעדן. איר פּנים איז געוואָרן ווײַס ווי קאַלך.

שפּעטער האָט זי אָנגעהויבן, ווי ניט מיט איר קול, געוואַלט עפּעס זאָגן, די ליפּן האָבן זיך געטרייסלט, זי האָט געשטאַמלט:

— פּסח־משה, גאָט איז מיט דיר! וואָס רעדסטו? וואָס הייסט, מיר זאָלן זיך גט'ן? דאָס איז דאָך ניט מעגלעך. איך קאָן אָן דיר ניט לעבן. זי האָט זיך יאָמערלעך צעוויינט; געכליפּעט מיט ביטערע טרערן. נאָך לאַנג וויינען האָט זי נאָך אַלץ מיט אַ כליפּענדיק קול אָנגעהויבן אים בעטן:

— פּסח־משה, שלאָג זיך אַרויס פֿון געדאַנק אַ גט. מיר האָבן דאָך אַ גוט לעבן ביידע, ווי אַזוי קאָן מען זיך צעשיידן? אפֿשר וועט גאָט רחמנות־האָבן אויף אונז, און מיר וועלן נאָך האָבן אַ קינד. אַנדערע האָבן נאָך פֿופֿצן יאָר אָנגעהויבן האָבן קינדער. מיר קאָנען נאָך אויך אפֿשר געהאָלפֿן ווערן.

אירע רייד האָבן אויף אים ניט געהאַט קיין ווירקונג. ער איז געווען קאַלט, האַרט ווי אַ שטיין; ניט געוואָלט וויסן פֿון אירע געפֿילן. ער האָט ניט אָפּגעלאָזט: — נאָר אַ גט. זי האָט ניט געוואָלט הערן פֿון קיין גט:

— איך וועל בעסער שטאַרבן, זיך נעמען דאָס לעבן, איידער זיך צעשיידן מיט דיר.

אין איר פֿאַרצווייפֿלונג איז זי געגאַנגען צו איר שוועסטער אויסרעדן איר ביטער האַרץ. דאָ איז זי צו איר גרויסן באַדויערן אַנטוישט געוואָרן; יענע האָט געזאָגט: — אַ איד האָט אַ רעכט צו אַ גט נאָך צען יאָר ניט האָבן קיין קינדער.

דער שוואָגער האָט צוגעגעבן: — אַז אַ מאַן וויל אַ גט, דאַרף אַ ווײַב באַשטיין.

חוה'לע האָט אויף אַזאַ עצה פֿון איר שוועסטער מיטן שוואָגער

זיך ניט געריכט. זי האָט מער מיט זיי ניט גערעדט. פסח־משה האָט ניט אָפּגעלאָזט, זיך איינגעשפּאַרט, ניט אַנדערש נאָר אַ גט.

ער האָט געהערט, אַז ווען צען רבנים גיבן־אַרויס אַן היתר, אַז ער מעג חתונה האָבן, ווערט ער אַ פרייער מענטש, אָן אַ גט.

איז ער אַוועק צו רבנים און האָט געקראָגן אַן היתר. דערוויל האָט מען זיך דערוואוסט, אַז שאַשע, חוה'לעס שוועסטער, גיט איר זיבעצן־יאָריקע מיידל פסח־משה'ן פאַר אַ ווייב. מענטשן האָבן דאָס דערהערט און געשטוינט; ניט געקאָנט באַנעמען: ווי אַזוי קאָן אַן אייגענע שוועסטער אַזעלכעס טאָן?

דעמאָלט האָט חוה'לע פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איר שוועסטער מיטן שוואָגער, דעם שוטה האָבן זי צוגערעדט צו גטן איר מאַן.

פסח־משה האָט באַלד חתונה געהאַט מיטן זיבעצן־יאָריקן מיידל.

חוה'לע האָט זיך אַזוי שטאַרק גענומען צום האַרצן, אַז זי איז געוואָרן צעמישט, — אַראָפּ פון זינען. זי איז ניט אָפּגעטראָטן פון הויז, אויף דער טיר איז געהאַנגען אַ נייער שלאָס, אַז זי זאָל ניט קאָנען אַריינקומען. איז זי געגאַנגען אין דרויסן אַרום די ווענט און גערעדט צו אים:

— פסח־משה, לאָז מיר אַריין אין שטוב, אין מיין היים.

ביינאַכט האָט זי געקלאַפּט אין לאָדן, און געשריגן מיט באַנומענע קולות:

— פסח־משה, ווען וועסטו עפענען די טיר מיך אַריינלאָזן אין שטוב. עפן שוין די טיר.

אַז זי איז געוואָרן שטאַרק מיד איז זי געזעסן אויפן שוועל.

פסח־משה האָט זי געזען אין דער פרי אַרויסגייענדיק פון שטוב, און ביים קומען אַהיים פון שטאָט נאָכן פאַרקויפן די מילך. געדאַרפט זי אַמאָל אַריבערשפרייזן, ווען זי האָט אויפן שוועל פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג. זי איז ניט אָפּגעטראָטן.

די פוילישע שכנים האָבן אויף איר רחמנות געהאַט. זי אַמאָל אַריינגערופן, געגעבן איר צו עסן.

עס האָט זיך אָנגערוקט דער ווינטער. חוה'לע, איינגעהילט אין

העלפֿן דער מאַמען אײַנפּאַקן די זאַכן, אַריבערצוציען זיך אויפֿן שליאַכעטסקן דאָרף.

איך בין שוין אַלט געווען אַכט יאָר. מיר איז געווען אַ שאָד אָוועקצוגיין פֿונ׳ם פּויערישן דאָרף, וואו איך האָב געהאַט אַ סך קינדער־פֿרײַנט צו שפּילן זיך: זומער באָרוועס אין זאַמד אין מיטן וועג, און ווינטער מיט קרייטשיקעס אויף די פּיס אין שניי. (קרייטשיקעס זײַנען געווען אויסגעפּלאָכטענע שיכלעך פֿון שטיקלעך געוואַנט). אַז די קרײַטשיקעס זײַנען דורכגענעצט געוואָרן פֿון שניי, האָט די מאַמע איבערנאַכט זיי געטריקנט בײַם אויוון. מיט פּויערישע קינדער איז מיר פֿריילעך געווען. מיט זיי בין איך געווען היימיש. איך בין געגאַנגען צו זיי אין די שטיבער; זיי זײַנען געקומען צו מיר, זיך געשפּילט און געשטיפֿט.

ווען איך פֿלעג מיט דער מאַמען קומען צו באָבע־זיידע אויפֿן שליאַכעטסקן דאָרף, האָב איך דאָרט ניט געזען, אַז קינדער זאָלן זיך אויפֿן מיטן וועג זומער שפּילן אין זאַמד.

בײַ די פּריצים זײַנען געווען גרויסע הויפֿן. בײַ יעדן הויז פֿון הינטן, סעדער, בלומען פֿון פֿאַרנט. אַפֿילו לעבן די פּלויטן בײַם וועג זײַנען געוואַקסן עפּל־און באַרן־ביימער. זומער האָבן זייערע צעשפּרייטע צווײַגן ערטערווײַז פֿאַרדעקט דעם וועג ווי אַ דאַך. אויפֿן וועג האָבן זיך געוואַלגערט אין זאַמד אַראָפּגעפֿאַלענע עפּל און באַרנעס. אַ גאַנצן טאָג איז דאָרט שטיל. מען הערט ניט קיין געוויש פֿון קינדער. זעלטן זעט מען גיין אַ מענטש. איך האָב ליב געהאַט דעם גערויש פֿון די קינדער אויפֿן פּויערישן דאָרף.

דאָרט אויפֿן שליאַכעטסקן דאָרף ווערט היימלעכער ערשט פֿאַרנאַכט, ווען די „פּאַראָבקעס״ (באַדינער) קומען פֿון פֿעלדער, און די פֿאַסטעכער טרײַבן פֿון לאָנקעס די בהמות מיט די שעפּסן צו די שטאַלן. דעמאָלט הערן זיך דאָס מוקען פֿון קי, מעקען פֿון שעפּסן, הירזשען פֿון פֿערד, קלאַפּן מיט עמערס בײַם ציען דאָס וואַסער פֿון ברונעמער, געלעכטער פֿון די אַרבעטנדיקע פּויערשע בחורים און מוידן.

אפילו איך זאָל דאָרט אין אַ הויז זען קינדער, וועל איך זיך שעמען, ניט וואַגן צוגיין צו אַ פֿריציש קינד. אַזוי האָב איך געטראַכט, ווען די מאַמע מיטן זיידן האָבן אײַנגעפּאַקט די זאַכן, און מיר איז געווען אומעטיק. ס׳האָט זיך מיר געוואָלט ווײנען.

אין די טראַכטונגען האָט די מאַמע מיך אַ רוף געטאָן. מיר זײַנען אַלע אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן וואָגן, אָנגעלייגט מיט זאַכן.

דאָס פֿערד האָט פּאַמעלעך געשלעפּט זיך אין די טיפֿע, טרוקענע זאַמדן.

אויפֿן שליאַכעטסקן דאָרף זײַנען מיר אָנגעקומען מיטאָג־צײַט: „אַרויפֿגעפֿאָרן אויפֿן לאַנגן „פֿאָדוויר״, וואו דער זיידע האָט געוואוינט. דאָס פֿערד האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיר זײַנען אַראָפּ פֿון וואָגן.

די מאַמע מיטן זיידן האָבן אַראָפּגענומען די זאַכן, געטראָגן אין שטוב אַרײַן. איך בין אַן אומעטיקע אַרויסגעגאַנגען אויפֿן וועג. ווײַט האָב איך ניט געקאָנט גיין. איך האָב מורא געהאַט, אַז די הינט זאָלן מיך ניט באַפֿאַלן. בײַ יעדן הויז זײַנען געווען צו צוויי און דרײַ הינט.

פֿונם שכנישן גאָרטן בײַם פּלויט האָט געבליט דער בעז. איך האָב געגעבן אַ שפּרונג אין דער הויך, דערלאַנגט אַ צווײַג בעז, אָפּגעבראָכן עטלעכע שטיקלעך, געהאַלטן בײַ דער נאָז און געשמעקט. אין דעם דריטן הויז פֿון זיידן האָט געוואוינט דער פֿעטער שלמה מיט דער מומע רייזען און זייערע זעקס קינדער: די עלטסטע פֿון די קינדער, אַ פֿערצן־יאָריקע מיידל מרים, און פֿינף אינגלעך. די עלטערע דרײַ אינגלעך זײַנען געגאַנגען אין נאָענטן אידישן דאָרף אין חדר; געבליבן זײַנען אין הויז דאָס פֿערצן־יאָריקע מיידל און צוויי קליינע קינדער: הערשל, דרײַ יאָר אַלט, און יאַנקע, איין יאָר אַלט.

אַמאָל, אַז מיר איז געוואָרן שטאַרק אומעטיק אַליין זיך אַרומ־צודרייען, בין איך געלאָפֿן שפּילן זיך מיט די קליינע קינדער, מיט הערשלען און יאַנקעלען, נאָר די קינדער האָבן אַ סך געוויינט. זיי זײַנען שטענדיק געווען הונגעריק.

איינמאָל בין איך אַהיין אַרײַנגעקומען, ווען די קינדער האָבן געוויינט, איך האָב פּרובירט זיי פֿאַרשפּילן, קלאַפּן מיט די הענט, זינגען: „פּאַטשע, פּאַטשע קיכעלעך", נאָר עס האָט ניט געהאָלפֿן. די מומע רויזע, אַ הויכע, דאַרע פֿרוי, האָט געשטאָפּט יאַנקעלען די לײדיקע ברוסט אין מײַלעכל. ער האָט געגעבן אַ צי, אַרויסגעלאָזט די לײדיקע ברוסט און ווידער געוויינט. הערשל האָט געשריגן: „ברויט! איך וויל ברויט!"

די מומע רויזע האָט מיט אַ וויינענדיק קול גערעדט: — „איך האָב ניט קיין ברויט, באַלד וועלן זיך אָפּקאָכן די קאַרטאָפֿל וועל איך דיר געבן אַ קאַרטאָפֿליע". ווי אויף צו להכעיס, האָט דאָס נאַסע האָלץ ניט געוואָלט ברענען. די מומע איז געשטאַנען בײַם קוימען מיט אַ פֿאַרפֿלאַמט פּנים, געדרייט דאָס האָלץ, אַרײַנגעבלאָזן, און דאָס האָלץ האָט מער געריכערט, ווי געברענגט. די קאַרטאָפֿליעס האָבן זיך ניט געקאָכט. די קינדער האָבן געהאַלטן אין איין וויינען.

בין איך אַוועקגעלאָפֿן צו דער מאַמען און מיט אימפּעט געזאָגט:

— מאַמע, גיב מיר אַ שטיקל ברויט מיט מאָנטשקע!

די מאַמע האָט אויפֿגעהויבן די אויגן פֿון געניי, מיך מאָדנע אָנגעקוקט און געזאָגט:

— וואָס פֿאַראַ גוט יאָר אויף דיר? האָסט דאָך ערשט ניט לאַנג אָפּגעגעסן?

— איך בין הונגעריק! — האָב איך געשריגן, אונטער־געשפּרונגען אויף איין פֿוס און געשריגן: — גיב מיר גיכער אַ שטיקל ברויט מיט מאָנטשקע! איך בין הונגעריק, איך וויל גיין זיך שפּילן מיט די קינדער.

זי האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון בענקל, אָפּגעשניטן אַ פּענעצל ראַזעווע ברויט, באַשאָטן מיט אַ ביסעלע מאָנטשקע (דינעם צוקער) און מיר געגעבן. איך האָב געכאַפּט דאָס שטיקל ברויט, שנעל אין איין אָטעם געלאָפֿן צו די קינדער, אָפּגעבראָכן אַ שטיקל, געגעבן הערשלען, וואָס איז געזעסן אויף דער ליימענער פּאָדלאָגע פֿאַר־וויינט, און אַ שטיקל — דעם איין־יאָריקן יאַנקעלען. יאַנקעלע האָט

מיט איין מאָל אַרײַנגעפּאַקט דאָס גאַנצע שטיקל ברויט אין מײלעכל, און זיך גענומען קרעכן, נאָר דערשטיקט צו ווערן. די מומע רויזע האָט אים געקלאַפּט אין פּלייצע; עס האָט ניט געהאָלפן. זי האָט אָנגעהויבן שרײַען: געוואַלד, דאָס קינד ווערט דערשטיקט!

אַ פאַרשוּלדיקטע, מיט גרויס שרעק, בין איך געלאָפן צו דער מאַמען מיט אַ געשריי: — מאַמע, יאַנקעלע ווערט דערשטיקט! — די מאַמע האָט אַ וואָרף געטאָן די אַרבעט, געלאָפן צו דער מומע רויזען. דערזען, אַז דאָס קינד איז בלאָ, ס'ווערט דערשטיקט, האָט זי געגעבן אַ רוק אַרײַן איר פינגער אין זײַן מײַלעכל, ער האָט אָנגעהויבן ברעכן. זי האָט געראַטעוועט דאָס קינד.

בײַ דעם פעטער שלמה איז אָפט ניט געווען קיין ברויט אין שטוב. ניט איין מאָל האָט די מומע רויזע געמוזט מיטגעבן אויף אַ גאַנצן טאָג די קינדער אין חדר אַרײַן עטלעכע אָפּגעקאָכטע קאַר־טאָפליעס צו עסן.

דער פעטער שלמה איז געווען אַ קאָוואַל, זײַנע געזונטע הענט האָבן גראָד געקאָנט בלאָזן אַ „מיעך", שמידן אײַזן, אָבער ער האָט ניט געקענט זיך דערשלאָגן צו אַן אייגענער קוזניע. קריגן אַרבעט בײַ אַן אַנדערן קאָוואַל איז ניט געווען גרינג. בלויז ווען יענער איז געווען איבערגעלאָדן מיט אַרבעט, האָט מען אים גערופן אויף עטלעכע טעג אַרויסצוהעלפן. זעלטן־ווען האָט ער געהאַט עטלעכע וואָכן כסדר צו אַרבעטן.

אין זײַן ליידיקער צײַט האָט שלמה געפּרוּוט אויפן דאָרף עפּעס קויפן.

לויט זײַן אויסזען האָט אים בעסער געפּאַסט צו זײַן אַ סוחר, ווי אַ קאָוואַל. ער איז געווען אַ הויכער ברייט־פּלייציקער מאַן, מיט אַ קורץ־ברוין בערדל, טונקל־פינקלדיקע אויגן, מיט דינע זאַפטיקע ליפּן. ווען ער וואָלט געווען אַ מער אויסגערעכנטער בײַם קויפן, וואָלט ער בײַ אַ סך זאַכן געקאָנט פאַרדינען און האָבן פּרנסה. איז ער אָבער געווען מער פאַנטאַזיאָר ווי אַ מבין, און האָט אָפט איבער־געצאָלט אויף סחורות.

די באָבע פלעגט זאָגן: — ער האָט ניט קיין מזל. דער זיידע האָט געזאָגט: ער טויג ניט צום האַנדל. ער האָט אַ ווינט אין קאָפּ: קויפט אומגעלומפּערט, באַרעכנט ניט, צי עס לוינט אים.

אַז דער זיידע איז געווען אין דאָרף, האָט שלמה אַלע מאָל בײַ אים „געכאַפּט", ס'הייסט, געבאָרגט עטלעכע רובל עפּעס צו קויפן, מיטן געדאַנק, אַז ווי גיך ער וועט דאָס פאַרקויפן, אָפּנעמען דאָס געלט מיטן פאַרדינסט, אַזוי ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, וועט ער „באַלד" צוריקגעבן. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געהאַט אָפּצוגעבן. אַז ער האָט אַרײַנגעקראָגן אַ רובל אין האַנט, האָט ער ניט געוואוסט וואָס פריער: צי קויפן אַ לעבל ראַזעווע ברויט אין שטוב אַרײַן, צי אַ פונט זאַלץ, אַ קווערטל נאַפט דעם לאָמפּ אָנצינדן, און ניט בלײַבן אין אָוונט אין דער פינצטער. ניט אַלעמאָל האָט ער פאַרדינט. אַמאָל האָט ער גאָר צוגעצאָלט צום פאַרקויפטן אַרטיקל.

זײַן צרה איז געווען, וואָס ער האָט שטענדיק זיך אײַנגערעדט, אַז וואָס ער קויפט, „כאַפּט ער אַ מציאה". איידער וואָס־וועון האָט ער געלייגט דאָס פאַרדינסט אין קעשענע. זײַן פאַנטאַזיע האָט אים אָבער אָפּט פאַרפירט, און דער דלות איז ניט אָפּגעטראָטן פון אים.

אַז דער זיידע איז שוין ניט געווען אויפן דאָרף, האָט ער ניט געהאַט בײַ וועמען צו לײַען. די ערשטע צײַט פלעגט ער באָרגן בײַם פּריץ, מיטן זעלבן געדאַנק און ווילן, אַז מאָרגן־איבערמאָרגן, ווי גיך ער וועט פאַרקויפן דאָס אַרטיקל, וועט ער באַצאָלן דעם חוב — אָבער אַז ער האָט ניט געהאַט, ניט געקאָנט באַצאָלן, האָבן די דאָרפס־לײַט אים מער ניט געטרויט. איז ער געווען אויף גרויסע צרות. דאָס איינציקע, וואָס מען האָט אים געגעבן אָן געלט, איז געווען הינער און אייער.

מער־ווייניקער האָט ער געוואוסט, וויפיל מען צאָלט אויפן מאַרק פאַר אַ שאָק אייער. מיט אַ הון האָט ער אויך ניט געקאָנט צופיל זיך אָפּנאַרן. אָבער פון דעם וואָזשנעם האַנדל איז אָפּט ניט געווען קיין ברויט אין שטוב.

ניט ווײַט פון שליאַכעטסקן דאָרף איז געווען אַ אידיש דאָרף.

דאָרט האָבן געוואוינט בלויז אידן. זיי האָבן געהאַט אַ בית־מדרש מיט אַ „ווײַבערישער" שול. די באָבע־זיידע זײַנען שבתים און יום־טובים געגאַנגען אַהין צום דאַוונען. שפּעטער איז די מאַמע אויך אַהין געגאַנגען דאַוונען.

די מאַמע האָט געקענט קלאָר אַרויסזאָגן די ווערטער פון סידור, איז זי געווען דאָרט „די זאָגערין". די ווײַבער האָבן ניט געקענט דאַוונען, האָבן זיי זי אַרומגערינגלט. זי האָט הויך אַרויסגעזאָגט די ווערטער און זיי האָבן נאָכגעזאָגט.

איך האָב שטענדיק געטראָגן איר סידור און כ'האָב זייער ליב געהאַט צו גיין אין אידישן דאָרף. דאָרט זײַנען געווען: דרײַ שפּײַז־געוועלבן, צוויי בעקערײַען, עטלעכע שוסטער און שנײַדער, באַלע־גאָלעס, אַ שניט־קראָם, אַ „אַליאַרניע". פון די אַרומיקע ניט־אידישע דערפער האָבן פויערים געבראַכט אַהין „סימניע" אויסצושלאָגן אויל. דער אויל האָט געשמעקט איבערן גאַנצן דאָרף. ס'איז אויך געווען דאָרט אַ קאָוואַל. אַ טאַטע מיט אַ זון האָבן שטענדיק געאַרבעט אין קוזניע, אַ פאַרבער איז אויך געווען. פויערטעס האָבן צו אים געבראַכט: באַוול מיט אַליין־אויסגעאַרבעטער לײַוונט צו פאַרבן אויף פאַרשיידענע קאָלירן, פון וועלכע זיי האָבן שפּעטער געמאַכט קליידער, אין פאַרשיידענע מוסטערן.

ווי עס האָט געפּאַסט פאַר אַ אידיש דאָרף, זײַנען דאָרט אויך געווען צוויי חדרים: איינער פאַר אָנהויבער, קליינע קינדער, דער צווייטער פאַר גרעסערע מיט אַ מלמד, וועלכן מ'האָט גערופן דער „גמרא־מלמד".

דאָס אידישע דאָרף איז געלעגן לעבן סאַמע שאָסעי. די מערסטע אידן האָבן דאָרט געצויגן זייער פּרנסה פון פאַרבײַ־פאָרער און ניט אײַנוואוינער פון אַרומיקע, ניט־אידישע דערפער.

נאָך אַ מעלה איז געווען פאַר דעם אידישן דאָרף: דאָרט איז געווען אַ טרוקענער, סאָסנאָווער וואַלד. אַז די זון האָט זומער אָנגע־היצט די נאָדל־ביימער, האָט דורך דער קאָרע אַרויסגערונען אַ פּעטע קלעפּיקייט, וואָס רופט זיך „זשיוויצע", און איז ענלעך צו האָניק. די

זשיוויצע האָט געשמעקט צוזאַמען מיט די נאָדל־ביימער, אַרויס־געגעבן אַ מחיה׳דיקן ריח.

צוליב דעם טרוקענעם סאָסנאָווען וואַלד, זײַנען אַהין אַלע זומער געקומען מענטשן פון שטאָט „אויף דאַטשע״. קיין גרויסע גבירים זײַנען אַהין ניט געפאָרן. געקומען זײַנען ניט קיין רײַכע און ניט קיין אָרימע, מערסטנס ניט קיין געזונטע, וועמען אַ דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז זיי מוזן זײַן אויף פרישע לופט. אַזוי צי אַזוי, אַבי מען איז געקומען. זומער איז דאָס דאָרף געווען פול מיט „לעטניקעס״.

ווער ס׳האָט אָפּגעטיילט פון אייגענער וואוינונג אַ צימער צו פאַרדינגען. אַנדערע האָבן פאַרדונגען די גאַנצע דירה, אַליין איז מען איבערן זומער געשלאָפן אין אַ קאַמער צי אויף אַ בוידעם. די עטלעכע רובל פון אַ „דאַטשניק״ זײַנען געווען אַ שטיקל הילף צו אַן אָרימער פרנסה.

מיט די „דאַטשניקעס״ איז געווען פריילעך. דאָס דאָרף האָט אויפגעלעבט, פאַרוואַנדלט געוואָרן כמעט ווי אין אַ שטעטל. אין זוניקע טעג האָבן זיך געטראָגן פון וואַלד פאַרשיידענע קלאַנגען, געלעכטער, געשרייען, געוויינען פון קינדער, געזאַנגען פון פאַר־שיידענע מעלאָדיעס, מוזיק־קלאַנגען פון פאַרשיידענע אינסטרו־מענטן: מאַנדאָלינען, טרובעס, פײַפלעך, האַרמאָשקעס, אַ קלאַפּערײַ פון טאַצן; אַמאָל טענער פון אַ פידעלע אויך. אַלץ האָט זיך אויס־געמישט, אָפּגעהילכט אין וואַלד מיט אַן עכאָ.

פאַרנאַכט איז מען געגאַנגען מאַסנווײַז פון פעלד מיט רעש. מידע קינדער האָבן געוויינט; מאַמעס האָבן גערעדט הויך, געשריגן אויף זיי. מען האָט געטראָגן שטולן, אײַנגעלייגטע בעטלעך, קינדערשע שפּילצײַג, מוזיק־אינסטרומענטן. ס׳איז געווען אַ גערודער. ס׳האָבן זיך געצויגן מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער, געגאַנגען ווי אויף אַ פּראָצעסיע.

נאָך וועטשערע איז געווען שטיל. קליינע קינדער זײַנען געשלאָפן; דערוואַקסענע זײַנען געזעסן אויף די גאַניקעס; אייניקע לעבן די הײַזער, אײַנגעאָטעמט פרישע לופט פון די אַרומיקע

פעלדער. זומער וואָלט איך אַלע טאָג געלאָפן אין אידישן דאָרף, ווען די מאַמע זאָל מיר לאָזן. איך האָב געהאַלטן אין איין פרעגן: — מאַמע, אפשר דאַרפסטו עפּעס קויפן אין אידישן דאָרף? אַז זי האָט מיך געשיקט נאָך עפּעס, בין איך ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן.

איך האָב דאָרט געהאַט מײַנע באַקאַנטע קינדער, מיט וועמען צו פאַרברענגען. האָב איך זיך פאַרזאַמט אויף אַ לענגערע צײַט. אַמאָל האָבן זייערע מאַמעס מיך גערופן צו עסן מיט זיי. ווען איך בין אַהין געגאַנגען, איז פאַר מיר געווען אַ פריידיקער יום־טוב.

איך האָב זיך ביסלעכווײַז צוגעוואוינט צום נײַעם דאָרף. עס זײַנען געווען ליכטיקע, וואַרעמע זומער־טעג. אויף העל בלויע לויטערע הימלען האָט גאָלד־גלאַנציק געלויכטן, געוואַרעמט די זון, אָנגעהיצט די ערד. דאָס זאַמד איז געווען שטאַרק הייס, אַז איך האָב געוואָלט גיין אויפן וועג, האָב איך געמוזט שאַרן, אַז דאָס זאַמד זאָל ניט בריען מײַנע באָרוועסע פיס. אפילו פאַר די הינט האָב איך זיך וויי ניקער געשראָקן. איך האָב זיי אַלע געקענט, געוואוסט די נעמען פון יעדן הונט. אַז אַ הונט איז מיר אַנטקעגן געקומען, האָב איך אָנגע־רופן בײַם נאָמען, גערופן כלומרשט צו זיך, געזאָגט: — פּיטשטאָ, פּיטשטאָ! סוואָי! דאָס האָט געמיינט: קום, קום, אַן אייגענער. דאָס האַרץ האָט געטיאַכקעט, אַז דער הונט זאָל אויף מיר ניט אָנפאַלן.

דעם שכנ׳ס גרויסער סאָד האָט זיך געצויגן לענגער פון אונזער „פאָדוויר", אַ שטיק ביז נאָכן שייער. בײַם סאַמע פּלויט זײַנען געוואַקסן געדיכטע מאַלינע־ביימלעך. אַז די מאַלינעס האָבן אָנגע־הויבן רויט ווערן, בין איך ניט אָפּגעטראָטן פון פּלויט, גאַנצע טעג געשטופּט מײַנע דאַרע הענטלעך אין די פּלויטיקע שפּאַלטן; געשלעפּט צו זיך די שטעכיקע מאַלינע־צווײַגלעך, צעדראַפּעט זיך די הענט. אָבער איך האָב ניט געפילט קיין ווייטיק, אַבי איך האָב דער־לאַנגט אַראָפּצונעמען די „דערשטאַנענע" מאַלינעס.

די מאַמע האָט מיר געגעבן אַ בלעכן קווערטל אָנצוקלײַבן מאַלינעס. איך האָב געלייגט מער אין מויל, ווי אין קווערטל, ס׳האָט מיר גענומען לאַנג, ביז איך האָב אָנגעפילט דאָס קווערטל. אַלע טאָג

זײַנען צוגעקומען פּריש־דערשטאַנענע מאַלינעס. איך בין געגאַנגען פון אייןביימל צום אַנדערן; געהאַלטן אין איין קלײַבן. מיר האָבן געגעסן מאַלינעס מיט סמעטענע. אַז ס׳איז ניט געווען קיין סמעטענע איז זויער מילך אויך געווען גוט.

חוץ דעם וואָס מיר האָבן געגעסן, האָט די מאַמע געהאַט צו מאַכן מאַלינע־סאָק, מאַלינע־אײַנגעמאַכטס, צו באַהאַלטן אויפן ווינטער. מען האָט געזאָגט, און שטאַרק דערפון געהאַלטן, אַז „מאַלינע־סאַק איז גוט צו אַ הוסט”, האָט די מאַמע, אַוועקגעשטעלט אויף „הלוואַי מען זאָל ניט דאַרפן”.

איך האָב אפילו געקראָגן אַ חברטע אין דעם נײַעם דאָרף.

אויפן הויף בײַם צווייטן הויז פון אונז איז געווען אַ הוידעלקע. איך האָב געזען ווי אַ מיידעלע פון מײַן גרויס הוידלט זיך. געהערט אַז איר מאַמושע רופט זי: יאַנינקאַ. איך האָב געקוקט מיט קנאה, ווי יאַנינקאַ הוידעט זיך. כ׳בין געשטאַנען בײַם נידעריקן פלויטעל, וואָס האָט אָפּגעטיילט אונזער הויף פון יענעם, און דאָס חיות איז מיר שיעור ניט אויסגעגאַנגען צו געבן זיך אַ הוידע.

איינמאָל האָב איך זיך ניט געקאָנט מער אײַנהאַלטן. כ׳האָב זיך אָנגענומען מיט מוט, בין אַריבערגעקראָכן דאָס נידעריקע פלויטל, צוגעגאַנגען צום מיידעלע און זי געפרעגט: — יאַנינקאַ, וועסט מיר לאָזן זיך אַ הוידע טאָן אויף דײַן הוידלקע? זי איז באַלד אַראָפּ פון דער הוידלקע און געזאָגט גאָר היימיש, — גלײַך זי וואָלט מיך געקענט פון לאַנג: — גיי אַרויף איך וועל דיר געבן אַ שטויס, וועט דיר זײַן גרינגער אָנצוהויבן.

אַ צופרידענע האָב איך זיך אַרײַנגעזעצט אויפן ברעטל, אָנגענומען מיט ביידע הענט די זײַטיקע שטריק, יאַנינקאַ האָט געגעבן אַזאַ שטויס די הוידעלקע, אַז איך האָב געגעבן אַ פלי, שיעור ניט צום הימל. איך האָב זיך אַפילו אַ ביסל דערשראָקן, איך זאָל פון דער הויך ניט אַראָפּפאַלן.

פון דעמאָלט־אָן האָב איך כמעט אַלע טאָג געהוידעט זיך. איך

האָב זיך געשפּילט מיט זייערע הינט און קאַץ. מיר זײַנען געוואָרן חבר׳טעס מיט יאַנינאַן.

אונטער אונזער פענצטער, פאַרנט צום וועג, איז געווען אַ גרויסער, ברייט־צעצווײַגטער קאַרשן־בוים. יענעם זומער איז דער בוים געווען אָפּגעשאָטן מיט קאַרשן. ווען איך האָב נאָר דערזען די ערשטע, האַלב־רויטע קאַרשען, האָב איך באַלד, ווי אַ וועווערקע, אַרויפגעדראַפּעט זיך אויפן בוים, געריסן די קאַרשן און געגעסן. די מאַמע האָט מיר דערזען אויפן בוים עסן די רויע קאַרשן, האָט זי אָנגעהויבן שרײַען: — גיי שוין אַראָפּ פון בוים! וועסט קראַנק ווערן, קריגן אַ בויך־ווייטיק פון די גרינע קאַרשן.

איך בין ווי אַ נעבעכל פאַמעלעך אַראָפּגעקראָכן פון בוים, געמוזט וואַרטן עטלעכע טעג ביז די קאַרשן זײַנען געוואָרן גוט־רויט, כמעט שוואַרץ, בין איך ווידער עטלעכע מאָל אַ טאָג אַרויף און אַראָפּ פון בוים.

די מאַמע האָט מיר געגעבן אַ זעקעלע אָנצורײַסן קאַרשן. איך האָב געטאָן דאָס זעלבע, וואָס מיט די מאַלינעס: געלייגט מער אין מויל ווי אין זעקל. אָבער אָנגעריסן גענוג פאַר דער מאַמען, אויך זי זאָל האָבן אײַנצולייגן פלעשערווישניאַק.

ווען מײַן קוזינקע מרים איז געגאַנגען רײַסן שטשאַוו בין איך מיט איר מיטגעגאַנגען אָנצורײַסן שטשאַוו פאַר דער מאַמע, זי זאָל האָבן צו קאָכן אַ באַרשטש. מרים האָט מיר געוויזן, וועלכע עס זײַנען די שטשאַוו בלעטער, איך זאָל אַמאָל ניט רײַסן די באָבקע־בלעטער, וואָס זײַנען ענלעך צו שטשאַוו.

אַז מיר זײַנען צוגעקומען נאָענט לעבן וועלדל, וואו ס׳איז געוואַקסן געדיכט דער שטשאַוו, האָב איך דערזען וואַקסן רויטע און שוואַרצע יאַגדעס. איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו די יאַגדעס, זיי געשלונגען איינס נאָכן אַנדערן; פאַרגעסן, אַז איך דאַרף אָנרײַסן שטשאַוו פאַר דער מאַמען צו קאָכן אַ באַרשטש. מרים האָט מיר דערמאָנט, אַז זי גייט באַלד אַהיים. האָב איך ערשט גענומען זיך יאָגן אָנצורײַסן אַ ביסל שטשאַוו. זי האָט מיר צוגעהאָלפן, מיר זאָלן גיכער

אַהיימגיין. דערנאָך האָט זי מיך אַלע מאָל גערופֿן, איך זאָל גיין מיט איר.

ווײַזט אויס, איר איז געווען היימלעכער, ווען איך בין מיטגע־גאַנגען, עס האָט זי נאָר געצויגן, צו גיין לעבן וועלדל, וואו עס וואַקסן די רויטע און שוואַרצע יאַגדעס. איך פֿלעג אַמאָל אַליין אַהין אַ לויף טאָן, קלײַבן די יאַגדעס עסן און אַביסל ברענגען דער מאַמען.

אַז דער קאָרן איז געוואָרן הויך, האָב איך ליב געהאַט גיין זוכן די בלימלעך דאָרט. אַמאָל איז יאַנינקאַ אויך מיט מיר געגאַנגען רײַסן הימל־בלויע, צאַרטע בלימעלעך. „כאַבער" האָבן זיי געהייסן. דער „כאַבער" שמעקט אַ מחיה!

די זאַנגען זײַנען געווען איבער מײַן קאָפּ. קיינער האָט מיך ניט געקאָנט אַרויסזען, שרײַען אויף מיר, אַז איך ברעך מיט די פֿיס דעם קאָרן. בין איך געמיטלעך, פּאַוואָליע אַרומגעקראָכן צווישן קאָרן, געריסן „כאַבער". אַז איך האָב געהאַט פֿולע הענט מיט כאַבער, בין איך אַרויסגעקראָכן, געגאַנגען אַ היים איבער אַ לאָנקע, ס'איז געווען ווייך און גוט צו טרעטן מיט באָרוועסע פֿיס איבער הויכע גראָזן.

אין די שבתים איז מיר געווען אומעטיק; איך האָב גאָרניט געטאָרט רײַסן, ניט גיין אין קאָרן אַפֿילו שמעקן צום כאַבער. איינמאָל בין איך געזעסן אויף דער ליימענער פּאָדלאָגע, געדרייט אַ האַנטעך, געוואָלט מאַכן אַ ליאַלקע. די מאַמע איז געזעסן בײַם טיש, געלייענט דעם טײַטש־חומש הויך אויפֿן קול. וואָס זי האָט געזאָגט, האָב איך ניט געוואוסט; בלויז אויפֿגעכאַפּט געוויסע ווערטער. איך האָב אָבער געוואָלט וויסן, וואָס זי זאָגט, בין איך צוגעלאָפֿן צו איר און נײַגעריק געפֿרעגט:

— מאַמע, וואָס זאָגסטו אין סידור?

די מאַמע, ניט אָפּקנעמענדיק די אויגן פֿון טײַטש־חומש, האָט געזאָגט: דאָס איז ניט קיין סידור. ס'איז אַ טײַטש־חומש.

— וואָס מיינט אַ טײַטש־חומש? האָב איך געפֿרעגט. זי האָט אויפֿגעהויבן דעם טײַטש־חומש און מיר געוויזן: אָט דאָס איז אַ טײַטש־חומש.

— וואָס זאָגסטו פון דאָרט? איך וויל הערן.

די מאַמע האָט ווײַטער געלייענט, אָבער איך האָב ניט אָנגעהויבן פאַרשטיין, האָב איך געהאַלטן אין איין פרעגן זי — זאָג מיר, איך וויל וויסן.

די מאַמע האָט פּרובירט מיר דערקלערן. אַמאָל האָט זי פאַרלוירן דעם געדולד און געשריגן: — הער מיך אויף נודיען! — אָבער איך האָב ניט אויפגעהערט. ניט אָפּגעטשעפּעט זיך פון איר. געוואָלט פאַרשטיין יעדעס וואָרט; וויסן וואָס ס'מיינט.

די מאַמע האָט געזען, ווי שטאַרק איך בין נײַגעריק, ווי שטאַרק עס איז מײַן חשק צו וויסן. האָט זי מיר דערקלערט: אַמאָל צוויי און דרײַ מאָל איבערגעלייענט דאָס זעלבע, ביז איך האָב אָנגעהויבן ביסלעכווײַז צו פאַרשטיין. פון דעמאָלט־אָן האָב איך מיט גרויס נײַגעריקייט, אומגעדולדיק געוואַרט אויפן שבת. באַלד נאָכן עסן האָב איך אָנגעהויבן פרעגן מײַן מאַמען:

— נו, מאַמע, ווען וועסטו זאָגן פון סידור? מיר איז געווען גרינגער צו זאָגן סידור, איידער טײַטש־חומש. די מאַמע האָט פאַר מיר געלייענט, דערקלערט יעדעס וואָרט, וואָס איך האָב ניט פאַרשטאַנען, און איך האָב געשלונגען די ווערטער, מיט גרויס אַפּעטיט, בעסער נאָך ווי די מאַלינעס, קאַרשן, אפילו די יאַגדעס וואָלט איך אויפגעגעבן, אַבי צו הערן ווי די מאַמע לייענט דעם טײַטש־חומש. ווען זי האָט געוואָלט אויפהערן לייענען, האָב איך זיך געבעטן: — מאַמע, לייען נאָך אַ ביסל, איך האָב זייער ליב צו הערן וואָס דו לייענסט.

דאָס זײַנען געווען פאַר מיר די בעסטע שעה'ן פון דער גאַנצער וואָך.

צום סוף פון זומער, ווען פון די מערסטע פעלדער זײַנען שוין געווען אַראָפּגענומען די געוויקסן פון דער פריש צעגראָבענער ערד האָט געווייעט אַ פוסטקייט, אַ מאָדנע ליידיקייט האָט זיך געפילט אין דעם אַרום, האָט מיך אָן אומעט אַרומגענומען. געל־געוואָרענע בלעטער אויף ביימער האָבן אָנגעוויזן: עס לעשט זיך דער זומער!

דער דרויסן האָט געאָטעמט מיטן אָנקומענדיקן האַרבסט, אויפֿן הימל האָבן זיך געצויגן שטיקער גרויע וואָלקנס. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ נידעריקער צו דער ערד. אַז די זון האָט ערטערווײַז, צווישן די וואָלקנס, דורכגעריסן זיך, דורכגעשטופּט, האָט זי מיט אַ מאָטער בלאַסקייט, לעבלעך געוואַרעמט. ס׳האָט זיך געדאַכט, דער זון איז אויך אומעטיק. פֿוילע, קילע ווינטן האָבן געבלאָזן, אַרײַנגעיאָגט אַן אומעט אין מײַן נשמה. מיר האָט זיך נאָך עפּעס געבענקט.

נאָכן אויסגראָבן די קאַרטאָפֿל, בין איך מיט מרים׳ן געגאַנגען אַלע טאָג אויף די פֿעלדער מיט אַ זאַק זוכן אין זאַמד פֿאַרבליבענע קאַרטאָפֿל פֿון פּריצים־געדונגענע קאַרטאָפֿליע־גראָבער. מיר האָבן מיט באָרוועסע פֿיס געשאַרט דאָס זאַמד; מיט פֿינגער געגראָבן די ערד, געזוכט פֿאַרבליבענע קאַרטאָפֿליעס.

מרים איז געווען געניטער פֿון מיר. זי האָט געוואוסט בעסער, ווי אַזוי צו זוכן. האָט זי שנעלער געפֿונען. איך האָב זיך געסטאַרעט צו דעריאָגן זי; געוואָלט ווײַזן, אַז איך קאָן גלײַך מיט איר געפֿינען. איך בין געלאָפֿן פֿאָראויס פֿון איר, געשאַרט דאָס זאַמד, געגראָבן גיך־גיך מיט די פֿינגער די ערד. אַלע ווײַלע געקוקט איף איר זאַק, געמאָסטן מיט די אויגן, ווער עס האָט מער. ווען איך האָב געזען, אַז זי האָט מער, איר זאַק איז העכער, האָב איך נאָך מער זיך גענומען יאָגן, געוואָלט כאָטש דעריאָגן זי, אָבער עס האָט ניט געהאָלפֿן. זי האָט אָנגעפֿילט דעם זאַק פֿריער פֿון מיר.

דערנאָך איז די מומע רויזע מיט מײַן מאַמען געקומען העלפֿן אַהיימנעמען די קאַרטאָפֿליעס. מרים איז געווען אַ גרויסע, געזונטע מויד. זי האָט געקאָנט נעמען אַ האַלבן זאַק, און איר מאַמע — דעם אַנדערן האַלבן.

איך האָב געקאָנט נעמען בלויז אַ קליין ביסל, האָט מײַן מאַמע געדאַרפֿט קומען צוויי מאָל אין טאָג אַהיימצונעמען די קאַר־טאָפֿליעס.

דער אַלטער האָט געוואונען

מיט די ערשטע מאַרשירער איבער די גאַסן, האָט אויפן טראָטואַר אָנגעהויבן שפּאַנען אַן אַלטיטשקער מאַן מיט אַ שטעקן אין האַנט.

מיט אַ געבויגענעם רוקן שטופּט ער זיך אַדורך דעם געפּאַקטן עולם, וואָס שטייט בײַ די זײַטן צו באַקוקן דעם פּאַראַד.

אין די רייען וויל ער נישט אַרײַנגיין, ער האָט מורא ער וועט ניט קאָנען נאָכקומען דעם גאַנג פון די מאַרשירער. גייט ער מיטן טראָטואַר. וואו עס איז לויזער פּרובירט ער שפּאַנען מיט אימפּעט און קלאַפּט הויך מיט זײַן גראָבן שטעקן אין טראָטואַר, ווי ער וואָלט וועלן אַלעמען לאָזן וויסן, אַז דאָ גייט נאָך איינער, וואָס איז מיטן גאַנצן האַרץ אײַנשטימיק מיט די גייענדיקע, וואָס טראָגן פאַראויס די פאַנען מיט די אויפשריפטן פאַר שלום, פרײַהייט און שיינקייט. קיין הוט טראָגט ער ניט דער אַלטער. די לאַנגע גרויע האָר אויף זײַן שווערן, עטוואָס קרומלעכן קאָפּ וואַרפן זיך אויף אַלע זײַטן, ווי זיי וואָלטן אָנגעפירט אַ קאַמף מיטן ווינט.

אַז דער אָטעם ווערט אים שווער, פאַרהאַלט ער זיך אויף אַ ווײַלע, קוקט צופרידן אויף די גייענדיקע און לייענט די אויפשריפטן פון די פאַרבײַ געטראָגענע פאַנען.

ער זעט אַן אויפשריפט — „באַפרײַט ווילי מעקגי"; אויף אַן אַנדער פּלאַקאַט גלאַנצן ווערטער אויף ווײַסן טאָוול — „קלענערע פּרײַזן אויף לעבנסמיטלען"; אויף נאָך אַ פּלאַקאַט איז געשריבן — „קלענערע פּראָפיטן פאַר מיליאָנערן, גרעסערע לוין פאַר אַרבעטער".

אַ גרופּע יוגנטלעכע קומען אָן מיט געזאַנג: „מיר ווילן נישט קיין נײַע מלחמה", זינגען זיי.

ער קוקט אויף זיי מיט פריידיקע בליקן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געזונגען זײַן ליד. ער טראָגט דעם יקרות אויף זײַנע ביינער. פון דער קליינער עלטער־פענסיע, וואָס ער קריגט, איז אים בײַ די יקרות־פּרײַזן זייער שווער דורכצולעבן.

דעם מלחמה־ווייטאָג פילט ער שטאַרק. ער האָט פאַרלאָרן צוויי אייניקלעך אין דער צווייטער וועלט מלחמה, איינער וואָלגערט זיך איצט אויף די קאָרייער פראָנטן, בלוטיקט דעם אַלטנס האַרץ פאַר די יונגע לעבנס וואָס קומען אום.

ער גייט אָפּ עטלעכע גאַסן און דערזעט, פון ערגעץ אַ פענצטער צי גאָר פון אַ דאַך געוואָרפן פליט מיט אימפּעט אַ פּאַפּירענער בײַטל און פאַלט אויף אַ פרוי׳ס אַקסל. דער בײַטל פּלאַצט און די פרוי ווערט אָפּגעגאָסן מיט טינט. אַ מאַן, וואָס גייט לעבן איר, ווערט אויך באַשפּריצט מיטן טינט.

אַ פּאָר טריט ווײַטער זעט ער, ווי פון דער הויך פאַלן אויף די מאַרשירנדיקע פאַרשטונקענע אייער, פאַרפוילטע פּאָמידאָרן און אַנדערע שמוצן. אַ גאַס ווײַטער איז איינער אַראָפּ פון טראָטואַר, גייט צו נאָענט צו די גייענדיקע און שפּייט אויף זיי. זײַן פּנים איז אָנגעצונדן רויט ווי אַ פלאָם פײַער. און איינע אַ פרוי — לויט אירע קליידער, האָט דער אַלטער געטראַכט, דאַרף זי אַרײַנגיין אין די רייען מאַרשירן, — שטייט נאָך אַ טריט נעענטער צו די גייענדיקע און העלפט אַרויס דעם שפּײַער, זי בלאָזט מיט אַ באַלון די מאַרשירער אין די אויגן אַרײַן. זי וויל זיי מיט דעם באַלון פאַרצאַמען דעם וועג. זי איז צעיאָכמערט, צעקאָכט און ווי אַ משוגענע שרײַט זי זיי נאָך שמוציקע זידל־ווערטער מיט קללות.

די מאַרשירנדיקע קערן אָפּ די קעפּ און גייען זייער גאַנג.

דער אַלטיטשקער פאַרהאַלט זיך, בלײַבט דאָרט שטיין. עס טרייסלען אין אים אויף אַלע גלידער. ער ציטערט פון אויפרעקונג, פון צאָרן און אין דער אויפטרייסלונג דערפילט ער מיטאַמאָל אַ רחמנות צו די שטערער. ער קלאַפּט אָן אויפהער מיטן שטעקן, שטופּט זיך צו נעענטער, שטייט שוין גאָר נאָענט צו די אויפגע־

רייצטע, וואָס זעען אויס ווי צעשויבערטע קריגערישע הענער, וועלכע זײַנען גרייט איינער דעם אַנדערן די אויגן אויסצופּיקן.

דער אַלטער פּרובירט זיך באַרואיקן, אָבער דער שטעקן טרייסלט זיך נאָך אין זײַן ציטערדיקער האַנט. ער קוקט מיט שאַרפע בליקן אין זייערע האַרטע פּנימער און ער הויבט ווידער אָן קלאַפּן מיטן שטעקן, ווי ער וואָלט מיט דעם אָפּקלאַנג פון זײַן שטעקן וועלן זיי אויפקלערן.

ער קוקט און קוקט אויף זיי און זײַנע ציטערדיקע ליפּן שעפּטשען שטיל מער אין זיך ווי אויפן קול: „ווי איז צו אײַך און צו אײַער פאַרשטאַנד, זיי מאַרשירן דאָך כדי צו ראַטעווען די וועלט פון אַ נײַער מלחמה, כדי איר אַליין זאָלט קאָנען לעבן רואיק".

אָן אויפגערודערטער פון זײַן אייגענער מורמלערײַ, איז דער אַלטער אַוועק אַהין וואו אַלע מאַרשירנדיקע זײַנען אָנגעקומען. זײַנע פיס זײַנען שוין געווען מיד און דער מאַרש האָט זיך נאָך אַלץ געצויגן און געצויגן, אָבער דער אַלטער איז ניט אָפּגעטראָטן ביז צום סוף.

אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט ער מורא געהאַט אַז ס'וועט גאָרניט זײַן. אַ קלייניקײַט — הײַנטיקע צײַטן! און איצט שטייט ער און זײַן האַרץ וואַקסט פון פרייד, וואָס עס קומען־אָן רײַען נאָך רײַען. זיי האָבן זיך נישט געלאָזט אָפּשרעקן, — דאָס איז מוט, טראַכט דער אַלטער. אָט אַזוי דאַרף זײַן. אַ מאַרטש דאַרף זײַן אַ מאַרטש.

אַ צעשטראַלטער איז דער אַלטער אַוועק אַהיים, עפּעס ווי ער אַליין וואָלט געוואונען דאָס גרויסע געווינס, אי דער וועטער האָט צוגעשפּילט, אי אַזוי פיל מענטשן האָבן מאַרשירט מיט געהויבענע קעפּ, זיך ניט געלאָזט אָפּשרעקן. אויף דערויף האָט ער געהאָפּט, וועגן דעם האָט ער זיך געשראָקן אַ גאַנצן פרימאָרגן. איצט קאָן ער אַהיים גיין רואיק. ער האָט געוואונען.

אַן אַנדער געפיל

קלאַרע גרינפעלד איז נאָך עטלעכע מאָנאַטן אַרבעט אַרום אַ קראַנקן געפאַרן אָפּרוען זיך אין די בערג.

נאָך איר מאַנס טויט האָט זי אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס אַ קראַנקן־שוועסטער.

דעם טאָג, ווען זי איז געפאָרן, האָט אַ גאַנצן פרימאָרגן גערעגנט. דער הימל איז געווען פאַרפּאַנצערט מיט אַ געדיכטן וואָלקן. ס'האָט אויסגעזען, אַז דער רעגן וועט קיינמאָל נישט אויפהערן גיסן.

נאָך מיטאָג האָט דער הימל אָנגעהויבן זיך אויסלײַטערן. צווישן די צעריסענע וואָלקנס האָבן זיך געזען שטיקער הימל־בלויקײַט. די זון איז פון אונטער אַ געדיכטן וואָלקן אַרויסגעקראָכן, מיט שאַרפע שטראַלן געוואַרעמט, באַגלייט דעם אויטאָבוס אויפן וועג צו די בערג.

די בלעטער אויף דיביימער זײַנען נאָך געווען גרין, אָבער זיי האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן דעם פרישן זומער־גלאַנץ; זיי זײַנען בלייכער און מאַטער געוואָרן; וואו־נישט־וואו האָט זיך שוין באַוויזן אַ געל בלעטל. אין דער לופט האָט זיך געפילט, אַז דער פרייילעכער זומער צאַנקט און וועט אין גיכן זיך אויסלעשן. אַ שטיל ווינטל האָט קוים־קוים געוויגט די ביימער־שפּיצן.

אין דעם קלאָרן טײַך האָבן זיך די זון־שטראַלן געשפּיגלט. דער גאַנצער אַרום האָט מיט גינגאָלד געשטראַלט. די נידריקע קוסטעס האָבן זיך אין פּורפּור־רויטן פלאַם אָנגעצונדן, געמיניעט פאַר די אויגן.

בײַם אַרײַנקומען אין האָטעל האָט קלאַרע דערזען איר אַמאָליקן פרײַנט, דוד פינקלשטיין, וועמען זי האָט שוין אַריבער צוואַנציק יאָר

נישט געזען. די ערשטע יאָרן פון זייער וואוינען אין ניו־יאָרק איז ער נאָך אַלס בחור זייער אָפט געקומען צו איר אין הויז. יאָסל, איר מאַן, האָט אים געקענט נאָך אין זייער פּוילישן שטעטל.

אין דער „אַלטער היים" איז דוד געווען אַ ייִדישער לערער. ער האָט אַ סך געלייענט, געווען באַקאַנט מיט דער ייִדישער, פּוילישער און רוסישער ליטעראַטור. חוץ דעם איז ער געווען אַ גרויסער ליב־האָבער פון קונסט. דאָ אין לאַנד האָט ער געאַרבעט בײַ דאַמען־טאַשן.

קלאַרע האָט געהאַט אַ נײַגונג צו מאָלן. אין איר הויז זײַנען די ווענט געווען באַהאַנגען מיט בילדער, וואָס זי האָט אַליין געמאָלן. דוד האָט געלויבט איר מאָלן; ער האָט זי געבעטן, זי זאָל זיך מער אָפּגעבן מיט מאָלן.

צו קלאַרען מיט יאָסלען זײַנען אָפט געקומען געסט. זיי זײַנען ביידע געווען גאַסטפֿרײַנטלעכע. ביידע האָבן ליב געהאַט אויפֿצו־נעמען מענטשן. דוד איז געקומען אָפטער פון אַנדערע. ער האָט געהאַט צו קלאַרען אַ באַזונדערן גוטן געפּיל. ער האָט אַלע מאָל געזוכט אַ געלעגנהײט צו גיין ערגעץ מיט איר. וואו ער האָט נאָר געוואוסט פון אַן אויסשטעלונג, האָט ער אַהין גענומען קלאַרען. ער האָט זי געפירט אין פאַרשידענע מוזייען.

יאָסל איז געווען אַ סך עלטער פון איר. אַ שווערער לעדער־אַרבעטער, נישט קיין גרויסער „גייער", איז ער געווען צופרידן, אַז קלאַרע האָט מיט וועמען צו גיין, וואו זי האָט אַן אינטערעס.

קלאַרע איז געווען אַ צוגעלאָזענע פרוי, האָבן מענטשן זי ליב געהאַט. זי איז נישט געווען קיין שיינהייט. מער ווי אירע טונקל־ברוינע, פינקלדיקע וואַרימע אויגן און שיינע ברוינע געלאָקטע האָר, האָט זי נישט געהאַט; אָבער עפּעס אַ שיינקייט האָט פון איר אַרויס־געשטראַלט. זי איז געווען צאַרט און האַרציק צו מענטשן. וואָס לענגער מען האָט זי געקענט, אַלץ־ליבער האָט מען זי געקראָגן. זי איז נישט געווען זשעדנע צו הערן אַ קאָמפּלימענט, אָבער אַ קאָמפּ־לימענט פון דוד'ן האָט איר געגעבן אַ באַזונדער פאַרגעניגן. זי האָט

זיך גערעכנט מיט זײַן אינטעליגענץ, מיט זײַן שײנער אײדעלער באַנעמונג צו מענטשן. ווען דוד האָט חתונה געהאַט, איז ער אָפּט געקומען מיט זײַן פרוי צו קלאַרען מיט יאָסלען. זײ האָבן אָנגע־האַלטן אַ נאָענטע פרײַנטשאַפט, ביז מען האָט דוד'ן גענומען צום מיליטער אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ קנאַפּ יאָר איז ער געווען אין לאַנד; שפּעטער האָט מען אים געשיקט קיין אייראָפּע אויפן שלאַכט־פראָנט. עלף מאָנאַטן האָט ער זיך געוואַלגערט אין טראַנשייען.

נאָך דער מלחמה איז ער אַהיים געקומען „נישט דער זעלבער". ס'האָט נישט גענומען לאַנג, האָט ער געקראָגן אַ נערוון־צוזאַמענ־בראָך. ער האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר מענטשן. מען האָט אים געמוזט אַרײַנגעבן אין אַ שפּיטאָל. שפּעטער איז ער געווען אין אַן אַנשטאַלט פאַר גײַסטיק־קראַנקע.

אין דער צײַט איז יאָסל קראַנק געוואָרן אויפן האַרץ. קלאַרע האָט געהאַט אירע צרות. זי האָט פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט דוד'ן. דאָ האָט זי דער צופאַל צונויפגעבראַכט. זײ האָבן ביידע זיך שטאַרק דערפרײט, זיך אַרומגעכאַפּט און האַרציק זיך געקושט. דוד האָט לאַנג געהאַלטן זי צוגעדריקט צום האַרצן. ווען זי האָט זיך ענדלעך באַפרײַט פון זײַנע הענט, האָבן אין ביידנס אויגן געפינקלט פריידיקע טרערן. זי האָט צאַרט אַ גלעט געטאָן זײַנע געדיכטע גרויע האָר און ליבלעך געזאָגט:

— איך בין זייער צופרידן אײַך צו זען.

— און איך, איך בין גליקלעך, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן. איך האָב קיינמאָל נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן אײַך. און דאָ אַזאַ גליקלעכער צופאַל. אין צווײ טעג אַרום האָב איך שוין געזאָלט אַהיימפאָרן, איז גוט וואָס איר זענט געקומען אין צײַט. איצט וועל איך בלײַבן אַזוי לאַנג, ווי איר וועט דאָ זײַן.

זי האָט געוואוסט, אַז זײַן פרוי האָט אים אין דער קראַנקהײַט פאַרלאָזט. דאָס האָט זיכער נאָך ערגער געווירקט אויף זײַנע נערוון, האָט זי געטראַכט. עס זעט אויס, ער פילט איצט בעסער. אַ געפיל פון

צופרידנקייט האָט אָנגעפילט איר האַרץ, וואָס ער איז געזונט געוואָרן.

ווײסנדיק זײַן קראַנקהײַט, דאַרף זי זײַן פּאָרזיכטיק מיט אים: נישט ווײ־צו־טאָן אים מיט אַ וואָרט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער נייטיקט זיך אין אַ גוט וואָרט, אין פרײַנטלעכער אויפמערקזאַמקייט, אין אַ ליבן שמייכל פון אַ פרוי, אין וואַרימער צוגעלאָזנקייט, כדי אים צו שטאַרקן, אויפהויבן פון זײַן דערשלאָגנקייט.

— שוין אַריבער צוואַנציק יאָר, אַז מיר האָבן זיך נישט געזען, — האָט ער מיט אַ באַדויער־געפּיל געזאָגט, בעת זי האָט געוואָרט אויפן שליסל פון איר צימער. זי האָט אַ גלעט געטאָן זײַן מאַט, חנ׳עוודיק פּנים און געזאָגט:

— איר קוקט אויס זייער גוט.

אין האָטעל האָט מען אים דערווײַל גערופן צום עסן. דוד האָט געבעטן מען זאָל קלאַרען זעצן בײַ זײַן טיש.

ער האָט נישט אַראָפּגענומען זײַנע אויגן פון איר. זײַן פּנים האָט פריידיק געשטראַלט. יענעם אָוונט האָט ער ווייניק געגעסן. ער איז געווען אָנגעפילט מיט פרייד פונעם גליקלעכן צופאַל, וואָס האָט זיי צונויפגעבראַכט, און וואָס זי האָט אים אַזוי וואַרים אויפגענומען.

בײַם טיש האָט קלאַרע אַלץ געטראַכט פון דוד׳ס קראַנק־זײַן. זי ווייסט: ער האָט נישט דאָ קיין אייגענע; ער איז עלנט. ער מוז זיך שטאַרק נייטיקן אין אַ פרײַנט. איז גוט וואָס זי וועט אים געבן איר פרײַנטשאַפט. אפשר וועט דאָס זײַן אַ היילונג פאַר זײַן געזונט.

נאָכן עסן זײַנען זיי געגאַנגען שפּאַצירן. אַ מחנה פייגל איז מיט אַ פריילעך סוויטשערײַ פאַרבײַגעפלויגן. די ביימער האָבן שטיל גערוישט. דער דרויסן האָט מיט פײַכטקייט געאָטעמט.

זײַן ערשטע פראַגע צו איר איז געווען: — האָט איר עפּעס געמאָלן שיינע בילדער דורך די יאָרן?

— זייער ווייניק. יאַסל׳ס קראַנקהײַט און שפּעטער זײַן אַוועקגיין אין דער אייביקייט האָבן בײַ מיר אַוועקגענומען דעם מוט. די הענט האָבן זיך נישט געלייגט צו מאָלן.

— אַ שאָד! איר האָט טאַלאַנט און איר פֿאַרנאַכלעסיקט אים.

מיטאַמאָל האָט דער הימל זיך פֿאַרוואָלקנט. אַ געדיכטער נעפּל האָט אָנגעפּילט דעם אַרום. ס'האָט אָנגעהויבן שפּריצן אַ דין רעגנדל. קיין שאָרך פֿון קיין פֿויגל האָט מען נישט געהערט.

דוד האָט דעם רעגן נישט געפֿילט. ער האָט אינמיטן גיין זיך אָפּגעשטעלט. זי אויסגעדרייט מיטן פּנים צו זיך, אַ ווײַל געקוקט איר אין די אויגן אַרײַן און געזאָגט: — איר האָט זיך גאָרנישט געביטן. נישט פֿאַרעלטערט געוואָרן. די זעלבע דינע פֿיגור. קיין קנייטשעלע אויפֿן פּנים. קיין גרויע האָר. די זעלבע קלאַרע! מיר דאַכט זיך, איר זענט נאָך שענער געוואָרן. די אויגן פֿינקלען נאָך בײַ אײַך מיט יוגנטלעכן גלאַנץ.

זי האָט צופֿרידן געשמייכלט, אַ שאַר־געטאָן אירע האָר בײַ דער זײַט און געזאָגט: — איר זעט, איך האָב שוין גענוג גרויע האָר.

ער האָט צאַרט אַ שאַר געטאָן אירע האָר אין דער אַנדער זײַט און געזאָגט:

— אַז מען דאַרף זיי זוכן, הייסט עס, איר זענט נישט גרוי. זעט: איך בין שוין אינגאַנצן גרוי, כמעט ווײַס.

אַ ווײַלע זײַנען זיי געגאַנגען שווײַגנדיק. דוד האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט און געזאָגט: — דו ווייסט, קלאַרע, איך האָב דיך שוין לאַנג געזוכט. איך האָב נישט געוואוסט, וואו דיך צו געפֿינען. ביזטו אַליין געקומען, ווי פֿון הימל צוגעשיקט. איך וויל דו זאָלסט וויסן, אַז איך האָב דיך ליב געהאַט נאָך ווען איך פֿלעג צו דיר קומען, אין די „גרינע יאָרן". איך האָב קיינמאָל נישט אויפֿגעהערט בענקען נאָך דיר.

פֿון די רייד איז קלאַרען באַפֿאַלן אַן אומרו. זי האָט אַזש אַ ציטער געטאָן. „ס'איז שלעכט" — האָט זי געטראַכט — „איך האָב דאָך נישט אינזינען צו ווערן זײַן פֿרוי. לויט ווי ער רעדט, איז ער שוין גרייט מיט מיר חתונה־האָבן. איך האָב נישט געדאַרפֿט אים ווײַזן מײַן פֿרײַנטשאַפֿט; נישט געדאַרפֿט אים אַזוי וואַרים באַגריסן בײַם באַגעגענען. איך האָב דאָס געטאָן צוליב אים, ער זאָל פֿילן גוט, און דאָס קאָן גאָר אפשר פֿירן צו זײַן אַנטוישונג. זאָל איך אים זאָגן, איך

האַלט נישט דערבײַ מיט אים זיך צו פֿאַרבינדן? קאָן דאָס אפשר ווירקן שלעכט אויף זײַן געזונט. ער קאָן חלילה אויף דאָס נײַ קראַנק ווערן". זי איז צעטומלט; זי גיט ראַפּטאָם אַ זאָג:

— עס הויבט־אָן שטאַרקער צו רעגענען. מיר װעלן אַרײַנגיין אין „לאָבי".

— איך האָב פֿײַנט זיצן אין לאָבי. מיר װעלן בעסער זיך זעצן אויפֿן גאַניק.

אויפֿן גאַניק איז קיינער נישט געווען. אַלע פֿון האָטעל האָבן געשפּילט „בינגאָ". ער האָט זיך געזעצט נאָענט לעבן איר; צוגעלייגט זײַן פּנים צו אירן. זי האָט געפֿילט זײַן אָטעם אויף איר באַק. ס'האָט זיך איר געדאַכט, זי הערט דאָס קלאַפּן פֿון זײַן האַרץ. אויך איר האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט. אין דעם מאָמענט האָט זי אים מקנא געווען, וואָס ער פֿילט דעם וואונדערלעכן געניוס פֿון זײַן פֿאַרליבט. זי האָט נישט געהאַט דאָס גליק צו פֿילן דעם טעם פֿון זײַן שטאַרק פֿאַרליבט. זי האָט יאָסלען נישט פֿײַנט געהאַט, אָבער זי איז נישט געווען אין אים מיט אַזאַ ברען פֿאַרליבט, ווי דוד ווײַזט אַרויס צו איר. זי געדענקט: נאָך ווען ער פֿלעגט קומען צו איר אין הויז האָט זי געפֿילט, אַז ער איז אין איר פֿאַרליבט.

נישט איין מאָל טראַכט זי: ווען עס קומט איר אפֿילו איצט אונטער אין אירע זעכציקער יאָרן אַ מאַן, וואָס זאָל מאַכן אויף איר אַ גוטן אײַנדרוק, וואָלט זי נאָך איצט געקאָנט זיך פֿאַרליבן. דוד'ס צערטלעכקייט וועקט אירע פּרוויאישע געפֿילן, אָבער זי איז נישט פֿאַרליבט אין אים. זי וואונדערט זיך אַליין, וואָס בײַ די יאָרן האָט זי נאָך דעם רייץ פֿאַר אַ מאַן און זי האָט נאָך דעם באַגער פֿאַר אַ מענלעכער באַרירונג — צו וועלן ליבן און זײַן געליבט.

אַלע געסט פֿון האָטעל זײַנען שוין אַוועק אין זייערע צימערן שלאָפֿן. זי גיט אַ קוק אויף איר האַנט־זייגערל, גיט זיך האַסטיק אַ הויב־אויף פֿון שטול און זאָגט:

— שוין באַלד איינס אַזייגער. צײַט צו גיין שלאָפֿן.

ער האַלט איר האַנט, קוקט אויף איר ליבלעך און רירט זיך נישט פֿון אָרט.

— זײַ נאָך אַ ווײַל, — האָט ער זיך בײַ איר געבעטן. זי האָט אַרויסגעריסן איר האַנט פֿון זײַנע הענט, ווי זי וואָלט זיך פֿלוצלונג פֿאַר עפּעס דערשראָקן און געזאָגט: — אַ גוטע נאַכט! איך גיי שלאָפֿן.

ער האָט פּאַמעלעך זיך אויפֿגעשטעלט, גענומען זי אונטערן אָרעם, צוגעפֿירט זי צו איר צימער. זי האָט שטיל געעפֿנט די טיר, נישט אויפֿצוּוועקן איר מיט־שלאָפֿערין און זיך געלייגט. ס׳האָט זי נישט גענומען קיין שלאָף. אין איר געדאַנק זײַנען אויפֿגעשוואומען יענע יאָרן, ווען דוד פֿלעגט צו איר אַרײַנקומען. זי האָט דאָך נישט אײַנזינען צו פֿאַרבינדן זיך מיט אים. ער האָט זיך תּמיד געהאַלטן אָנשטענדיק, וויסנדיק, אַז זי וועט זיך מיט יאָסלען נישט צעשיידן. ער איז איר געוועזן אָנגענעם און אינטערעסאַנט בלויז ווי אַ גוטער פֿרײַנט. איצט ווייסט זי נישט, ווי אַזוי זי זאָל זיך פֿירן מיט אים. זי האָט דאָך נישט אײַנזינען צו פֿאַרבינדן זיך מיט אים. ווידער, זאָגן אים דאָס אָפֿן, ער זאָל זיך נישט אײַנרעדן, אַז זי וועט זײַן זײַן פֿרוי, האָט זי מורא. ער איז דאָך אַן אָנגעגריפֿענער מענטש. פֿון אַזאַ זאָג קאָן ער חלילה אויף דאָס נײַ קראַנק ווערן. דאָס טאָר זי נישט טאָן.

פֿאַרשיידענע געדאַנקען זײַנען איר געקראָכן אין קאָפּ, זיך געפּלאָנטערט איינער אין אַנדערן, געעקבויערט איר מוח. די בעסטע זאַך וואָלט געווען, ווען זי קאָן אָפּשוואַכן זײַנע געפֿילן צו איר. אָבער זי ווייסט נישט, ווי אַזוי זי זאָל דאָס טאָן.

אויף מאָרגן נאָכן פֿרישטיק גייען זיי ווידער שפּאַצירן. דער דרויסן האָט געאָטעמט מיט פֿײַכטקייט נאָכן בײַנאַכטיקן רעגן. פֿון בלוי־ריינעם הימל האָט די זון פֿריילעך געשפּרייט אירע וואַרימע שטראַלן. אַ שטיל ווינטל האָט געגלעט, געוויגט די שפּיצן ביימער. די קוסטעס און גראָזן, נאָך מיט טוי באַדעקטע, האָבן אונטערן בליאַסק פֿון דער זון מיט גינגאָלד געפֿינקלט.

אַ שטיק וועג זײַנען זיי געגאַנגען שווײַגנדיק. דוד האָט איבער־געריסן דאָס שווײַגן:

— די נאַכט האָב איך פון פיר אַזייגער פאַרטאָג נישט געקאָנט שלאָפן. אַז ס׳האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, בין איך געגאַנגען שפּאַצירן. דאָס ערשטע מאָל האָב איך אין דער דרויסנדיקער בלויקייט געזען, ווי אַזוי עס קומט־אויף אַ נײַ־געבוירענער טאָג. איבערן שפּיץ באַרג האָט דער הימל זיך פלאַמיק אָנגעצונדן. דער פלאַם האָט זיך אויס־געצויגן לענג־אויס, דערנאָך זיך אַרויפגעהויבן, אָנגעצונדן אַ שטיק האָריזאָנט. ווי פון אונטער דער ערד איז די זון אַרויסגעקראָכן. אין דעם פלאַם־פײַער איז זי געבוירן געוואָרן, פּאַמעלעך זיך גערוקט אויפן בלאָס־בלויען הימל. די שטראַלן, ווי גאָלד־בלישטשענדע בענדער איבער דער ערד געשפּרייט. אונטערן בליאַסק פון דער זון האָט דער גאַנצער אַרום אויסגעזען ווי אַלץ וואָלט אין גאָלד זיך געבאָדן, געפרייט זיך מיטן נײַ־געבוירענעם ליכטיקן טאָג. איך האָב געפילט ווי אַרײַנצונעמען די זון־שטראַלן אין מײַן האַרצן, זיך קוויקן מיט דער ליבער וואַרימקייט, מיטן לויטערן הימל־בלוי, מיטן נײַ־אויפגעקומענעם פרימאָרגן. די שפּעטע זומער־בלומען האָבן פון נאַכטיקן דרימל אויפגעוואַכט און געשפּרייט אַ זיסן און אָנגענעמען ריח. ווען דו זעסט אַזאַ פרימאָרגן, וואָלסטו ווידער זיך אַ נעם געטאָן צום מאָלן.

— איר שילדערט די נאַטור, ווי אַן אמתער פּאָעט, — האָט זי געזאָגט.

— איך ווייס נישט, ווי ווײַט איך בין אַ פּאָעט, אָבער לידער שרײַב איך. איך האָב שוין אפילו עטלעכע אָפּגעדרוקטע לידער — האָט ער באַשיידן, מיט אײַנגעהאַלטענעם שטאָלץ, געזאָגט.

— דאָס פרייט מיר צו הערן — האָט זי איבערראַשט זיך אָנגע־רופן. ער נעמט אַרויס פון בוזים־קעשענע אַ פּעקל נישט־געדרוקטע לידער און גיט איר צו לייענען.

דאָ פאַלט איר אײַן מיטאַמאָל צו זאָגן:

— ס׳טוט מיר לײַד, מײַנע אויגן זײַנען מיר קאַליע געוואָרן, איז מיר שווער צו לייענען.

זי איז געווען צופרידן מיטן אַרויסגעזאָגטן געדאַנק, אַז דאָס וועט אפשר אים דערווײַטערן פון איר.

ער שטעלט זיך אָפּ און זאָגט:

— אַ שאָד, אַזעלכע שיינע אויגן זאָלן קאַליע ווערן. מײַן טײַערע, איך וועל זײַן דײַנע אויגן! איך וועל פאַר דיר לייענען, וואָס דו וועסט נאָר וועלן.

ער האָט מיט געפיל אָנגעהויבן לייענען זײַנע לידער. בײַ יעדן פערז געקוקט איר אין פּנים צו זען, וואָס פאַר אַ אײַנדרוק עס מאַכט אויף איר. ער זעט: איר פּנים איז געוואָרן ערנסט, זי הערט מיט אינטערעס. לייענט ער איין ליד נאָכן אַנדערן: לידער פון אַנטוישונג, פון צער, פון איינזאַמקייט און פון אויסגעלאָשענער האָפענונג.

זי איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן. נישט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסזאָגן. זי האָט נישט געוואוסט, פאַרוואָס. צי די לידער האָבן אויף איר אַזוי שטאַרק געווירקט, צי זי האָט פּלוצלונג געקראָגן אויף אים גרויס רחמנות; צי ווײַל זי זעט, אַז דער ליגן, וואָס זי האָט אים געזאָגט וועגן אירע אויגן, האָט אויף אים קיין ווירקונג נישט; צי עס האָט אַן אומבאַשטימטער געפיל זי באַהערשט?

ער האָט געזען, ווי אַזוי זי האָט אויפגענומען זײַנע לידער. זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט פריידיקע טרערן. צו זײַן גליק איז קיין גלײַכן נישט געווען.

זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעך, שווײַגנדיק. מיטאַמאָל האָט אַן אומרואיקער געפיל זי באַפאַלן. ס׳איז איר אײַנ־געפאַלן: ס׳איז שלעכט, אַנשטאָט ער זאָל זיך דערווײַטערן, ווערט ער גאָר נענטער, מער צוגעבונדן צו איר, פּונקט דאָס פאַרקערטע וואָס זי וויל. זי איז אין אַ פאַרלעגנהייט. זי וויל אים שטאַרקן, דערהויבן זײַן געמיט, און אין דער זעלבער צײַט דערווײַטערן אים פון זיך.

עס שטויסן זיך צונויף אירע געדאַנקען מיט די געפילן. זי קאָן זיך קיין עצה נישט געבן. זיי גייען שווײַגנדיק, זי טראַכט:

— איך טאָר נישט אַרויסווײַזן אים וועלכן ס׳איז וואַרימען געפּיל. דאָס וועט אים נאָך שטאַרקער צובינדן צו מיר. באַלד זאָגט איר אונטער אַן אַנדער געדאַנק: ער נייטיקט זיך אָבער שטאַרק אין פרײַנטשאַפט. ער איז דאָך אַ שרעקלעך־געליטענער, אַ קרבן פון דער וויסטער היטלער־מלחמה, ער דאַרף אַ טרייסט. איך מוז אים אַרויס־ווײַזן אַ פרײַנטשאַפט, עס זאָל אים געבן מוט צו לעבן.

די וואַקאַציע גייט איר שוין נישט אײַן. זי טראַכט אַלץ ווי אַזוי אָפּצושוואַכן זײַנע געפילן צו איר; ער זאָל נישט דאַרפן לײַדן. זי פּרוּווט איבעררײַסן דאָס שטילשווײַגן. גיט זי מיטאַמאָל אַ זאָג:

— איר זעט, דער הימל איז שוין נישט דערזעלבער וואָס פריער. איך האָב מורא, עס וועט נאָך הײַנט רעגענען.

ער רופט זיך אָן: — איך בעט דיך, זאָלסט מיך מער נישט אירצן. דו מעגסט מיר שוין זאָגן „דו”.

— איך האָב דאָך אַלעמאָל אײַך געאירצט; וואָס עפּעס פּלוצלונג איבערגיין אויף דו? — מאַכט זי זיך נאַאיוו, אַז זי פאַרשטייט נישט זײַן מיין.

— פאַרגעס פון אַ מאָל. אַ מאָל האָסטו געהאַט אַ מאַן, און איך האָב געהאַט אַ פרוי. איצט זײַנען מיר ביידע פרײַע מענטשן. מער ווי בלויז פרײַנט. דו ווייסט זײַן מײַן ווײַב.

בײַ די ווערטער גיט ער איר אַ צאַרטן גלעט איבערן קאָפּ.

עס גיט איר אַ שלאָג אַ געדאַנק:

— איך בין שלעכט אַרײַנגעפאַלן. ווי אַזוי זאָל איך אים זאָגן, אַז איך האָב נישט אינזינען מיט אים זיך צו פאַרבינדן; אַז איך גיב אים מײַן אויפמערקזאַמקייט בלויז כדי אים צו שטאַרקן? אָבער דאָס טאָר איך נישט. איך טאָר דאָס אים נישט זאָגן. ער טאָר נישט וויסן, אַז איך האָב אויף אים רחמנות. זאָגן אים אָפן, איך האָב נישט בדעה מיט אים חתונה צו האָבן, איז אויך שלעכט, ער קאָן נאָך אויפדאָסנײַ צוזאַמענ־ברעכן. מײַן געוויסן וועט מיך פּלאָגן. איך וועל זיך נישט מוחל זײַן.

אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט האָט זי זיך דערטראַכט: — איך וועל אים זאָגן, אַז איך לײַד פון אַ סך קראַנקהייטן. דאָס וועט אים זיכער

אָפּהאַלטן פון וועלן זיך פֿאַרבינדן מיט מיר. צו וואָס טויג אים אַ קראַנקע ווײַב?

אויף מאָרגן שפּאַצירן זיי אויפֿן וועג, זאָגט זי:

— איך לײַד אויף די פֿיס, איך קאָן נישט קיין סך גיין, די פֿיס ווערן מיר געשוואָלן.

— ס'טוט מיר לײַד, קום שוין צוריק אין האָטעל, וועלן מיר זיך אַוועקזעצן. זאָרג נישט, מײַן טײַערע, איך וועל זײַן דײַנע פֿיס, איך וועל גיין אַלע וועגן פֿאַר דיר.

אויפֿן פֿינפֿטן טאָג פֿון איר זײַן אין די בערג, זאָגט זי אים: — איך מוז שוין אַהיימפֿאָרן. די נאַכט האָב איך נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. איך האָב אַ קראַנק האַרץ. איך מוז פֿאָרן זען דעם דאָקטאָר.

— זאָלסט זיך נאָר נישט זאָרגן. מענטשן לעבן מיט קראַנקע הערצער. איך וועל מיט מײַן ליבשאַפֿט היילן דײַן האַרץ. דו וועסט זײַן געזונט, דו מוזסט זײַן געזונט! — האָט ער צאַרט צו איר גערעדט און געטרייסט זי.

זי ווערט פֿאַרצווייפֿלט. קיין שום קראַנקהייט האַלט אים נישט אָפּ פֿון איר. אויף מאָרגן זײַנען זיי אַוועקגעפֿאָרן פֿון די בערג. זי האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט, זי וועט פּרובירן עטלעכע וואָכן נישט זען אים — אפֿשר וועט ער דערפֿילן, אַז זי איז נישט פֿאַראינטערעסירט צו ווערן זײַן פֿרוי, און ער וועט אַליין זיך דערווײַטערן.

זי האָט נישט אויפֿגעהערט טראַכטן וועגן אים. דוד האָט זי אויף טריט־און־שריט פֿאַרפֿאָלגט. זי האָט געטראַכט: צי טוט זי גוט, וואָס זי וויל אים דערווײַטערן? נישט יעדע פֿרוי האָט דאָך דאָס מזל צו זײַן אַזוי שטאַרק געליבט, ווי זי. אַנדערע וואָלטן זיך געפֿילט גליקלעך צו זײַן אַזוי געליבט. זי וויל פֿאַרשטויסן אַ מענטש, וואָס שטויסט זי צו שעפֿערישקייט. ער רעספּעקטירט זי; זעט אין איר שיינקייט. ווי מעג זי אים אַוועקשטויסן? וויפֿיל פּאָרפֿאָלק זײַנען דאָס שטאַרק פֿאַרליבט איינער אין אַנדערן? און דאָך לעבן זיי צופֿרידן. אַזעלכע געדאַנקען האָבן זי געמאַטערט.

דוד האָט אַלע טאָג צו איר געקלונגען אין טעלעפֿאָן, זיך נאָכ־

געפּרעגט אויף איר געזונט. זי האָט אַלץ אָנגעגעבן פֿאַרשידענע תּירוצים, פֿאַרוואָס זי קאָן אים נישט זען.

מיטאַמאָל פֿאַלט איר אײַן: זי וועט אים זאָגן, אַז דער דאָקטאָר הייסט איר אַוועקפֿאָרן אין אַ וואַרימען קלימאַט; אַז ער זאָגט, די קעלטן זײַנען שעדלעך פֿאַר איר... עס פֿאַרדריסט זי, וואָס זי מוז זאָגן ליגן, אויסטראַכטן קראַנקהייטן. אין דער זעלבער צײַט אַרט איר, וואָס זי גייט זיך דערווײַטערן פֿון אים — פֿון אַ מענטש, וואָס האָט זי אַזוי שטאַרק ליב. פֿון איר דערווײַטערונג וועט ער לײַדן, בענקען נאָך איר מיט אַ בענקשאַפֿט, וואָס קאָן פֿירן צו קראַנק ווערן. אָבער דער געדאַנק איז איר געפֿעלן, און זי האָט אים נישט געוואָלט אויפֿגעבן. זי וועט זען, ווי אַזוי ער וועט אויף דעם רעאַגירן.

זי האָט אים געלאָזט וויסן, אַז אין צוויי טעג אַרום פֿאָרט זי אַוועק. ער קומט זיך געזעגענען מיט איר.

זי דערזעט, אַז זײַן פּנים איז שטאַרק אָפּגעצערט, פֿאַר׳חשוכ׳ט. שוואַרצע רינגען האָבן זיך פֿאַרצויגן אַרום זײַנע אויגן, ס׳איז איר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן, וואָס פֿון אים איז געוואָרן אין דער קורצער צײַט, וואָס זיי האָבן זיך נישט געזען.

נאָך זײַן אַוועקגיין, האָט זי אַ גאַנצע נאַכט ניט געקאָנט אײַנשלאָפֿן. אַן אַנדער געפֿיל האָט זי באַהערשט: זי האָט זיך פֿאַרגעוואָרפֿן: — פֿאַרוואָס נאַר איך אים מיט מײַנע קראַנקהייטן, פֿאַרוואָס וויל איך אים אָפּשטויסן? איך האָב צו אים אַ גוטן געפֿיל, איך האָב אים ליב.

רבקה צוקער, דער שיינער מענטש

איך וויל פאַרצייכענען דאָ בלויז עטלעכע זכרונות פון אַ מענטשן וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף מײַן לעבן. כאָטש אונדזערע לעבנס האָבן זיך איבערגעקרײַצט אין משך פון אַ סך יאָרן שפּעטער. וויל איך דאָ פאַרשרײַבן אונדזערע סאַמע ערשטע באַגעגעניש, פאַקטיש — פון מײַנע קינדער־יאָרן. איך האָף, אַז איך וועל האָבן די מעגלעכקייט פאַרצוזעצן מײַנע זכרונות גאָר אין גיכן.

זאָלן די איצטיקע שורות זײַן ווי אַן אָנדענק־ליכט צו אַ שיינעם, איידעלן מענטשן.

*

איך האָב געהאַט די זכיה זי צו האָבן פאַר מײַן פרײַנדין. אירע מענטשלעכע טאַטן זײַנען אײַנגעקריצט אין מײַן האַרץ און אין מײַן זכרון, און זיי מאָנען בײַ מיר איך זאָל זיי כאָטש טיילווײַז פאַר־צייכענען צו איר 25סטן יאָרצײַט.

נישט מעגלעך איבערצוגעבן אַלץ וואָס זי האָט געטאָן סײַ פאַר מיר, סײַ פאַר אַנדערע אָרעמע דערשלאָגענע מענטשן, פאַרלאָזענע קינדער אויף וועמען קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט, און מיט וועמען קיינער האָט זיך נישט אינטערעסירט.

*

רבקה צוקער איז געווען אַ טאָכטער פון רײַכע עלטערן. איר פאָטער שמואל צוקער איז געווען אַ מיטלוואוקסיקער, דאַרער איד, זײַן דין־לענגלעך פּנים מיטן קורצן צוויי־שפּיציק בערדל, אין זײַנע גוטמוטיקע קליינע ברוינע אויגן איז געלעגן אַ רואיקע גוטסקייט. ער איז געווען אַ שיינער אָנגעזעענער איד אין שטעדלעך.

הינטער דער שטאָט האָט ער געהאַט אַ ציגעלניע, די איינציקע

ציגעלניע אין געגנט, ביי אים האָבן געאַרבעט צענדליקער פּויערים, דאָרט האָבן זיך אויך געפּאַשעט זײַנע עטלעכע קי, פערד און שעפּסן.

אין שטאָט האָט ער מיט זײַן ווײַב, מיכליע, און זייערע פּערצן קינדער, זיבן זין און זיבן טעכטער, געוואוינט אין זײַן אייגענעם גרויסן פיר־שטאָקיקן מויער אין אַכט צימערן. אין הויף האָט ער געהאַט אַ קלענערן מויער, וואו מײַן מאַמע האָט געדונגען אַ קליין שטיבל, ווען זי האָט פון דאַרף אַרײַנגעצויגן קיין שעדלעץ. איבער מײַן מאַמעס וואַנט האָבן געוואוינט זײַנע עלטערן.

מיכליע, רבקה׳ס מוטער, איז געווען אַ הויכע, זייער אַ דיקע פּרוי מיט אַ היפּשן, שווערן גוידער אונטער איר ברייט, פּעט פּנים. אין אירע גרויע, קאַלטע אויגן איז געלעגן אַ גלײַכגילטיקייט צו אַלץ און אַלעמען.

רבקה האָט איין מאָל מיר געזאָגט: „איך האָב נישט ליב מײַן מאַמען". — פאַרוואָס? האָב איך געפרעגט. — ווײַל זי לאָזט צו לאַנג שטיין די אָרעמעלײַט בײַ דער טיר, ביז זי גיט זיי די בידנע נדבה".

די מערסטע זייערע קינדער זײַנען געווען זייער אינטערע־סאַנטע טיפּן. יעדערער פון זיי אַ באַזונדערע וועלט פאַר זיך, אָבער פון זיי אַלע האָט באַזונדערס אַרויסגעשײַנט רבקה.

רבקה האָט שטאַרק ליב געהאַט איר באָבע, וואָס האָט געוואוינט איבער דער וואַנט פון מײַן מאַמעס שטיבל.

ווען מען האָט צו זיי אויף שבת צי אויף יום־טוב געבראַכט פאַר־שיידענע טייערע פּרוכטן, אָנגעבאַקן אַלערליי געבעקסן, האָט רבקה קומענדיק פון „שקאָלע" אַרויסגעכאַפּט עפּעס פון די פּרוכטן און קוכנס און געטראָגן צו דער באָבען. גייענדיק צו דער באָבען, האָט זי געמוזט פאַרבײַגיין מײַן מאַמעס טיר און פענצטער.

איך בין דעמאָלט אַלט געווען צוועלף יאָר. זי איז געווען צוויי יאָר עלטער. אין שטאָט האָב איך דערזען קינדער גייען מיט ביכער אין „שקאָלעס" לערנען זיך שרײַבן און לייענען. איך האָב געקראָגן אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו קאָנען כאָטש אַ ביסל לייענען און שרײַבן. מײַן אָרעמע מאַמע, אַן אַלמנה, האָט נישט געקאָנט צאָלן פאַר לעקציעס,

זי האָט געדאַנקט גאָט פאַר אירע מאָגערע פאַרדינסטן פון נייען פויערישע העמדער און קליידער, אַז זי קאָן מיר געבן אַ שטיקל טרוקן ראַזעווע ברויט מיט אַ פּאַסנע קאַרטאָפליע צו עסן.

איין מאָל, ווען רבקה איז געגאַנגען צו איר באַבען, האָב איך זיך אַנגענומען מיט קוראַזש, זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַ בעטנדיקן טאָן געפרעגט:

— אפשר וועט איר זײַן אַזוי גוט פאַר מיר אויסשרײַבן דעם אידישן אַלף־בית.

זי איז גלײַך אַרײַנגעקומען אין אונדזער שטיבל און אויף מײַן אַנגעגרייטן בויגן פּאַפּיר אויסגעשריבן דעם גאַנצן פּוילישן אלף־בית. דעם אידישן האָט זי נישט געדענקט, צי נישט געקאַנט. מיט דעם איז זי אָבער נישט אָפּגעקומען. פון דעמאָלט אָן איז זי אָפט אַרײַנגעקומען זען, ווי אַזוי איך שרײַב איבער, מיר געוויזן ווי אַזוי ריכטיק נאָכצושרײַבן יעדן אות, מיר געהייסן אָנרופן די אותיות, און אַז זי האָט געזען איך געדענק, האָט זי אָנגעקוואָלן.

זי האָט געהערט, אַז מײַן ברודערס חתונה וועט זײַן אין וואַרשע, פרעגט זי מיך, צי איך פאַר אויף דער חתונה.

— ניין, זאָג איך, איך האָב נישט קיין קלייד. איר מאַמע האָט פאַר איר געלאָזט מאַכן אַ נײַ, שיין קלייד אויף יום־טוב, פון ווײַסן באַטיסט מיט גרינע אַרבעסלעך. רבקה האָט שוין דאָס נײַע קלייד דעם גאַנצן יום־טוב נישט אָנגעטאָן, זי זאָל דאָס חלילה נישט פאַרפלעקן. דעם לעצטן אָוונט נאָך יום־טוב, האָט זי אַרויסגעכאַפּט פון שראַנק איר נײַ קלייד, די מאַמע אירע זאָל נישט זען. מיט פרייד געקומען צולויפן צו מיר, אַ זאָג געטאָן: „נאַ, דאַ האָסטו אַ קלייד. וועסט קאָנען פאָרן אויף דײַן ברודער׳ס חתונה”.

*

אין שטאָט איז געווען אַ יונגער מענטש, אַ קאַליקע. זײַן פּנים איז געווען אויסגעדרייט אין אַ זײַט, מיט אַרויסגעסטאַרטשעטע אויגן, אַ האָרב אויף דער פּלייצע און ברוסט. געגאַנגען איז ער מיט צוויי

קוליעס. ער האָט אַליין זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן. קיינער האָט זיך מיט אים נישט אָפּגעגעבן, אפילו זיך נישט אומגעקוקט אויף אים.

רבקה האָט געפונען צײַט פאַר אים. זי האָט שעה'ען מיט אים גערעדט וועגן ביכער, וועגן שרײַבער, געפירט מיט אים פאַרשיידענע דיסקוסיעס, ער זאָל נישט פילן איינזאַם, אַליין. ער זאָל וויסן, אַז עמעצער האָט אין אים אַן אינטערעס.

אין שקאָלע איז זי נישט געווען פון די בעסטע שילערינס. זי האָט נישט געהאַט קיין געדולד לאַנג זיצן איבער די ביכער. פאַר יעדן עקזאַמען האָט מען געמוזט נעמען פאַר איר אַ פּריוואַטן לערער, ער זאָל איר העלפן אַריבערגיין אין אַ העכערן קלאַס.

אויף דער גאַס אַנטקעגן איר הויז האָט געוואוינט אַן אָרעמע פאַמיליע מיט דרײַ קינדער — צוויי קליינע מיידלעך פון פיר און זעקס יאָר און אַ אינגל, אַריבער זיבן יאָר. זייער מאַמע איז געלעגן אַ פּאַראַליזירטע. די דרײַ קינדער האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין דרויסן, ברודיקע, פאַרלײַזיקטע. האָט רבקה, יעדן פרײַטיק, קומענדיק פון שקאָלע, גענומען אַלע דרײַ קינדער צו מײַן עלטסטער, פאַרהײַראַטער שוועסטער, וואָס האָט געוואוינט נישט ווײַט. צו איר מאַמען האָט זי די קינדער נישט געקאָנט אַרײַננעמען — די מאַמע וואָלט זי אַרויסגעוואָרפן מיט די קינדער.

בײַ מײַן שוועסטער האָט זי אָנגעוואַרעמט וואַסער, אויסגעוואַשן זייערע קעפּלעך, אויסגעקעמט די מיידעלעך, פאַרפלאָכטן זייערע צעפּלעך. זי האָט זיי געגעבן שטיקלעך ברויט, אַמאָל שטיקלעך חלה אָנגעשמירט מיט פּאָווידלע, צי באַשיטן מיט צוקער, וואָס זי האָט נאָר געקאָנט אַרויסנעמען פון איר מאַמעס הויז. און אָנגעקוואָלן: די קינדער גייען אַרויס אָפּגעוואַשענע, אויסגעקעמטע, ריינע אויף שבת.

אין צווייטן געסל לעבן זיי האָט אין אַ צעבראָכענעם בוידעםשטיבל געוואוינט אַ צעדרייטע אָרעמע פרוי, וואָס האָט געבוירן אַ צווילינג. אין אַ פראָסטיקן ווינטער טאָג האָט רבקה זי געזען אין

צעריסענע שמאַטעס, האָלטן די צוויי פּיצלעך קינדער בײַ אירע אָפענע דאַרע בריסטן. האָט זי רבקה אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויפן פאַרמאַרעטן צווילינג און געפרעגט: „ווי אַלט זײַנען זיי, די מיידעלעך".

„דאָס איז אַ מיידל מיט אַ אינגל. זיי זײַנען נײַן, צי אפשר שוין צען וואָכן אַלט".

„וואוהין גייט איר מיט זיי אין דעם קעלט?", האָט רבקה ווידער געפרעגט.

„איך גיי אין געוועלבער בעטן, אפשר וועט מען מיר געבן אַ ביסל קאַשע אָדער אַ פּאָר גראָשן צו קויפן אַ שטיקל האָלץ, אָפּצו־קאָכן פאַר זיי עפּעס צו עסן".

פון דעמאָלט אָן האָט רבקה אָנגעהייבן נעמען פון זייער רײַכער שטוב וואָס זי האָט נאָר געקאָנט, די מאַמע זאָל נישט זען. — פאַר־שיידענע שפּײַזן, צוקער, מילך, קאַרטאָפליעס, ברויט, בעבלעך... שבת, ווען די מאַמע מיטן טאַטן זײַנען אַוועק אין שול, האָט זי גע־כאַפּט דעם שליסל פון שפּײַכלער, פון קעלער; געשלעפּט פון דאָרט פאַרשידענע זאַכן צום עסן, אויך קוילן און האָלץ. אַלץ געטראָגן אין דעם צעבראָכענעם בוידעם־שטיבל. אָפט האָט זי אַליין געמאַכט פײַער אין האַלב צעפאַלענעם קוימען; געוואַרעמט וואַסער, געבאָדן דעם צווילינג, געקאָכט פאַר זיי קאַשעס מיט מילך, זיי אָנגע־קאָרמעט, און אַ פריילעכע, צופרידענע, אַראָפּגעלאָפן די צעבראָכענע טרעפּ.

וואָס זי האָט גענומען פון שטוב האָט נאָר געוואוסט דאָס דינסט־מיידל. זי האָט טייל מאָל נאָך צוגעגרייט זאַכן פאַר רבקה'ן צו נעמען.

די מאַדאַם מיכליע צוקער האָט זיך אָפט געוואונדערט: זי האָט באַמערקט עס פעלן זאַכן פון שטוב: וואו איז אַהינגעקומען די מילך? ווער האָט אויסגעטרונקען? דאָס זעלבע מיט אַנדערע שפּײַזן. כאָטש דאָס דינסטמיידל האָט מורא געהאַט די מאַדאַם זאָל זי נישט חושד זײַן אין אַרויסטראָגן זאַכן, דאָך האָט זי נישט אויסגעזאָגט, אַז רבקה נעמט און וואָס זי טוט אין בוידעם שטיבל.

ווען איך האָב יאָרן שפּעטער געלייענט פּרץ'ס „אויב נישט נאָך העכער", האָב איך געטראַכט, אַז רבקה האָט געטאָן עפּעס ענלעכס צו דעם נעמיראָווער רבי'ן.

אין שטוב האָט מען רבקה'ן נישט ליב געהאַט. זיי איז נישט אָנגעשטאַנען וואָס זי גיט זיך אָפּ מיט קאַליקעס, מיט אָרעמע, פאַר־וואָגלטע קינדער. אַפילו וואָס זי האָט זיך מיט מיר אָפּגעגעבן איז זיי נישט געפעלן, אָבער רבקה'ן האָט נישט געאַרט, וואָס מען האָט זי נישט ליב אין הויז, וואָס זיי טראַכטן וועגן איר, וואָרפן איר פאָר, אַז זי גיט זיך אָפּ מיט שלעפּערס. זי האָט סײַ ווי סײַ געטאָן וואָס זי האָט געפילט און געוואָלט טאָן.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די דײַטשן האָבן אָקופּירט שעדלעץ, האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבעדיק געזעלשאַפטלעכער לעבן אין שטאָט. עס האָבן זיך געעפנט לאָקאַלן פון ציוניסטן, מזרחי'סטן, בונדיסטן און פּועלי־ציון. צווישן דער יוגנט האָט זיך אָנגעהייבן אַ ברויזנדיקע אַקטיוויטעט. רבקה איז פון אָנהייב געלאָפן אומעטום הערן לעקציעס, רעדעס, דיסקוסיעס. שפּעטער האָט זי זיך אָפּגע־שטעלט בײַ די אַרבעטער־פּאַרטייען. געגאַנגען צום „בונד" און נאָך אַפּטער אין דער אַרבעטער־היים פון די פּועלי־ציון.

איך בין אַוועק אַרבעטן, טאָן הויזאַרבעט, כדי צו פאַרדינען און זיך קאָנען לערנען.

אָבער אַרבעטנדיק אין דער פרעמד, האָב איך נישט געהאַט קיין סך צײַט זיך אָפּצוגעבן מיטן לערנען. ווען איך האָב זיך אַנידער־געזעצט טאָן מײַן היימאַרבעט, אַרײַנקוקן אין ביכל, האָט די באַלע־באָסטע מיר געגעבן אַרבעט, אַלע מאָל האָט זי געפונען עפּעס פאַר מיר צו טאָן. זי איז נישט געווען געוואוינט, אַז אַ דינסטמיידל זאָל זיך לערנען, זײַן פאַרנומען מיט לייענען און שרײַבן.

נאָך דרײַ יאָר אַרבעטן בײַ יענעם, האָב איך זיך נישט פאַרגונען אויסצוגעבן אַ גראָשן, אפילו נישט אויף צו קויפן זיך אַ פּאָר שיך. איך בין געגאַנגען אָנגעטאָן מיט וואָס מען האָט מיר געשענקט פון די רײַכע קינדער, געשפּאָרט יעדן גראָשן. ווען איך האָב אָנגעקליבן אַ

ביסל געלט, האָב איך פאַרלאָזט די אַרבעט וואו איך האָב געהאַט גוט עסן, און בין געקומען צו מײַן מאַמען, וואָס האָט מיר געקאָנט געבן קוים אַ שטיקל טרוקן ראַזעווע ברויט מיט פּאָסנע קאַרטאָפּליע צו עסן, אַבי איך זאָל קאָנען זיך מער אָפּגעבן מיטן לערנען.

איך האָב געטראַכט, אַז ווען מײַן אָפּגעשפּאָרט געלט וועט זיך אויסלאָזן, וועל איך ווידער גיין אַרבעטן.

איך האָב געהערט פון איינער, וואָס האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גוטער לערערקע, בין איך צו איר געגאַנגען זי זאָל מיך לערנען. וויפל זי האָט מיך געהייסן לייענען און שרײַבן, האָב איך צוויי מאָל — און אַמאָל דרײַ מאָל — אַזוי פיל געטאָן. געוואָלט אַלץ מער און מער אַרײַנכאַפּן. איך בין צוגעפאַלן צו דער אַרבעט ווי אַ הונגעריקע צו אַ גוטן טײַערן מאכל.

מײַן לערערקע האָט געזען, אַז איך קאָן פאַרנעמען מער ווי בלויז איבערשרײַבן אַ צוויי בלעטלעך, וואָס זי דיקטירט מיר און אַ ביסל לייענען, האָט זי מיר געזאָגט: „קריג ערגעץ אַן אַלגעמיינע און אַ פּוילישע געשיכטע, אויך אַ געאָגראַפיע און אַן אַריטמעטיק־ביכל, וועסטו קאָנען לערנען מער ווי איך קאָן דיר איצט געבן, וועסטו קאָנען גיין אַ סך ווײַטער.

אויסגעבן געלט אויף קויפן ביכער האָב איך נישט געקאָנט, בין איך אַוועק צו מײַן גוט באַקאַנטער רבקה צוקער, אפשר וועט זי מיר לײַען די ביכער,

ווען איך האָב מיט אַ געפּאַלענעם, בעטנדיקן טאָן בײַ איר געבעטן די ביכער, האָט זי ברייט צעעפנט אירע גרויסע גוטמוטיקע ברוינע אויגן, לאַנג מיט אַ פאַרוואונדערטן בליק מיך אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט מיך צום ערשטן מאָל געזען, מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, געקוקט אויף מײַנע נישט צוגעפּאַסטע קליידער, אויף די געלאַטעטע שיך. נאָך אַ לאַנגן שווײַגן, נישט אַראָפּנעמענדיק פון מיר אירע בליקן, האָט זי פּאַמעלעך געפרעגט:

— פאַר וועמען דאַרפסטו די ביכער?

— פאַר מיר. מײַן לערערקע זאָגט, זי וויל מיך לערנען פון די

ביכער, אָבער איך האָב נישט קיין געלט צו קויפן. בין איך געקומען דיך בעטן, אפשר קאָנסטו זיי מיר לײַען. איך וועל זיי אָפּהיטן, האַלטן ריין און דיר צוריק אָוועקגעבן.

רבקה האָט נאָך אַלץ מיך שטיל אָנגעקוקט, דערנאָך געזאָגט:

— איך וועל זען קריגן די ביכער פאַר דיר.

איך בין פון איר אַוועק מיט אַ מאָדנער דערלײַכטערונג.

אין דרײַ טעג אַרום, רבקה גיט האַסטיק אַ פּראַל אויף די טיר פון מײַן מאַמעס קליינעם שטיבל און שטעלט זיך אַרײַן מיט נאָך דרײַ גימנאַזיסטקעס, מיט אַ פּאַק ביכער מער ווי איך האָב געבעטן. רבקה האָט האַסטיק אַוועקגעלייגט דעם פּאַק ביכער אויפן טיש, אַ פריידיקע, מיט אַ צעפלאַמטן פּנים, אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— זאָג אָפּ דײַן לערערקע! מיר אַלע וועלן דיך לערנען אָן געלט.

כאָטש זי האָט די ווערטער געזאָגט אויך מיט ברען, איז אין איר טאָן געלעגן אָן אַ שיעור ליבלעכע ווייכקייט.

פון דער גרויסער פריידיקער איבעררמאַשונג האָבן טרערן גענומען רינען איבער מײַנע באַקן. אַ פאַרשטומטע בין איך געשטאַנען, געקוקט אויף די גימנאַזיסטקעס, געקוקט אויף דעם פּאַק ביכער, נישט געקאָנט אַרויסזאָגן קיין וואָרט, אפילו נישט קיין דאַנק צו רבקה׳ן.

דאָס איז געווען דער גליקלעכסטער טאָג אין מײַן לעבן.

מײַן מאַמע האָט אָפּגעשטעלט דאָס נייען אויף דער מאַשין. זי האָט שווײַגנדיק געקוקט אויף די מיידלעך, נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן. זי האָט נאָר געפילט, אַז עפּעס האָט אַ שײַן געטאָן אין איר שווערן לעבן.

רבקה האָט נישט לאַנג געלאָזט אָנהאַלטן די שטילקייט. זי האָט באַלד מיט איר ברען צו מיר געזאָגט: „מלכה וועט דיך לערנען אַריט־מעטיק, פּאַליע אַלגעמיינע און פּוילישע געשיכטע, רוזשקע — געאָ־גראַפיע, און איך — פּוילישע גראַמאַטיק. אויף דײַטש וועסטו האָבן אַ לערער, מײַנעם אַ באַקאַנטן״.

רבקה האָט געטראָגן דעם גאַנצן עול פון מײַן לערנען. זי האָט

איבערגעקוקט, קאָנטראָלירט יעדן געגנשטאַנד פון אַלע לערער באַזונדער. ווען זי האָט אויסגעפונען, אַז דער לערער פון דײַטש באַציט זיך נישט ערנסט צו מײַן לערנען, האָט נישט לאַנג גענומען, און זי האָט באַלד געפונען אַ בחור, וואָס קאָן גוט דײַטש און קאָן נישט קיין פויליש. האָט זי זיך אונטערגענומען אים לערנען פויליש און ער זאָל מיך לערנען דײַטש. איך האָב מײַן גאַנצע פרײַע צײַט אָוועקגעגעבן צום לערנען. פון באַגינען ביז שפּעט בײַנאַכט. מיט לײַב־און־לעבן בין איך געווען אַרײַנגעטאָן אין די ביכער. שטודירט, געלייענט פיל מאָל, יעדע שורה זאָל זיך אײַנקריצן אין מײַן זכרון. יעדן גרײַז אומגעציילטע מאָל איבערגעשריבן, כדי מער דעם זעלבן גרײַז קיין מאָל נישט מאַכן. אַלץ געוואָלט אַרײַננעמען אין קאָפּ אויף נישט צו פאַרגעסן. און די לערערקעס זײַנען געווען צופרידן מיט מײַן אַרבעט.

אַז רבקה האָט מיך געהייסן שרײַבן איין קאָמפּאָזיציע, האָב איך אַלע מאָל אָנגעשריבן צוויי, אַ מאָל אפילו דרײַ, קאָמפּאָזיציעס, צוגעגרייט פאַר איר איבערצוקוקן.

אין הייסע זומערטעג פלעגט רבקה מיך אָפּט אַוועקרײַסן פון די ביכער, איך זאָל זיך אָפּרוען פון דער אַרבעט. מיך נעמען אונטערן אָרעם גיין אין גאָרטן אָטעמען אַביסל פרישע לופט און פאַרגעסן די אָנגעשטרענגטע אַרבעט פון כסדרדיקן לערנען.

אין גאָרטן האָט זי פאַר מיר געלייענט מעשהלעך, פּאָעמעס, דערציילט אַנעקדאָטן, וואָס זײַנען ביז הײַנט פאַרבליבן אין מײַן זכרון.

איך בין נישט פעאיק איבערצוגעבן רבקה׳ס באַציאונג צו מיר, וואָס זי האָט אַרײַנגעטראָגן אין מײַן אָרעם, שווערן לעבן.

נאָך קנאַפּע צוויי יאָר פון לערנען, איז רבקה׳ן אײַנגעפאַלן, אַז זי מיט די אַנדערע גימנאַזיסטקעס וועלן קאָנען מיך צוגרייטן אין גיכן באַלייגן עקזאַמען פאַרן פינפטן קלאַס גימנאַזיע. זי איז נאָר נישט געווען זיכער, צי זי איז גענוג גוט אויפן פוילישן געגנשטאַנד מיך צוצוגרייטן, איך זאָל אויסהאַלטן דעם עקזאַמען. האָט זי זיך דורכ־

גערעדט מיט די אַנדערע מיידלעך, מען זאָל צונעמען אַ גוטע פּוילישע לערערין מיך צוצוגרייטן צום עקזאַמען, און אַז יעדע פֿון זיי זאָל געבן צוויי רובל אַ חודש די קומענדיקע זעקס חדשים צו באַצאָלן דער פּוילישער לערערקע.

מיר האָט מען איינגערעדט, אַז די פּוילישע לערערקע נעמט נישט קיין געלט. רבקה האָט מורא געהאַט, אַז איך וועל נישט באַשטיין: נישט גענוג וואָס זיי לערנען מיך אומזיסט, זאָלן זיי נאָך פּאַר מיר צאָלן אַזויפֿיל געלט. איך וואָלט גראָד יאָ באַשטאַנען. מײַן רײַסן זיך צום לערנען איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך וואָלט גענומען. איך בין דאָ נישט אויסן צו דערציילן וועגן זיך, איך וויל נאָר אַרויסברענגען רבקה'ן, וואָס פּאַר אַ מענטש זי איז געווען. איר גרויסע פֿרייד, ווען זי האָט זיך דערוואוסט אַז איך האָב אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען איז נישט איבערצוגעבן.

[איך וועל זיך נאָך צוריקקערן צו רבקה'ן].

אַ דערהויבנקייט

דאָבע סיגאַל האָט פון קינדווייז־אָן געפילט, אַז זי איז אַן אומגליקלעכע, „אַן איבעריק באַשעפעניש" אויף דער וועלט.

פון אַכט קינדער, פיר שוועסטער און דריי ברידער, איז זי געווען די יינגסטע.

די עלטערע קינדער האָבן געהאַלטן דאָבען פאַר אַ נאַר, אַ טויגעניכטס. זיי האָבן זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיט איר; אָפּט מיט פייַנטשאַפט זי אָפּגעשטויסן, זי גערופן מיט פאַרשיידענע צונעמענישן; דאָס האָט פאַרביטערט איר לעבן.

די עלטערע קינדער זייַנען גראָד געווען איינע צו די אַנדערע איבערגעגעבן, נאָר זי איינע האָבן זיי פייַנט געהאַט.

צו דעם האָט זי אַלס קינד אַ סך געקרענקט. קיין קינדער־קראַנקהייַט האָט זי ניט אויסגעמיטן. זי איז געווען דאַר — הויט און ביין.

זי האָט געבענקט נאָך אַ צאַרט וואָרט, נאָך אַ גלעט, נאָך אַ קוש, נאָר זי האָט דאָס זעלטן פון עמיצן געקראָגן.

איר קלײַלעכדיק, אַנגענעם פּנימל איז שטענדיק געווען פאַראומערט, אירע קליינע ברוינע אייגעלעך זייַנען געווען פול מיט טרויער. זיי האָבן געקוקט מיט בענקשאַפט, ווי זיי וואָלטן געבעטן, מען זאָל זי אַמאָל אַנעמען פאַר אַ הענטל איר געבן אַ קוש.

ווען זי איז אַלט געווען פינף יאָר, איז איר פאָטער געשטאָרבן. די מאַמע האָט געהאַט אַ שפּייַז־געוועלבל. זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט גענוג געלט אַנצופילן די פּאָליצעס מיט שפּייַז; איז דאָס געוועלבל געווען האַלב־ליידיק. די אָרימקייט אין שטוב איז געווען גרויס. די מאַמע איז שטענדיק געווען פאַרהאָרעוועט, פאַר׳דאגה׳ט; ניט געהאַט די מעגלעכקייט אָפּצוגעבן זיך מיט די קינדער.

די עלטערע האָבן שוין איינע אויף די אַנדערע אַכטונג געגעבן. דאָבע האָט איינע אַליין אַרומגעבלאָנקעט, ווי אַ פאַרלאָרענע.

ווען די מאַמע האָט באַמערקט, אַז די עלטערע קינדער טשעפּען זיך צו דאָבען, האָט זי אויף זיי געשריגן. ס'האָט זיך געטאָן חושך. דאָבע איז זייער אָפּט געלאָפן צו דער מאַמען מיט אַ יאָמער געוויין:

— מאַמע! באַשע האָט מיך געשלאָגן!

איין מאָל לויפט זי אַרײַן אין געוועלבל צו דער מאַמען מיט אַ געוואַלד, האַלט זיך בײַם קאָפּ, יאָמערט, שרײַט מיט באַנומענע קולות: — מײַן קאָפּ! אוי, מײַן קאָפּ! נאָטע האָט מיר געגעבן אַ שטויס, בין איך מיטן קאָפּ געפאַלן אויפן עק פון טיש. עס טוט מיר שטאַרק וויי דער קאָפּ.

די מאַמע גייט צו איר צו, שאַרט אירע האָר, זוכט אַ צייכן פון קלאַפּ, נאָר זי זעט גאָרניט. פונדעסטוועגן לויפט די מאַמע אַרײַן אין שטוב און שרײַט:

— וואָס פאַר אַ קינדער זענט איר! איר זענט דאָך גזלנים, מערדער זענט איר!

זי כאַפּט דעם בעזים, ווײַל אויסלאָזן איר ביטער האַרץ צו נאָטען, נאָר ער כאַפּט זיך אַרויס און פאַרשווינדט.

די מאַמע בלײַבט שטיין אינמיטן שטוב מיטן בעזים אין האַנט; זי לאָזט אויס דעם כעס צו העניען, די עלטסטע פון די מיידלעך; שרײַט מיט גרויס אויפרעקונג:

— וואו ביסטו געווען, ווען דער מערדער האָט איר געגעבן אַזאַ שטויס? זי האָט דאָך געקאָנט חלילה צעברעכן זיך דעם קאָפּ. ס'איז וויי־און־ווינד, אַז די מאַמע איז פאַריאָגט, און זי קאָן ניט אַכטונג געבן אויף אירע קינדער. אָבער אַזאַ מויד, ווי דו, וואָלט געמעגט אַכטונג־געבן אויף די קלענערע, זיי זאָלן זיך ניט שלאָגן. ווינציק האָט דאָס קינד נעבעך געקרענקט? וויפיל מאָל, ניט הײַנט געדאַכט, האָט עס געהאַלטן, אַז אַט־אַט, די שעה זאָל ניט זײַן, און זי גייט אַוועק פון דער וועלט, ווי האָט מען דאָס ניט קיין רחמנות אויף אַ קינד, וואָס איז נעבעך אויסגעדאַרט, אויסגעטריקנט? וויי איז צו מיר, איר קאָנט דאָך

זי חלילה מאַכן פּאָר אַ קאַליקע! נאָך דאָס פעלט מיר צו מײַנע צרות. ניט גענוג, מײַן קאָפּ ווערט מיר צעבראָכן, איר זאָלט האָבן אַ שטיקל ברויט, דאַרף איך נאָך אַ צולאַג, דאָס קינד זאָל מיר פּאַרווײַנען דעם קאָפּ, אַז איר טוט איר אין טויט אַרײַן! העניע האָט געשוויגן. נאָך דער מאַמעס רייד האָט זי רואיק געזאָגט:

— ווי לאַנג וועט זי אַלץ זײַן בײַ דיר אַ קינד? אַ מויד פון אַכט יאָר איז ניט קיין קינד. דו נעמסט זיך אַלע מאָל אָן פאַר איר, און זעסט ניט וואָס זי טוט. זי איז ניט קיין מלאך! וויל ניט פאָלגן פון דאַנען אַהין.

די מיטלסטע, ציפּע, איז געקומען העניען צו הילף, זיך אַרײַנגעריסן און געשריגן:

— זי איז אַ ליגנערין; זי טראַכט־אויס זאַכן, מאַכט פון אַלץ אַ וועזן. אַז מען גיט איר אַ ריר, לויפט זי באַלד צו דיר מיט אַ יאָמער, גלײַך מען וואָלט זי געקוילעט. נעכטן האָט שעפּסל פאַר אַ געלעכטער איר געגעבן בלויז אַ טרייסל דאָס צעפּל, איז זי געלאָפן מיט אַ געוויין, אַז ער האָט איר געריסן די האָר.

די מאַמע האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ; מיט די בליקן געווענדט צו העניען און געזאָגט:

— בײַ דיר איז זי שוין אַכט יאָר אַלט. אַזוי פיל קרענק אויף מײַנע שונאים, וויפיל וואָכן עס פעלט איר צו אַכט יאָר.

ציפּען האָט זי אויך געענטפערט:

— בײַ אײַך, איז זי אַ ליגנערין, אַן אויסוואורף, דאָס ערגסטע אין דער וועלט. בײַ מיר איז זי אַ קינד ווי אַלע קינדער. ווער האָט שעפּסלען געהייסן, ער זאָל טרייסלען איר קאָפּ? בעסער טשעפּעט זי ניט; לאָזט זי צורו.

דאָבע איז בײַ די רייד געשטאַנען לעבן די מאַמען, געקוקט די שוועסטער אין די מײַלער, וואָס זיי האָבן גערעדט, און צום סוף אַרויסגעשריגן:

— מאַמע! גלויב זיי ניט!

ווען דאָבע איז עלטער געוואָרן און געוואָלט עפּעס טאָן אין

שטוב, האָבן די עלטערע שוועסטער געשריגן צו איר: — שלימזל, רוק זיך אָפּ! דו וועסט דאָך דאָס ניט טאָן, ווי מען דאַרף. דו טויגסט דאָך צו גאָר ניט.

אַז זי האָט אַ מאָל גענומען עפּעס טאָן, האָט זי מורא געהאַט: אפשר וועט טאַקע ניט טויגן. איז איר שוין אַלץ געפאַלן פון די הענט. זי האָט אַליין שוין אויך געגלויבט, אַז זי איז אַ טויגעניכטס, אַ נאַר, אַז אירע שוועסטער זײַנען טאַקע בריה'דיקער און קליגער פון איר.

זי האָט געטראַכט, אַז זי איז אַן אומגליקלעכע, אַז קיינער וועט זיך אויף איר ניט אומקוקן;

מענטשן וועלן פון איר לאַכן, חוזק־מאַכן. ניט איין מאָל האָט זי גערעדט צו זיך:

— צו וואָס דאַרף איך לעבן? איך האָב ניט געדאַרפט געבוירן ווערן!

זי האָט געגלויבט, אַז זי איז טאַקע אַ נאַר, און זי האָט אויס־געמיטן געזעלשאַפט; מורא געהאַט צו עפענען דאָס מויל.

ווען צו די עלטערע שוועסטער זײַנען געקומען חבר'טעס, פרײַנט, איז זי געזעסן אין אַ ווינקל געשוויגן מען זאָל זי ניט הערן און ניט זען. קיינער האָט זיך טאַקע אויף איר ניט אומגעקוקט.

אַז זי האָט אַ מאָל יאָ עפּעס געזאָגט, האָבן די שוועסטער שפּעטער געשריגן אויף איר: — אַז מען ווייסט ניט וואָס צו רעדן שווײַגט מען. דו דאַרפסט זיך ניט אָנרופן ווען עס קומען מענטשן.

דאָבע האָט שוין באַדויערט, וואָס זי האָט גערעדט. זי איז געווען זיכער, אַז די שוועסטער זײַנען גערעכט. — איך האָב טאַקע געדאַרפט שווײַגן — האָט זי זיך אַליין פאַרגעוואָרפן.

זי איז געווען דערשלאָגן און פאַראומערט, דאָס לעבן איז איר ניט געווען ליב.

זי האָט אָפט שטיל געוויינט, געהאַט אַ טענה צו גאָט: — גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך ניט באַשאַפן אַזוי קלוג, אַזוי געראָטן, ווי מײַנע שוועסטער און ברידער זײַנען?

זי האָט געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו זײַן אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך, זי האָט געטראַכט:

— ווען איך זאָל קענען שרײַבן און לייענען וואָלט איך געווען גליקלעך.

אירע שוועסטער און ברידער זײַנען אויך ניט געלערנטע. אייניקע פון זיי קענען בלויז קוים אַביסל לייענען, אָבער זיי לייענען גאָר ניט. זי וויל זייער קענען לייענען, כאָטש אַביסל אידיש. אָבער איר אָרימע מאַמע אין אַמאָליקן פוילן, האָט ניט געקענט צאָלן פאַר איר צו לערנען.

ווען צו איר עלטסטע שוועסטער ציפּע, איז געקומען אירע אַ פרײַנדין זי לערנען שרײַבן און לייענען אידיש האָט דאָבע זיך געשטעלט בײַ דער זײַט, מיט גרויס נײַגעריקײַט זיך צוגעקוקט און צוגעהערט.

ציפּע האָט ניט געקענט לײַדן, וואָס דאָבע שטייט בײַ דער זײַט קוקט וואָס זי שרײַבט און וואָס זי לייענט, האָט זי געזאָגט:

— וואָס שטייסטו דאָ, גיי שייל אָן קאַרטאָפליעס אויף וועטשערע

— נאָר דאָבע איז ניט געגאַנגען, זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

עטליכע מינוט שפּעטער גיט ציפּע מיט בייזקײַט אַ זאָג:

— אַוועק פון דאַנען, גיי שייל קאַרטאָפליעס!

דאָ האָט די פרײַנדינע זיך אָנגערופן:

— וואָס אָרט דיך, אַז זי שטייט, אפשר וועט זי אויך זיך עפּעס אויסלערנען פון קוקן.

דאָבע האָט געוואָלט אַרומנעמען די פרײַנדינע און זי קושן פאַר די ווערטער, און ציפּען האָט שוין ניט געפּאַסט זי אַוועקצויאָגן.

דאָבע האָט אָנגעהויבן קלײַבן פּאַפּיר, וואו זי האָט געפונען אַ שטיקל ווײַסע, ברוינע צי אַ שטיקל געלע פּאַפּיר האָט זי דאָס באַהאַלטן.

ווען ציפּע פלעגט אַרויסגיין פון שטוב, האָט דאָבע געכאַפּט דאָס העפט מיטן אויסגעשריבענעם אַלף־בית און נאָכגעשריבן.

אין אַ צײַט אַרום האָט דאָבע געשריבן און געלייענט בעסער פון ציפּען.

אין אַ זומער טאָג, ווען ציפּע איז אַוועק עפּעס קויפן, האָט דאָבע גענומען דעם בריוונשטעלער, וואָס די פרײַנדינע האָט איבער־געלאָזט ציפּע זאָל לייען, זי האָט זיך געזעצט פאַרן הויז און געלייענט.

די באַקאַנטע פּאָלאַ, וועמענס פאַרמעגלעכע עלטערן וואוינען אין צווייטן הויז, איז אַנגעקומען, דערזען דאָבע זיצט און לייענט איז זי צוגעקומען צו איר און ליבלעך געזאָגט:

— גוט מאָרגן דאָבעלע, וואָס לייענסטו, עפּעס אַ גוטער בוך? דאָבען איז דאָס בלוט געקומען אין פּנים. זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך אַביסל פאַרשעמט געזאָגט:

— ס'איז ניט קיין בוך, איך לייען אַ בריוונשטעלער.

— אַבי דו לייענסט עפּעס, דאָבעלע, איז גוט.

דאָבע האָט דאָס ערשטע מאָל אין איר זעכצן יאָר געהערט פאַרציען איר נאָמען, אָנרופן זי „דאָבעלע”. פּאָלאַ, וואָס האָט געקענט ניט נאָר אידיש, נאָר אויך גוט פּויליש שרײַבן און לייענען, האָט גענומען פון דאָבעס הענט דעם בריוונשטעלער אַרײַנגעקוקט און געזאָגט:

— אַז דו קענסט שוין לייענען קום מיט מיר, איך וועל דיר געבן אַ גוטן בוך צו לייענען.

דאָבע האָט זיך שטאַרק דערפרייט פון פּאָלאַס פרײַנטשאַפט. ווען זי האָט איר אַוועקגעגעבן דעם בוך האָט פּאָלאַ איר געגעבן אַנדערע ביכער. פּאָלאַ האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט דאָבען. יעדן בוך, וואָס דאָבע האָט איבערגעלייענט, האָט זי געהאַט חשק צו רעדן מיט פּאָלאַן, איר זאָגן וואָס זי האָט פון אים אַרויסגענומען, זי האָט געוואָלט וויסן, הערן פון פּאָלאַן צי זי האָט ריכטיק פאַרשטאַנען וואָס זי האָט געלייענט. פּאָלאַן איז אַלע מאָל געפעלן דאָבעס מיינונג, און זי געלויבט, ווי גוט זי פאַרשטייט יעדן בוך.

דאָבע איז שוין אַליין געגאַנגען אין ביבליאָטעק און גענומען

ביכער, אַז אַ בוך האָט זי פֿאַראינטערעסירט האָט זי פֿאַרגעסן אין עסן און אין שלאָפֿן, זי האָט יעדעס וואָרט געוואָלט אַרײַנזאַפּן און פֿאַר־געדענקען.

זי האָט זיך אַרײַנגעטראַכט אין די שילדערונגען, אין די טיפֿן. געוואָלט פֿאַרשטיין די העלדן, זייער כאַראַקטער, זייערע סיטואַציעס און די סיבות וואָס האָבן געפֿירט צו די האַנדלונגען. זי האָט געפֿילט זייערע איבערלעבונגען, זייערע לײַדן און זייערע שטימונגען.

אין טייל ביכער האָט זי דערזען זיך, אירע געפֿילן, אירע טראַכ־טונגען און שטרעבונגען, ווי אַ מענטש זעט זיך אין אַ שפּיגל, זעט זי דעם געראַנגל פֿון איר לעבן. זי וואָלט געשוואוירן אַז דער שרײַבער האָט טאַקע געמיינט זי צו שילדערן.

פֿאַלאַ האָט באַוואונדערט דאָבע׳ס זכרון, איר האָט אויסגעפּעלט ווערטער צו לויבן דאָבע׳ן פֿאַר איר באַנעמען, פֿאַר איר אַנאַליזירן און דעם אופֿן, ווי אַזוי זי ברענגט אַרויס אַלץ וואָס זי לייענט.

אָבער די דערשלאָגנקייט מיט די פּאַראומערטקייט איז פֿון דאָבע׳ן אַלץ ניט פֿאַרשוואונדן; ווי אַ וואָרעם זי געניאָגט, געפּרעסט איר האַרץ. זי האָט זעלטן געלאַכט, אויף איר רונדן, ערנסטן, מאָטן פּנים איז שטענדיק געלעגן אַן אומעט.

פֿאַלאַ איז אָפֿט געגאַנגען אין געזעלשאַפֿטלעכע קרײַזן, זי האָט ליב געהאַט צו הערן לעקציעס, פֿאַרלעזונגען און אָפּשאַצונגען איבער ביכער. אַלע מאָל האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָבע פֿאַרשטייט בעסער ווי די רעדנער וועמען זי הערט. אַ סך מענטשן האָט זי דער־ציילט ווי גוט דאָבע פֿאַרשטייט ליטעראַטור.

פֿאַלאַ האָט געמאַכט איר אַזאַ שם אַז מענטשן האָבן געוואָלט מיט איר זיך באַקאָנען.

פֿאַלאַ האָט אָנגעהויבן בעטן דאָבע׳ן זי זאָל מיט איר גיין וואו זי גייט. דאָבע האָט ניט געוואָלט, זי האָט געזאָגט: — אין דײַנע קרײַזן קומט דאָך די אינטעליגענץ פֿון שטאָט, וואו קום איך אַהין?

אָבער פֿאַלאַ האָט זי ניט אָפּגעלאָזט ביז ס׳איז איר געלונגען זי מיטצונעמען.

איין מאָל בײַ אַן אָפּשאַצונג און דיסקוסיע איבער אַ וויכטיק ווערק, וואָס דאָבע האָט שוין פריער מיט פּאָלאַ'ן וועגן דעם גערעדט, האָט פּאָלאַ געהאַלטן אין איין רעדן צו דאָבע'ן:

— נו, דאָבעלע, זאָג דײַן מיינונג, שעם זיך ניט. זאָל מען הערן פון דיר אַ וואָרט.

דאָבע איז געוואָרן רויט, ווי אַ בוראַק, נאָר פּאָלאַ האָט זי ניט אָפּגעלאָזט. דאָבע'ן האָבן הענט און פיס זיך געטרייסלט, מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ האָט זי אין קורצן געזאָגט איר מיינונג.

פון אַלע רעדנער האָט זי געקראָגן די גרעסטע אַפּלאָדיסמענטן.

פון דעמאָלט אָן איז דאָבע אָפט געגאַנגען צו לעקציעס, און פאַרלעזונגען, ספּעציעל האָט זי ליב געהאַט צו הערן אָפּשאַצונגען וועגן שרײַבער און ביכער. זי האָט אַלץ געוואָלט מער וויסן, און בעסער פאַרשטיין.

פאַר דאָבע'ן האָט זיך געעפנט אַ נײַע וועלט, אַ קוואַל פון שעפּן וויסן, און זי האָט שוין אָפט גענומען אַנטייל אין דיסקוסיעס.

איין מאָל בײַ אַ דיסקוסיע וועגן אַ באַרימטן שרײַבער און זיינס אַ ווערק, וואו צווישן אַ גרויסן עולם זײַנען געווען אויך שרײַבער און אַ רעדאַקטאָר פון אַ זשורנאַל, האָט דאָבע זיך אָנגענומען מיט מוט און אַרויסגעזאָגט איר מיינונג, אַלע אין זאַל זײַנען איבעראַשט געוואָרן, ווי זאַכלעך, טיף און ריכטיק זי האָט באַנומען און אָפּגעשאַצט דעם שרײַבער און זײַן ווערק. זייער אַ סך האָבן געדריקט איר האַנט, זי געלויבט.

בײַ די ענדע איז צו איר צוגעקומען דער רעדאַקטאָר, געדריקט איר האַנט און געזאָגט:

— אײַער אָפּשאַצונג איז אַן אויסגעצייכנטע, איר האָט זייער אַ גוטן חוש פאַר ליטעראַטור, אַז איר וועט אָנשרייבן דאָס, וואָס איר האָט דאָ געזאָגט וועל איך זײַן צופרידן אַזאַ גוטע רעצענזיע צו דרוקן אין מײַן זשורנאַל. טוט דאָס, איך בעט אײַך.

דאָבע האָט אים אָנגעקוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, ניט געגלויבט, אַז ער מיינט טאַקע אויף אַן אמת וואָס ער זאָגט, איר האַרץ

האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן, זי האָט ניט געוואוסט צי פון פרייד, וואָס זי האָט אויסגענומען מיט איר רעדן, צי אפשר פון צווייפל, מיינענדיק, אַז דער רעדאַקטאָר חוזק'ט גאָר פון איר.

באַלד זײַנען צוגעקומען אויך די שרײַבער און אויסגעדריקט זייער באַגײַסטערונג פאַר איר אויסטײַטשונג. אויפן וועג אַהיים האָט זי געטראַכט:

— ווי איז מעגלעך פאַר מיר צוצוטרעטן צו אַזאַ וויכטיקער, אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט, אַ רעצענזיע איבער אַ גרויס ווערק?

פונדעסטוועגן איז דער פאָרשלאָג פונם רעדאַקטאָר ניט אַרויס פון איר געדאַנק, די ווערטער זײַנען איר געלעגן אין קאָפּ.

אויף מאָרגן האָט זי געקראָגן דעם בוך, נאָך אַ מאָל געלייענט, פאַרשריבן געוויסע שטעלן. זי האָט אויסגעברייטערט איר אָפּשאַץ בײַם שרײַבן, און דאָס אַרײַנגעשיקט דעם רעדאַקטאָר. ניט לאַנג וואַרטנדיק, איז איר אַרבעט אָפּגעדרוקט געוואָרן. זי האָט געהאַט זייער גוטע אָפּרופן.

פון דעמאָלט־אָן האָט דער רעדאַקטאָר זי ניט אָפּגעלאָזט. ווען ער האָט געוואָלט האָבן אַ רעצענזיע איבער אַ נײַ־דערשינענעם בוך, האָט ער די אויפגאַבע געגעבן דאָבע'ן.

זי האָט דאָס געערן, מיט ליבשאַפט אָנגענומען דאָס צו טאָן.

אירע אָפּשאַצונגען איבער ביכער זײַנען מיט אַ סך לויב אויפגענומען געוואָרן.

זי איז באַרימט געוואָרן אַלס אַ גוטע ליטעראַטור־קריטיקערין.

זי האָט געדענקט, ווי אַזוי אירע שוועסטער און ברידער האָבן געהאַלטן פון איר, אַז זי איז אַ גרויסער נאַר און אַ טויגעניכטס. די אָנערקענונג, וואָס זי האָט געקראָגן אַלס אַ ליטעראַטור קריטיקערין, האָט אָפּגעשטויסן איר דערשלאָגנקייט. זי איז אינגאַנצן אַרויס פון איר פאַראומערטקייט. זי האָט גאָר דערפילט אַ דערהויבנקייט.

אין אַ פּענסיאָנערן־קלוב

דער שרײַבער פּיניע בורשטיין איז געקומען אין פּענסיאָנערן־קלוב צו זען זײַנעם אַ באַקאַנטן.

בײַם אַרײַנקומען אין גרויסן, גראַמען צימער, זעט ער: אין אַ ווינקל בײַ אַ טישל שפּילן מענטשן אין קאָרטן; אַרום זיי זיצן עטלעכע אַנדערע און קוקן. אין אַן אַנדער ווינקל שפּילט מען אין דאָמינע; דרײַ מענער קוקן זיך צו. אין מיטן צימער בײַ אַ וואַנט שפּילן צוויי מענער אין שאַך, און צוויי קוקן זיך צו.

פֿון אַ צווייטן צימער האָט דער פֿאַרוואַלטער פֿון קלוב דערזען פּיניען און אויסגערופֿן אויף אַ קול:

— מיר האָבן אַ חשובן גאַסט.

ער איז צוגעקומען צום שרײַבער, אים געגעבן די האַנט און געזאָגט:

— איך בין צופֿרידן צו זען אײַך. וואָס האָט אײַך געבראַכט צו אונדז?

— איך בין געקומען זען מײַן לאַנדסמאַן, בערל פֿינקלשטיין, — האָט פּיניע געלאָסן געזאָגט און אַרומגעקוקט זיך איבערן זאַל.

— אַ שאָד! פּונקט הײַנט איז בערל נישט אַרײַנגעקומען. אָבער ס'איז גוט וואָס איר זענט געקומען. איר מעגט זיך באַקענען מיט אונדזער קלוב. עס קאָן אײַך אַמאָל צונוצקומען אין אײַער שרײַבן.

באַלד זײַנען צוגעקומען פֿרויען און מענער, אַרומגערינגלט דעם גאַסט, געוואָלט זיך באַקענען מיטן שרײַבער.

דער פֿאַרוואַלטער האָט באַמערקט, ווי פּיניע באַטראַכט די וואָס זיצן בײַ די טישלעך. זיי זײַנען אַזוי אַרײַנגעטאָן אין שפּילן, אַז זיי זעען נישט, וואָס עס טוט זיך אין זאַל. זאָגט ער צו פּיניען.

— מיינט נישט, אַז אַלע בײַ אונדז שפּילן קאָרטן. מיר האָבן דאָ קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע אַקטיוויטעטן אויך. עס קומען־פֿאָר בײַ

אונדז פֿאַרשידענע פֿאַרווײַלונגען. מיר האָבן פֿאַרלעזונגען און דיסקוסיעס איבער פֿאַרשידענע פֿראַגן.

אַ הויכער, דאַרער מאַן מיט אַ בלאַס פּנים, מיט ווייכע גוט־מוטיקע גרויע אויגן, רופֿט זיך אָן:

— פֿאַרוואָס דערציילט איר נישט דעם חשובֿן גאַסט, אַז מיר האָבן אַ כאָר, אַ דראַמאַטישע סעקציע, אַז ס'ווערן בײַ אונדז דורכגעפֿירט פֿײַנע פֿאָרשטעלונגען מיט געזאַנג.

אַ פֿרוי מיט אַ פֿאַרב־פֿאַרשמירטן פֿאַרטוך, שיין־פֿאַרקאַמט די גרויע געלאָקטע האָר, האָט זיך מיט שטאָלץ אָנגערופֿן: — איר האָט פֿאַרגעסן צו זאָגן דעם גאַסט, אַז מען מאָלט אויך בײַ אונדז. ער מעג זען, — האָט זי מיט שײַנענדיקע ברוינע אויגן געווענדט דעם בליק צום שרײַבער — אייניקע פֿון די בילדער, וואָס ווערן דאָ געמאָלן פֿון אונדזערע מענטשן, וואָלט מען געמעגט אַרײַנשטעלן אין שענסטן מוזיי.

אַ מיטל־וואוקסיקער מאַן מיט אַ פֿולן קאָפּ ווײַסע האָר שטייט אַ שמייכלדיקער. זײַנע בלויע אויגן פֿינקלען מיט פֿרישן גלאַנץ. ער האָט געמאַכט אַ טריט נענטער צום גאַסט און געזאָגט צופֿרידן:

— מײַן גאַנץ לעבן האָב איך געהאַט אַ פֿאַרלאַנג צו מאָלן בילדער, אַרויסברענגען אויף קאַנווע די לאַנדשאַפֿט פֿון מײַן קליין שטעטל אין דער אַלטער היים מיט די היימישע טיפּן, וואָס זײַנען פֿון דער יוגנט אָן געבליבן אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון, נאָר דאגות־פּרנסה האָבן נישט דערלאָזט צו טאָן וואָס איך האָב געוואָלט. מײַנע שטרעבונגען האָב איך אָבער נישט אויפֿגעגעבן. איצט, אַז איך האָב דערלעבט אַוועקצושטעלן דאָס שווערע פּרעס־אײַזן, מיט וועלכן איך האָב אַלע מײַנע יאָרן געפּרעסט קליידער, האָב איך זיך גענומען צום גרינגן פּינזל — בײַ די רייד לויפֿט ער אַרײַן אין אַ צווייטן צימער, און ברענגט אַרויס אַ מאָלערײַ: אַ פֿעלד מיט יונגע אויפֿגייענדיקע שפּראָצונגען; אין מיטן פֿעלד אַ שמאָלע סטעזשקע; בײַ דער זײַט — אַ נידעריק, ברייט־צעוואַקסן ביימל, באַשאָטן מיט ווײַס־ראָזלעכער בליאונג.

דער גאַסט נעמט דאָס בילד אין זײַנע הענט, באַטראַכט אַלע דעטאַלן, און זאָגט:

— זייער שיין געמאָלן.

— אָט דאָס בילד, וואָס איר זעט — זאָגט דער מאַן צופרידן פון פּיניעס מיינונג — דאָס איז דער וועג, וואו מיר, יונגע חברה, אינגלעך מיט מיידלעך, פלעגן גיין הינטערן שטעטל אויף „מאַיאָווקע". מיר פלעגן זיך אַרויסלאָזן גאַנץ פרי מיטן טאָג צוגלייך, אַמאָל פאַרגיין אין אַ נאָענטן דאָרף טרינקען וואַרעמע מילך גלײַך פון דער קו געמאָלקן; אַמאָל איז מען אַוועק אין וואַלד. אונדזער וואַלד האָט געהאַט אַ טראַגישע געשיכטע. איר קענט האָבן אַ גוטע טעמע פאַר אַ דערציילונג.

בײַ דעם מאַן האָט מיטאַמאָל אויפגעוואַכט דער „אַמאָל", און ער האָט מיט געפיל אָנגעהויבן דערציילן:

— אין 1905, ווען איך בין נאָך געווען גאָר אַ יונגער יאַט, אין אַ זומערדיקן שבת בײַטאָג, זײַנען זיך צונויפגעקומען אין וואַלד אַרום הונדערט יונגע אַרבעטער אָפּצוהאַלטן דאָרט אַ געהיימע פאַרזאַמלונג. זײַנען אָנגעריטן צעווילדעוועטע קאָזאַקן און מיט די הוילע שווערדן אָנגעהויבן מערדערלעך צו סאַבליעווען איבער די מענטשן. זיי זײַנען מיט די פערד אַרויף אויף די מענטשן, זיי געטראָטן און געהאַקט מיט די שווערדן, ווי אין האָלץ אַרײַן. ס'איז געווען אַן אמתע בלוט־באָד. מיר מיט נאָך צוויי איז געלונגען צו אַנטלויפן. מיר זײַנען אַרײַן אין דעם קאָרן און דאָרט געלעגן ביז בײַנאַכט. אויף מאָרגן איז מען געקומען צונויפקלייבן אָפּגעהאַקטע אויערן, מענטשלעכע הענט מיט באַזונדערע פינגער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין וואַלד.

אַ פרוי מיט אַ קײַלעכדיקער פלייצע, ווי עס וואָלט געלעגן אויף איר אַ לאַבן ברויט, האָט זיך אַרײַנגערוקט אין רעדל אַרום דעם שרײַבער, איבערגעריסן יענעם רייד און געזאָגט: — דאָס האָב איך געמאַכט אַ פיגור פון מײַן טאַטן. — זי שטופּט דעם גאַסט פאַר די אויגן אַן אויסגעקלעפּטע פיגור פון אַן אַלטן איינגעבויגענעם ייִד מיט אַ קורץ בערדל און גרויסן פּאַק אויף דער פלייצע. זי האָט אויך געוואָלט דערציילן איר לעבנס־געשיכטע, געבן פּיניען „אַ טעמע פאַר

אַ ווערק״, נאָר אַ הויכער, דיקער מאַן מיט אַ האַלב־נאַקעטן קאָפּ, מיט אַ קײַלעכדיק פּנים, האָט זי אָפּגעשטופּט אין אַ זײַט און באַוויזן דעם גאַסט זײַנס אַ בילד און געזאָגט: — איר זעט? אָט דאָס מיידל אויפן בילד מאָל איך שוין צום זעקסטן מאָל. איך האָב אַמאָל אין דער אַלטער היים ליב געהאַט אַ מיידל, אַ מיידל אַ גאָלד — שיין, גוט, קלוג, מיט אַלע מעלות. זי האָט מיך אויך ליב געהאַט. פאַר מײַן גיין צום „פּריזיוו״, בין איך אַוועקגעפאָרן. איך האָב נישט געוואָלט דינען פאָניעז. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל זי קאָנען באַלד אַריבער־נעמען קיין אַמעריקע, נאָר, אַזוי ווי איך בין אַהער געקומען, האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. אוי, די מלחמות, זאָלן נישט געדאַכט זײַן. חוץ דעם, וואָס עס ווערן אויסגעהרגעט מענטשן, ווערן די לעבן־געבליבענע אויך אומגליקלעך. אין דער מלחמה־צײַט איז זי קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און אַוועקגעשטאָרבן. איך קען זי נישט פאַרגעסן. זי שטייט מיר פאַר די אויגן. פּרוביר איך זי אויסמאָלן, אָבער זי קומט נישט אַרויס בײַ מיר אַזוי ווי איך געדענק זי.

אַ פרוי מיט אַ שטאַרק־צעקנייטשטן פּנים שטופּט זיך מיט אירס אַ בילד. זי האָט אויסגעמאָלן אַן האַרבסטיקן בוים מיט טרוקענע צווײַגן: אויפן סאַמע שפּיץ בוים הענגען עטלעכע פאַרוויאַנעטע, געל־ברוינע בלעטער. זי הייבט דאָס בילד איבער די קעפּ, שטופּט זיך צווישן די מענטשן, קומט־אַרײַן אין מיטן ראָד און באַווײַזט דעם שרײַבער. איידער פּיניע האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַטראַכטן דאָס בילד, זאָגט זי שטיל מיט אַ שוואַך קול:

— מענטשן אויף דער עלטער ווערן אַמאָל אַזוי ווי אַ האַרבס־טיקער בוים. ווען איך דערצייל אײַך מײַן לעבנסגעשיכטע, וואָלט איר געקאָנט אָנשרײַבן אַ גאַנצן בוך.

אַן אַנדער פרוי, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר, מיט אַ גלײַכער שיין־פאָרמירטער פיגור, מיט מאַט־ברוינע אויסגעלאָשענע אויגן, ריין אָנגעטאָן, אָפּגעצויגן אירע לאַנגע גלײַכע האַלב־גרויע, האַלב־שוואַרצע האָר, רוקט זיך צו נעענטער לעבן שרײַבער און הויבט־אָן מיט אַ הויכער שטים: — ווען איך וואָלט געקענט שרײַבן, אַזוי ווי

איר, וואָלט איך אָנגעשריבן מער ווי איין בוך פון מײַנע איבער־לעבונגען, פון מײַן אייגענער דערפאַרונג. מײַן געשיכטע קאָן זיך צו קיינעם נישט פאַרגלײַכן. איך זוך אַזאַ מענטשן, ווי איר, וואָס זאָל מיך אויסהערן.

זי האָט מיט דער האַנט אַ וויש געטאָן אירע פײַכטע ליפּן און זיך פאַרנומען צו דערציילן, נאָר אַן אַלטע פרוי, מיט אַ שטאַרק־אײַנגע־בויגענער פּלייצע, האָט זיך אַרײַנגעריסן אין אירע רייד און געזאָגט:
— ווען איך דערצייל אײַך, וויפיל צרות איך האָב געהאַט אין מײַן לעבן, וואָלט איר אָנגעשריבן דרײַ ביכער.

דער שרײַבער האָט זיי געוואָלט טרייסטן. זאָגט ער: — קיינער פון אונדזערע מענטשן האָט נישט געהאַט קיין גרינג לעבן. אַבי מיר האָבן איבערגעלעבט די שוועריקייטן, און מען קאָן איצט פרײַער אָפּ־אָטעמען. אַזאַ קלוב ווי בײַ אײַך, מיט אַזויפיל אַקטיוויטעטן, איז אַ ברכה פאַר די מענטשן.

אַ מאַן מיט אַ שמייכלדיקן פּנים און אַ מונטערן בליק אין זײַנע אויגן גיט צופרידן אַ זאָג צו די, וואָס דערמאָנען זייערע צרות:
— וואָס טויגן אײַך די אַלטע מעשׂות? מען דאַרף זײַן צופרידן, אַז מען האָט דערלעבט אַ צײַט, וואָס מען קאָן אַראָפּוואַרפן פון זיך די אַמאָליקע לאַסטן מיט די דאגות. אַז ס'איז נישטאָ מער דער יאָך פון פּרנסה, דאַרף מען זײַן צופרידן און זען דערכאַפּן וואָס מען האָט נישט געקענט טאָן אין די יונגע יאָרן. מיר דאַרפן אויסנוצן די צײַט צו דערכאַפּן, וואָס מען האָט פאַרלוירן; צו פאַרווירקלעכן די אַמאָליקע טרוימען, אַזוי ווי איך טו. איך האָב שטענדיק ליב געהאַט געזאַנג; ס'האָט זיך מיר נאָר געוואָלט זינגען. אפילו זיצנדיק בײַ דער מאַשין, האָב איך געברומט אַ ניגון, נאָר נישט אַלעמאָל האָט מען מיר געלאָזט זינגען, אַז דער באַלעבאָס, צי דער פאָרמאַן, האָט דערהערט, איז ער באַלד צוגעקומען מיר זאָגן: „דאָ איז נישט קיין אָפּערע. דו ביזט נישט אויף קיין בינע. דאָ דאַרף מען אַרבעטן". אָבער הײַנט זינג איך און קיינער שטערט מיר נישט. חוץ דעם וואָס איך זינג אין אַ כאָר, און מען שטעלט מיך נאָך אַמאָל אַרויס פאַר אַ סאָליסט, גיי איך זינגען בײַ

קליינע אונטערנעמונגען, בײַ „הויז־פּאַרדיס״, און טראָג־צו מײַן חלק צום געזעלשאַפטלעכן לעבן, און פּרוביר דערכאַפּן, וואָס איך האָב פאַרלוירן.

אָדער נעמט, אַשטייגער, דעם אידן — גיט ער אַ ווײַז מיט דער האַנט אויף אַ הויכן מאַן מיט אַ געבויגענעם רוקן, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, מיט אַן אײדל, אויסגעצויגן פּנים — ווען אַט־דער איד לייענט־פאַר, איז אַ פאַרגעניגן צו הערן. ס׳מעגן געוויסע פּראָפעס־יאָנאַלן קומען צו אים זיך לערנען.

דער מאַן שמייכלט און זאָגט צופרידן — ס׳איז קיינמאָל נישט צו־שפּעט. איצט האָב איך די געלעגנהייט, טו איך דאָס, וואָס איך האָב אַלעמאָל ליב געהאַט צו טאָן.

אַ נידעריקע, דיקלעכע פרוי מיט טונקל־געפאַרבטע האָר האָט ראַפּטאַם, מיט אַ נישט־צופרידענעם טאָן אַ זאָג־געטאָן צום זינגער מיטן פאַרלייענער:

— מעסט נישט אַן אײַער היטל אויף אַלעמען. נישט יעדערער איז גלײַך. ווען מען וואָלט געקאָנט אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון פּרנסה און זיך אָפּרוען פון דער אַרבעט כאָטש מיט אַ צען יאָר פריער, וואָלט מען נאָך אפשר געקאָנט עפּעס דערכאַפּן, אַרויסקומען מיט פייאיקייטן, וואָס מען האָט; אָבער אַז מען דאַרף שלעפּן די לאַסט ביז די זעכציקער, איז שוין נישט גרינג צו דערכאַפּן, וואָס מען האָט אין די יונגע יאָרן געקאָנט באַווײַזן. ניט בײַ איין מענטש ווערן פאַר־טעמפּט די פייאיקייטן. אַט נעמט מיך: איך האָב ליב געהאַט טאַנצן. טאַנצן איז געווען מײַן לעבן. ווען איר זעט, ווי אַזוי איב האָב אַמאָל געטאַנצט! אָבער נאָך יאָרן זיצן אויפן בענקל בײַ דער מאַשין, זײַנען די פיס פאַרהאַלצערט געוואָרן. זיי טראָגן זיך נישט מער מיטן אַמאָליקן שוואונג, און דער אָטעם איז אויך נישט ווי אַמאָל; אפילו דער ווילן איז אָפּגעטעמפּט געוואָרן.

פיניע בורשטיין האָט באַמערקט, ווי אַנדערע שאָקלען־צו מיטן קאָפּ. זיי באַשטעטיקן, וואָס די פרוי זאָגט, ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, געטראַכט אויף וואָס ער זאָל זיך פריער אָפּשטעלן. אַנדערע

האָבן זיך געריסן צום וואָרט: געוואָלט דערציילן פון זייער לעבן, געבן דעם שרײַבער „אַ טעמע צו שרײַבן", נאָר ס׳איז געוואָרן שפּעט. דער פאַרוואַלטער האָט געלאָזט וויסן, אַז ס׳איז צײַט צו פאַרמאַכן דעם קלוב.

דער „פּיקניק"

דאָס אָרט, וואו דער פּיקניק האָט געדאַרפט פאָרקומען, איז געווען באַקאַנט: פּאָר אַ פאַשיסטיש, ראַסיסטישער, אַנטיסעמיטישער געגנט.

דער באַרימטער שוואַרצער זינגער, „פּאָול ראָבסאָן" האָט דאָרט געדאַרפט אויפטרעטן, רעדן און זינגען, האָט מען זיך געריכט, עס קאָנען פאָרקומען אומרוען, אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן דורכצופירן דאָרט דעם פּיקניק.

די זון איז אין יענעם פרימאָרגן אויפגעגאַנגען אַ צעפלאַמטע, מיט אַלע סימנים, אַז זי וועט זיך שפּעטער ניט באַהאַלטן. מיט היציקן אָנזאָג האָט זי פאַרזיכערט, אַז זי וועט דעם גאַנצן טאָג הייס באַשטראַלן די ערד מיט אַלץ וואָס אויף איר געפינט זיך.

דער הימל האָט מיט אַ בלאַסער בלויקייט זיך אַרויפגעהויבן הויך. אין דער לויטערער לופט האָבן זיך די האָריזאָנטן אָפּגערוקט, דערווײַטערט די הימל־ברעגן בײַ דער ערד.

צו דער באַשטימטער צײַט און אָרט, זײַנען פּינקטלעך אָנגע־קומען די אַרויספאָרער. דער וואַרימער שיינער וועטער האָט צוגעזאָגט אַ דערפּאָלגרײַכן פּיקניק.

צוויי באַסעס זײַנען שוין געשטאַנען מיט אָפענע טירן גרייט אַרײַנצונעמען די מענטשן, און די צוגעקומענע האָבן טאַקע באַלד אָנגעהויבן אַרײַנגיין און פאַרנעמען די פּלעצער, און אין עטלעכע מינוט אַרום איז מען שוין געפאָרן אויפן וועג צו דעם באַוואוסטן זומער פּלאַץ, אַרום פּיקסקיל.

אײַן פּלאַץ אין באַס איז געבליבן ליידיק. דער מאַן, וואָס האָט געדאַרפט פאַרנעמען דאָס אָרט, האָט זיך ניט געוואָלט זעצן. ער איז געבליבן שטיין בײַ דער טיר. עטוואָס אָנגעבויגן, אָנגעשפּאַרט די

האַנט אויף דער טיר, האָט ער מיט שטילע, טיפֿע גרוילעכע אויגן געקוקט אויף די פּאַרער.

ער האָט אויסגעקוקט צו זײַן אַ מאַן אין די פערציקער מיט אַ גרויסן שטערן, וואָס מען האָט ניט געוואוסט, וואו ער פּאַרענדיקט זיך. עס איז אויך געווען שווער צו באַשטימען צי ער איז אַ איד, צי ניט.

אַ פרוי, וואָס איז געזעסן לעבן שאָופער, האָט זיך צוגעבויגן צו דעם שטייענדיקן און אים עפּעס שטיל געזאָגט. דער מאַן האָט זיך אויסגעגלײַכט, אויסגעצויגן די האַנט אויף דער פּאָליצע, אַראָפּ־גענומען פון דאָרטן אַ פּעקעלע פּאַפּירן מיט אָפּגעדרוקטע לידער, אַדורכגעגאַנגען דעם באָס און יעדערן אײַנגעטיילט אַ פּאַפּיר. נאָכן אויסטיילן, האָט ער זיך ווידער אָװעקגעשטעלט אין זײַן פריער־דיקער פּאָזיציע, אַ פיר געטאָן מיט אַ שמייכלענדיקן בליק איבער אַלעמענס פּנימער און מיט אַ לויטערן קול געזאָגט:

— אַז מען פאָרט אויף אַ פּיקניק דאַרף מען זינגען, — און ער האָט טאָקע דער ערשטער פאַרצויגן אַ ניגון.

מילי, אַ מיטליאָריקע אַרבעטערין, אויף וועמען דער מאַן בײַ דער טיר האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן גוטן אײַנדרוק, האָט זיך צעלאָזט מיט איר סאָפּראַנאָ. זי האָט מיט איר שטים ווי געוואָלט ציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דעם מאַן בײַ דער טיר, ער זאָל איר זאָגן, אַז זי זינגט שיין, אָדער כאָטש זיך ווענדן צו איר, איר פרעגן וועגן וועלכן עס איז ליד, צי זי געדענקט פון אויסווייניק. אין איר קאָפּ האָבן זיך שוין אָנגעהויבן וויקלען פריידיקע געדאַנקען.

דער מאַן האָט זי אָבער גאָר ניט געפרעגט, קיין וואָרט צו איר ניט געזאָגט. ער האָט זײַן אויפמערקזאַמקייט געטיילט צווישן אַלע־מען גלײַך.

די יונגע פרוי לעבן שאָופער האָט אים ווידער עפּעס שטיל געזאָגט, און ער האָט ווײַטער אָנגעפירט מיט'ן געזאַנג.

מסתמא זײַן ווײַב, — האָט מילי אַ טראַכט געטאָן מיט אַ לײַכטן קנאה־בליק אויף יענער.

— ניין, זי איז צו יונג, פּאַסט צו זײַן זײַנע אַ טאָכטער, — האָט זי פּרובירט אָפּשלאָגן דעם געדאַנק, אַז יענע איז זײַן פרוי.

מיטאַמאָל האָט מען אויפגעהערט זינגען. דורך די באָס פענצטער האָט מען דערזען אויסגעשטעלטע רײַען אַרבעטער־יאַטן. זיי באַגריסן יעדן אָנקומענדיקן באָס. זיי שטייען שטאָלץ און אָנטשלאָסן און רירן זיך ניט פון די רײַען, ווי גרייט צו באַשיצן די אָנקומענדיקע מענטשן פון עמיצן, וואָס ווילן צעשטערן דעם אַרויספאָר.

אויף די אָנקומענדיקע פאַלט אַן ערנסטקייט. עס פאַרשווינדט די זינגענדיקע פרייד.

— אַ שוץ־וואַך? — האָט זיך בײַ אַ טייל אַרײַנגעריסן די ניט־קלאָרע פראַגע. אַז עס שטייט אַ שוץ־וואַך מוז דאָך עפּעס זײַן ניט אין אָרדענונג, — האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן.

אָבער קיינער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין אומרואיקייט. די שוץ־רײַען האָבן אַרומגערינגלט דעם גאַנצן פּלאַץ. דאָס זײַנען מערסטן געווען מלחמה־וועטעראַנען, אויסגעדינטע סאָלדאַטן, וואָס ווייסן ווי אָנצוהאַלטן דיסציפּלין.

מילי קוקט זיך אַרום, זי וויל זען דעם מאַן, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן געזאַנג אין באָס. זי קאָן אים אָבער ניט געפינען, ער איז פאַר־שוואונדן פון אירע אויגן.

און מענטשן קומען דערווײַל אַן אַלץ מער און מער. עס ווערט ענג אויפן פּיקניק פּלאַץ. אַלע וואַרטן אויף דעם גרויסן זינגער, וואָס האָט צוגעזאָגט צו קומען.

אַרום אַ גרויסן, געדיכט פאַרצווײַגטן בוים האָט די וואַך געשלאָסן נאָך אַ קרײַז, אין וועלכן מ׳האָט אַרײַנגענומען דעם זינגער, און באַלד האָט מען דערהערט זײַן געזאַנג, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם פון די מענטשן אויפן פּיקניק־פּלאַץ און אויף אַ ווײַלע אײַנגע־שטילט דעם טומל פון דרויסן.

מילי איז געווען אין אַן אויפגעלעבטער, פריילעכער שטימונג. זי האָט ניט געקאָנט פאַרגעסן אין דעם מאַן אין באָס. זי קוקט זיך אײַן איבער די קעפּ פון עולם און דערזעט אים אין דעם ענג

געשלאָסענעם קרײַז אַרום דעם זינגער אונטערן בוים. אַ צופרי־דענער שמייכל צעגיסט זיך איבער איר פּנים. זי וועט באַלד צו אים צוגיין און זיך נעבעטער מיט אים באַקענען...

נאָכן זינגען האָט זי זיך געאײַלט אָפּצוזוכן דעם באָס, מיט וועלכן זי איז געקומען. די אַנדערע פּאַסאַזשירן זײַנען אויך באַלד אָנגע־קומען. צוויי מענטשן פון אַן אַנדער באָס זײַנען צוגעקומען אַ ביסל פאַרזאָרגט וואָס זייער באָס איז נישטאָ. זיי ווייסן ניט וואו ער איז אַהינגעקומען.

דער פריערדיקער מאַן, וואָס האָט ווי געװנומען אויף זיך דעם שוץ פון די אַרויספאָרער, האָט זיך באַוויזן. ער האָט מיט זײַנע טיף גרויע אויגן אַרומגענומען די פאָרער, און ווען ער האָט דערהערט אין וואָס עס גייט, האָט ער געזאָגט צו די צוויי:

— גייט אַרײַן, אײן איבעריקער פּלאַץ איז פאַראַן, און מיטן צווייטן וועט מען זיך אַן עצה געבן.

אויסגעזעצט אַלעמען אין גאָס, האָט ער זיך ווידער אַוועק־געשטעלט בײַ דער טיר אין דערזעלבער פּאָזיציע וואָס פריער.

דער באָס האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט דורך פּריוואַטע קאַרס און באָסעס אויפן וועג. נאָך עטלעכע מינוטן פאָרן האָט דער מאַן, וואָס איז געשטאַנען אַן באַוועגונג, מיט אַ רואיקן טאָן געזאָגט:

— די פענצטער דאַרף מען פאַרמאַכן.

פון צווייטן עק באָס האָט עמיצער מיט אַן אויפגערעגטן קול געזאָגט:

— מען באַוואַרפט די באָסעס מיט שטיינער...

העכט האָבן זיך געצויגן, מען האָט אַראָפּגעלאָזט און פאַרמאַכט אַלע פענצטער.

אַ צוויי־יאָריק קינד האָט געפּאַטשט מיט די הענטלעך אין שויב, געוואָלט די מאַמע זאָל עפענען דאָס פענצטער. ווידער האָט דער מאַן בײַ דער טיר באַפוילן:

— נעמט אַוועק דאָס קינד פון פענצטער!

מילי, נאָך אַלץ אַן אויפגעלעבטע, האָט שטיל אָנגעהויבן ברומען

אַ לידל. אַנדערע האָבן שוין אויך געפּרואווט איר אונטערהאַלטן. נאָר פּלוצלינג האָט אַ קנאַל פון אַ שטיין ווי אַ דונער אַ זעץ געטאָן און צעקנאַקט מיט אַ מוראדיקן בראַזג אַ שויב. דאָס צווייייאָריקע קינד האָט פון גרויס שרעק זיך שטאַרק צעוויינט. די מאַמע האָט טוליענדיק דאָס קינד צום האַרצן פּרובירט עס איינשטילן. נאָר באַלד האָבן נאָך שטיינער גענומען זעצן אין די פענצטער, שטיקלעך גלאָז האָבן אַ שפּרונג געטאָן פון אַן אויסגעזעצטער שויב. די פרוי בײַם פענצטער האָט זיך אָנגעכאַפּט בײַם נאַקן. אַ שטראָם בלוט האָט אַ שפּראָץ געטאָן און אָנגעהויבן רינען איבער איר פּלייצע.

דער מאַן בײַ דער טיר האָט זיך אײַנגעבויגן, שנעל צוגעגאַנגען צו דער פרוי, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּעקעלע גאַזע, צוגע־דעקט און פאַרבונדן די וואונד, און באַפוילן: אַלע זאָלן זיך אַראָפּ־זעצן.

טייל האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד, אַנדערע האָבן זיך אַראָפּגעבויגן אונטער די פענצטער. מיט אַ מוראדיקן טראַסק האָט אַ צווייטע שויב אַ בראַזג געטאָן און אַ שווערער שטיין איז איבער די קעפּ געפאַלן. אַ גערודער האָט זיך אויפגעהויבן:

— מען דאַרף אָפּשטעלן דעם באַס! צוריקשלײַדערן די שטיינער פון וואַנען זיי קומען! — האָבן זיך דערהערט שטימען.

— אָט שטייען דאָך גאַנצע מחנות פּאָליציי, וואָס טוען זיי גאָר ניט? — האָבן אַנדערע געפרעגט.

— זיי גיבן אַכטונג אַז די שטיינער זאָלן טרעפן אין ציל — האָט זיך עמיצער אָנגערופן.

— אָפּשטעלן דעם באַס! האָבן זיך איבערגעחזרט די שטימען. נאָר דער מאַן בײַ דער טיר האָט געהייסן פאָרן.

דער שאָפער האָט געהאַלטן דאָס רעדל, ווי ניט אים מיינט מען. פּלוצלינג האָט די פאַרנט׳דיקע שויב אַ שפּריץ געטאָן מיט גלאָז. אַ שטיקל גלאָז האָט אַ שטאָך געטאָן דעם טרײַבערס האַנט און געבליבן שטעקן. ער האָט דאָס מיט דער צווייטער האַנט אַ וויש געטאָן, אַרויסגענומען, אָפּגעווישט דאָס ריטשקעלע בלוט און מיט אַ קללה

אויף די ליפּן, מיט אימפּעט אָנגעהויבן פֿאָרן, איבעריאָגנדיק איין באָס נאָכן צווייטן.

— זעט, זעט! — אַלע פענצטער פון יענעם באָס זײַנען צעשמעטערט, קיין איין גאַנצע שויב ניט... מיר זײַנען נאָך גוט אָפּגעקומען, בלויז פינף צעבראָכענע שויבן, — האָט עמיצער באַמערקט, ווי ער וואָלט געטרייסט די איבערגעשראָקענע און אויפגעברויזטע.

מילי, וואָס האָט פריער אַזוי געוואָלט באַקענען זיך מיט דעם מאַן, וואָס איז דעם גאַנצן וועג געשטאַנען בײַ דער טיר, האָט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן אירע פריערדיקע געדאַנקען. מיט אַ האַרץ, פאַרגליווערט פון שרעק און ווייטאָג, האָט זי זיך דערמאָנט אין פּאָגראָם, וואָס זי האָט דורכגעלעבט און פונקט אַזוי געפילט נאָך זייענדיק אַ קינד אין דער אַלטער היים פון צאַרישן רוסלאַנד. און ווען זי האָט זיך ווידער דערמאָנט וועגן דעם מאַן בײַ דער טיר, איז פאַר אירע אויגן אויפגעשוואומען אַ פּירער פון אַן אַמאָליקער זעלבסט־שוץ...

אויף דער עלטער

בעסי קאַפּלאַן, איז אַ גרויסע בריה, זייער אַן ענערגישע, אַ ווײַבל אַ ברען.

זי איז נישט קיין הויכע. מען קאָן זאָגן, אַ קליינע, אַ דינע זײַער אַ רירעוודיגע, ווי אַ קוועקזילבער. אַלץ לעבט אין איר.

אירע קורץ געשוירענע, געלאַקטע, ברוינע האָר זײַנען שטענדיק צעוואָרפן אויף איר שמאָל קעפּל. דאָס פּאַסט איר גראָד צו איר לענגלעך, מאַט, טונקל פּנים מיטן פּאַריסענעם נעזל. פון אירע ברוינע, כמעט שוואַרצע אויגן שטראַלט אַרויס אַ פינקלדיקע, אַנגענעמע, ליבע וואַרימקייט.

זי קאָן טאָן אַ סך זאַכן. אויף פיל געביטן איז זי גאָר פּעאיק, נאָר זי האַלט זיך נישט בײַ דעם, אויף וואָס זי איז ספּעציעל פּעאיק, זי וויל אַלץ אַרײַנכאַפּן.

זי קען זינגען, טאַנצן, דערציילן וויצן, אַנעקדאָטן אָן אַ שיעור. זי מאַכט מענטשן צום לאַכן. וואו זי קומט אין אַ הויז, ברענגט זי אַרײַן פרײַלעכקייט, עס ווערט אַ יום־טוב אין דערוואַכן. זי קען אויך שטריקן, העפטן, נייען און נאָך פאַרשיידענע זאַכן. וואָס די אויגן זעען קאָנען די הענט מאַכן.

איר ענערגיע לאָזט איר נישט זיצן אַ מינוט ליידיק. שטענדיק טוט זי עפּעס. זי נייט אַלץ אַליין פאַר זיך און פאַר אירע צוויי מיידלעך. אַפילו פאַר מעקסן, איר מאַן, נייט זי העמדער און פּידזשאַמעס. ווען אירע מיידלעך זײַנען געווען קליין, זײַנען זיי שטענדיק געווען אויסגעפּוצט. אַפילו די ליאַלקעס פאַר די קינדער האָט זי אויך אַליין געמאַכט. דאָס זײַנען געווען ליאַלקעס אויפן וואונדער, ביז היינט פאַרנעמען זיי בײַ אירע פאַרהייראַטע טעכטער אין זײַערע היימען אַן אַנגעזען אָרט. ווער שמועסט איר קאָכן, באַקן, איר אויפנעמען געסט. צו דעם איז נישטאָ איר גלייכן.

אין שטוב בײַ איר מוז אַלץ זײַן פּינקטלעך אויפֿן אָרט, שײַן, אַקוראַטנע, פֿאַרפּוצט, מיט אַלײן אויסגעשטריקטע טישטעכלעך, אויסגעהאָפּטענע האַנטעכלעך, האַנט־געמאַכטע קישעלעך און אַנדערע פֿאַרשײדענע קלײניגקײטן.

זי האָט אַ הנאה פֿון איר אַרבעט, איר איז גאָרנישט צו שווער. זי טוט אַלץ שנעל אַפֿ, אונטערזינגענדיק אַ לידל.

כאָטש זי איז אַ סך פֿאַרנומען מיט דער ווירטשאַפֿט האָט זי פֿונדעסטוועגן צײַט צו גײן זען אַ פֿילם, אַ טעאַטער־פֿאָרשטעלונג. זי כאַפּט נאָך אַמאָל אַרײַן אַ קונסט־אויסשטעלונג, זי וועט נישט דורכלאָזן קײן גוטן קאָנצערט און זי באַוויַזט נאָך אַרײַנצוקוקן אין אַ צײַטונג און אַמאָל אין אַ בוך אויך.

זי האַלט, אַז מען דאַרף אַרײַנכאַפּן וויפֿיל עס לאָזט זיך, ווי לאַנג מען האָט כּוח. זי שרעקט זיך פֿאַר דער עלטער. זי מײנט אַז ווען אַ מענטש גײט אַריבער די זעכציק יאָר, דאַרף ער שוין גאָר נישט, אַז ער איז שוין אָפּגעלעבט, אויסגעלאָשן, האָט נישט מער דעם דראַנג, די שטרעבונג צו דערגרײכונגען. ער דאַרף בלויז זײַן רואיק, פֿאַרנומען מיט זיך, מער אינטערסירט אים נישט. ווײל זי אַרײַנכאַפּן וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך אײדער זי ווערט עלטער.

מעקס, איר מאַן, איז פּונקט דאָס פֿאַרקערטע פֿון איר. ער איז אַ רואיקער, געלאַסענער מענטש, ניטש קײן אײַנרײַסער, אַ מיטלוואוקסיקער, אַ דיקלעכער. זײַנע גלײַכע, בלאָנדע האָר האָבן אָנגעהויבן ווערן פֿרי גרוי.

ער איז אַ שווערער אַרבעטער, פֿון פֿאַך אַ סטאָליער. ער שטאַט אויס געשעפֿטן, רעסטאָראַנען, מאַכט פֿאַר זײ טישן מיט שטולן און נאָך אַנדערע זאַכן. ער אַרבעט פֿאַר זיך, לײגט ער אַרײַן אָן אַ שיעור אומגעצײלטע שעה׳ן, אַמאָל אַרבעט ער ביז שפּעט אין אָוונט.

זײַנע העל־בלויע אויגן קוקן אויס שטענדיק מיד, ווי זײ וואָלטן זיך גענויטיקט אין אַביסל שלאָף. ער איז אָן איבערגעגעבענער, געטרײער מאַן צו זײַן ווײַב און פֿאָטער צו זײַנע קינדער. ער איז נישט נאָר אַ זאָרגער, נאָך אויך אַ פֿאַרזאָרגער. ער וויל זײַן ווײַב מיט

די קינדער זאָלן האָבן דאָס נויטיקסטע, וואָס זײַ דאַרפֿן איצט און זײַן פֿאַרזאָרגט אויך אויף שפּעטער, ווי אַ זאַך מאַכט זיך מיט אַ מענטש.

כאָטש עס האָט אים נישט געפֿעלט דער דאָלער, האָט ער אָבער מורא געהאַט פֿאַרן מאָרגן, אפֿשר וועט קומען אַ צייט, ער וועט זיך נויטיקן אין געלט. זי וויל פֿאָרן זען דאָ דאָס לאַנד און אַנדערע לענדער, ער איז נישט אַלע מאָל גרייט נאָכצוקומען זײַן ווײַב׳ס פֿאַרלאַנגען. ער האַלט אין איין רעדן צו איר:

— איצט איז נישט די צײַט פֿאַר מיר צו לויפֿן מאַכן גרויסע רייזעס, וואָרט־צו, בעסילע — האָט ער זיך בײַ איר געבעטן, — די קינדער וועלן אויפֿוואַקסן, זײַ וועלן נישט דאַרפֿן אונזער הילף, איך וועל נישט האָבן דעם גרויסן עול פֿון פּרנסה, דעמאָלט וועלן מיר קאָנען רואיק, געמיטלעך געניסן פֿון אונזער לעבן, איצט וועט מיר נישט באַקומען.

ווען בעסי האָט געהערט די רייד איז זי געוואָרן אויפֿגעבראַכט, זי פֿלעגט שרייען:

— דו לייגסט אַלץ אָפּ אויף דער עלטער! דעמאָלט וועט זײַן צו שפּעט, מיר וועלן שוין גאָר נישט דאַרפֿן. דו פֿאַרשטייסט נישט, אַז אויף דער עלטער ליגט נישט אין זינען קיין פֿאַרגעניגן. וועמען גלוסט זיך שפּעטער ערגעץ גיין, צי פֿאָרן? וואָס מען כאַפּט נישט אַרײַן אין די אינגערע יאָרן, דאָס האָט מען נישט.

מעקס האָט אָבער אַלץ גע׳טענה׳ט דאָס זייניקע, ער האָט מיט גוטן פּרובירט איר דערקלערן:

— דו ווילסט נישט פֿאַרשטיין, אַז איך בין אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט, פֿאַרנומען מיט פּראָבלעמען איבערן קאָפּ, קיין ערגערניש פֿעלט אויך נישט בײַ דער אַרבעט, קאָן איך נישט אין מיטן דערינען כאַפּן זוכן פֿאַרגעניגנס, ווען מײַן קאָפּ איז נישט דערבײַ.

זי האָט נישט אָנגענומען זיין טענה און געהאַלטן אים אין איין פֿאַרוואַרפֿן, שרייען:

— דו האָסט אַן אויסגעלאָשענע נשמה, ביסט אַ טויטער

מענטש, האָסט נישט קיין שום פאַרלאַנגען צו גאָרנישט, דו דאַרפסט נישט מער ווי נאָר אַרבעטן, עסן און שלאָפן!

ער איז נישט מיד געוואָרן איר צו זאָגן:

— וואַרט, וואַרט בעסילע, דו וועסט זען, ווען איך וועל זיך באַפרײַען פון מײַנע פליכטן וואָס עקבערן מײַן מוח, וועסטו זען ווי אַזוי איך וועל נעמען דאָס לעבן.

ווען מעקס קאַפּלאַן האָט קוים דערצויגן צו ווערן אַ פּענסי־אָנער, האָט ער אויפגעגעבן זײַן אַרבעט און געזאָגט:

— איצט, אַז מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר דאָלער קיין דאגות פרנסה האָב איך נישט, די קינדער זײַנען פאַר זיך אײַנגעאָרדנט, איז פאַר אונז די בעסטע צײַט אַ הנאה צו האָבן פון לעבן.

מעקס וואַרט נישט בעסי זאָל אים זאָגן וואו זי וויל גיין פאַר־ברענגען. נישט פרעגנדיג בײַ איר, ברענגט ער אַלע מאָל בילעטן צו קאָנצערטן, אין טעאַטער. זײַ האַלטן אין איין גיין און אַרומפאָרן. ווי גיך זײַ קומען פון אַ וואַקאַציע, צי פון אַ רייזע, פּלאַנירט ער באַלד וואו ערגעץ אַנדערש צו פאָרן.

זי האָט זיך קיינמאָל פריער נישט פאָרגעשטעלט אַ מענטש אין די יאָרן, ווי מעקס איז, זאָל האָבן אַזעלכע פאַרלאַנגען צו וועלן פאַרברענגען.

מעקס האַלט אין איין זוכן וואו צו גיין, וואו צו פאָרן, זען שיינע, אינטערעסאַנטע זאַכן. איר איז אַזש אַמאָל שווער אים נאָכצוקומען. זי האָט זיך נישט געקאָנט קיין מאָל פאָרשטעלן, ער זאָל קאָנען ווערן אַזוי אַרײַנגעטאָן, צו וועלן האָבן פאַרגעניגן. זי זעט פאַר זיך איצט גאָר אַן אַנדערן, נישט דעם זעלבן מעקס'ן.

אַפילו צו איר פערזענלעך האָט ער אַן אַנדער באַציאונג, ער ווײַזט אַרויס מער וואַרימקייט, מער ליבשאַפט, ווי ער האָט דאָס ווען ס'איז פריער געטאָן. ערשט איצט זעט זי איין, אַז ווען אַ מענטש איז פריי פון זאָרג, פריי פון פליכטן, ער האָט נישט קיין יאָך אויפן קאָפּ, איז ער גאָר אַנדערש אויפגעלייגט צום לעבן, מען ווערט אַן אַנדערער מענטש.

מער פון אַלץ איז בעסי פון זיך אַליין איבערראַשט. זי זעט, אירע געפילן זײַנען איצט אויך וואַך, איר באַגער צו דערגרײַכונגען איז נישט פאַרשוואונדן, אַפילו נישט קלענער געוואָרן מיט די יאָרן, די פאַרלאַנגען צו וועלן געניסן פון אַלץ און אַלעמען זײַנען בײַ איר כמעט ווי געווען. אַמאָל גלויבט זי גאָר נישט ווי אַלט זי איז, זי פילט זיך פריש און יונג. איצט איז זי איבערצייגט, אַז אַפילו אויף דער עלטער קאָן מען נאָך אויך עפּעס דערגרײַכן און אַ הנאה האָבן פון לעבן. ס׳איז טאַקע אַזוי, ווי איר מאַן האָט אַלע מאָל געזאָגט, אַז אויף דער עלטער, אַז מען איז נאָר געזונט, איז די בעסטע צײַט פון לעבן.
דאָס זײַנען די רואיקסטע, די ריכטיק אמת׳דיקע גאָלדענע יאָרן.